STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02548

FUN UNZER ALTEN OYTSER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון אונזער אַלטען אוצר

געקליבענע פערל פון אונזערע אַלטע קוואַלען און
כל׳ערליי ספרים, פון די ראשונים און אחרונים,
איינגעטיילט אויף די סדרות פון דער תורה.

געזאַמעלט און בעאַרבייט
פון ב. יאושזאָהן

צווייטער באַנד | במדבר
דברים
חמש מגילות
ימים-טובים

וואַרשא — תרצ״ב

אַלע רעכט, סיי פֿון גאַנצען ספר, סיי פֿון
טיילווייזען איבערדרוקען, אָדער איבער־
זעצען, בעהאלט דער מחבר פאַר זיך.

Copyright 1932 by M. JUSTMAN, Warszawa, Twarda 16 m. 6.

Printed in Poland.

B. JEUSZSOHN
FUN UNZER ALTEN OJCER
Warszawa 1932.

Składano w drukarni M. NOMBERGA, Warszawa, Leszno Nr. 19.
Odbito w druk. Uniwersalnej, Warszawa, Długa 26. tel. 11.60-19.

ספר במדבר

בַּמִּדְבָּר

שאו את־ראש כל־עדת בני־ישראל... (א, ב.)

דעריבער האָט די תורה געהייסען צעהלען די אידען, כדי בשעת זיי וועלען ווערען מפוזר ומפורד צווישען די פעלקער, זאָלען זיי צווישען זיי נישט בטל ווערען, דען — „דבר שבמנין אפילו באלף לא בטל"...

(חדושי הרי"ם)

○

תפקדו אותם לצבאותם אתה ואהרן. (א. ג.)

ביידע זאָלען צעהלען — „אתה ואהרן"... ווייל ביי דער צעהלונג האָט מען גענומען פון יעדען א האַלבען שקל, און ביי געלד־נעהמען מוזען זיין צוויי: „צדקה נגבית בשנים"...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

○

איש ראש לבית־אבותיו הוא. (א, ד.)

נישט מיט דער הילף פון יחוס־אָבות זאָל ער ווערען אַ מנהיג, נישט דורך תקיפות און נישט מיט'ן כח פון עשירות, נאָר — „ראש לבית־אַבותיו הוא", ער אַליין זאָל זיין ראוי דערצו, דער יחוס דאַרף זיך אָנהויבען פון איהם גופא...

(כלי חמדה)

אין צאַנז איז געווען אַ ראש־הקהל, אויף וועלכען מען פלעגט מורמלען, אַז ער האָט שיטערע פינגער און איז נישט אַזוי שטאַרק נזהר אין קהל'יש געלד. איינמאָל איז געקומען צופאָהרען אין שטעדטעל א גרויסער גביר, וועלכער האָט מנדב געווען אויפ'ן בית־המדרש גאָר א פיינע מטבע; דער ראש־הקהל אָבער האָט זיך געמאַכט נישט־וויסענדיג און האָט דאָס

געלד אָראָבגעלאָזט צו זיך אין קעשענע. איז דער עולם געוואויר געוואָרען, און מען איז געקומען מיט אַ געוואַלד צו רבי חיים צאַנזער:

— סטייטש, רבי, אַזאַ זאַך!

— זייט וויסען, — ענטפערט זיי רבי חיים, — אַז אויף יענער וועלט איז פאַרהאַן אַ בעזונדער שטוהל אין גן־עדן פאַר ראשי־הקהל, וואָס זענען עוסק בצרכי־צבור באמונה; אָבער עד־היום שטעהט די שטוהל לעדיג, קיי־נער איז נאָך אויף איהר נישט געזעסען. ווילט איהר, אַז אויף איהר זאָל זיצען דוקא דער צאַנזער ראש־הקהל?...

O

אלה קרואי העדה... (א. טז.)

אָהן זיי, אָהן אַ בעראַטונג מיט די קרואי־העדה, טאָר די עדה קיין שום זאַך נישט טהון...

(אבן־עזרא)

———

דער ווילנער גאון האָט געהאַט אָבגעמאַכט מיט די שטאָדט־פּרנסים, אַז זיי זאָלען איהם נישט רופען צו קיין שטאָדטישע אַסיפות, סיידען עס וועט זיך האַנדלען וועגען איינפיהרען אַ נייע תקנה. ויהי היום — האָבען די פּרנסים בעשלאָסען איינצופיהרען אַ תקנה, אַז מען זאָל נישט אריינלאָ־זען אין ווילנא קיין פרעמדע אָרימעלייט; האָבען זיי צונויפגערופען אַן אַסיפה און איינגעלאַדען דעם גאון. דער גאון איז געקומען. דערהערענדיג וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, רופט ער זיך אָן צו זיי:

— כ׳האָב דאָך מיט אייך אָבגעמאַכט, איהר זאָלט מיך נישט רופען אויף קיין אַסיפות, סיידעז עס וועט זיך האַנדלען וועגען איינפיהרען אַ נייע תקנה.

— געוויס, רבי, — ענטפערן זיי, — אָט ווילען מיר דאָך טאַקע מאַכען אַ נייע תקנה.

— ניין, — ערקלערט דער גאון, — דאָס, וואָס איהר ווילט מאַכען, איז אַן אַלטע תקנה, נאָך פון די „ארבע ארצות״.

— אַ תקנה פון די „ארבע ארצות״? — חידוש׳ן זיך די פּרנסים. — מיר וויסען גאָרנישט דערפון. אין פּנקס פון די „ארבע ארצות״ ווערט אַזאַ תקנה נישט דערמאָהנט.

— כ׳מיין נישט די היינטיגע, — ענטפערט דער גאון, - נאָר די אַמאָ־ליגע אַרבע אַרצות: „סדום ועמורה, אַדמה וצבוים״; דאָס האָבען זיי נאָך איינגעפיהרט די תקנה. נישט אַריינצולאָזען צו זיך קיין פרעמדע אָרימעלייט...

O

בני נפתלי... (א. מב.)

פאַרוואָס שטעהט ביי אַלע אַנדערע שבטים „לבני", און ביי נפתלי — „בני"? —

ווייל די אַלגעמיינע צאָהל פון דער אידישער בעפעלקערונג איז שוין געווען בעקאַנט פנן פריהער, פון דער ערשטער צעהלונג. איצט האָט מען בלויז געדאַרפט פעסטשטעלען די צאָהל פון איטליכען שבט בעזונדער, און צו דעם צוועק האָט מען יעדען פון זיי געדאַרפט אַרויסרופען און איבער־צעהלען. דער לעצטער צו דער צעהלונג איז געווען דער שבט נפתלי, און איהם האָט מען שוין נישט געדאַרפט ספּעציעל אַוועקשטעלען זיך און צעה־לען, מחמת קוים האָט מען שוין געהאַט געצעהלט אַלע איבריגע שבטים און קוים איז שוין פון פריהער בעקאַנט געווען די צאָהל פון דער אַלגע־מיינער אידישער בעפעלקערונג, איז דאָך שוין ממילא קלאָר געווען, פון וויפיעל נפשות עס בעשטעהט דער שבט נפתלי... דעריבער שטעהט שוין דאָ נישט „לבני", נאָר סתם — „בני"; דאָס הייסט, אַז דאָסמאָל האָט מען שוין פערשפּאָרט צו צעהלען, דאָ איז שוין פון זיך אַליין פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז די צאָהל פון „בני נפתלי" איז כך וכך...

(רבי שאול מאַמשטערדאַם)

○

ואתה הפקד את הלוים... (א. נ.)

דערויף ווערט געזאָגט אין בעל־הטורים: „שנים במסורה וכו' וזהו שאָמרו אין אָדם נעשה שומר מלמטה, אלא אם־כן נעשה רשע מלמעלה".

אויך דער רמב"ם אין פּירוש אויף אָבות (פּרק א', משנה ט') ברענגט דאָס אַלס מאַמר חז"ל, שרייבענדיג: „כמו שאָמרו, כיון שנתמנה אָדם פרנס על הצבור מלמטה נעשה רשע מלמעלה". אָבער רבי צבי חיות און אויך רבי יוסף־בער מבריסק בעמערקען דערויף אין זייערע הגהות, אַז אַזא מאַמר געפינט זיך כלל נישט אין תלמוד און אויך נישט אין די מדרשים; אין סנהדרין ק"ג ווערט בלויז געזאָגט: „כיון שנעשה אָדם רש מלמטה נעשה רש מלמעלה". סיידען מען זאָל אָננעהמען, אַז אָנשטאָט „רש" דאַרף זיין „ראש", אָדער „רשע"...

בשעת רבי ראובעלע דענעבורגער איז געווען רב אין נעסוויזש, האָט ער גענומען דריי גילדען אַ וואָך. נישט קאָנענדיג מעהר איבערטראָגען די ביטערע נויט, האָט ער זיך אָנגעטהון אַ כח און געבעטען אַ גילדען אַ הוספה. האָט קהל גערופען אַן אַסיפה און ס'איז געבליבען — מען זאָל

איהם קיין הוספה נישט געבען!... רבי ראוב'על'ע האָט קיין ברירה נישט געהאַט און ער האָט געמוזט אַרויספאָהרען פון נעסוויזש.

הינטער'ן שטעדטעל האָט ער געהייסען אָבשטעלען די פוהר: טאָמער וועט זיך קהל מיישב זיין און איהם רופען צוריק... ס'איז איהם נעבעך שווער געווען אַוועקצוגעהן פון נעסוויזש, וואו ער איז אָבגעווען אַזוי פיעל יאָהרען.

איז אַ שליח אַוועק צום פרנס און האָט איהם דערצעהלט, אַז דער רב וואַרט הינטער'ן עירוב.

— אומזיסט זיין וואַרטען, — האָט שטרענג געענטפערט דער פרנס, — זאָל ער פאָהרען נישקשה, פאַר דריי גילדען אַ וואָך וועלען מיר קריגען אַנ'אַנדער רב...

רבי זלמן מרגליות פון בראָד איז געווען אַ גרויסער גאון און דערצו אויך אַ גרויסער עושר. ער האָט געוואוינט אין בראָד ווי אַ רייכער בעל-הבית. איינמאָל האָבען די ראשי-הקהל, צונויפקומענדיג זיך אויף אַנ'אַסיפה, איהם געשטעלט גאָר אַ הויכען „עטאַט", אַ סומע פון פינף הונדערט גילדען. האָט זיי רבי זלמן געלאָזט רופען און געזאָגט:

— דאָס האָב איך געוואוסט, אַז פון אַ גביר נעהמט איהר וואָס-ווייניגער און פון אַנ'אָרימאַן וואָס-מעהר. געוואוסט האָב איך אויך, אַז אויף אַ בן-תורה לעגט איהר אַרויף אַ גרעסערן שטייער און אויף אַנ'עם-הארץ אַ קלענערן. ביי מיר איז נאָר געווען אַ קלער: וואָס טהוט מען מיט אַזאַ איינעם, וועלכער איז אי אַ בן-תורה, אי אַ גביר? צי זענט איהר מיט איהם מיטיב, ווייל ער איז אַ גביר, אָדער איהר בעגעהט זיך מיט איהם ווי מיט אַ בן-תורה?... איצט איז מיר שוין קלאָר; איצט ווייס איך שוין, אַז קוים איז איינער נישט קיין עם-הארץ, מעג ער זיין אפילו אַנ'עושר, רייסט איהר פון איהם די הויט...

○

ובנסוע המשכן יורידו אותו... (א. נא.)

וואַנדערן, נע-ונד זיין, ברענגט צו ערנידערונג. צו שפלות: „ו ב נ ס ו ע — י ו ר י ד ו"...

(רבי משה קאָברינער)

○

והזר הקרב יומת. (א. נא.)

„מקרא זה על מי נאמר? — אפילו על דוד מלך ישראל". (שבת ל"א)

וואָס איז די רבותא „אפילו מלך"? — ווייל ביים ענין פון שמן-המשחה דרש'ענט די גמרא (כריתות ו'), אַז דער איסור פון „ואשר יתן ממנו על זר" איז אויף אַ מלך נישט חל, דען דער מלך הייסט נישט קיין „זר". די רביתא איז, אַלזאָ, אַז דאָ, ביי דער עבודה פון די לויים, איז אויך דער מלך אין כלל פון „זר" און אויך אויף איהם איז חל דער „והזר הקרב יומת"...

(תורה תמימה)

○

והחונים קדמה מזרחה דגל מחנה יהודה... (ב. ג.)

די פיער דגלים האָבען סימבאָליזירט די פיער מעלות און מדרגות, וואָס צוזאַמען שטעלען זיי פאַר מיט זיך, לויט'ן אויסדרוק פון די חז"ל, די מענשליכע שלמות, נעמליך: „אין השכינה שורה כי-אם על חכם, עשיר, גבור ועניו". אַלזאָ, דער „דגל מחנה יהודה" האָט מרמז געווען אויף תורה און חכמה — „לא יסור שבט מיהודה ומחוקק מבין רגליו"; דער „דגל מחנה ראובן" — אויף דער מדה פון עניוות, וועלכע איז די שענסטע פון אַלע מדות, מחמת אויף ראובנ'ען ווערט געזאָגט, אַז „הודה ולא בוש"; דער „דגל מחנה אפרים" — אויף גבורה: „לפני אפרים וכו' עוררה את גבורתך"; דער „דגל מחנה דן" — אויף עשירות, אויף די „עגלי זהב" פון שבט דן...

(כלי יקר)

○

וימת נדב ואביהוא... ובנים לא היו להם... (ג. ד.)

אין פלוג, צוליב וואָס ווערט דאָ דערצעהלט „ובנים לא היו להם"? וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צום ענין? — נאָר די גמרא זאָגט (בבא-בתרא קט"ז): „דוד שהניח בן כמותו נאמרה בו שכיבה, יואב שלא הניח בן כמותו נאמרה בו מיתה". דערדאָזיגער מאמר חז"ל איז, אַלזאָ, דייטליך דאָ אָנגעוויזען אין פסוק: „וימת נדב ואביהו"... פאַרוואָס ווערט אויף זיי געזאָגט „וימת"? ווייל — „ובנים לא היו להם"...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

○

פקוד את בני לוי... כל־זכר מבן־חדש... (ג. טו.)

די בני־ישראל זענען געווען אָנגעוויזען אויף א י י ג ע נ ע ם יחוס און דעריבער האָט די צעהלונג אַרומגענומען נאָר יענע, וועלכע זענען געווען „מבן עשרים שנה ומעלה", ערשט דאַן זענען זיי אָנערקענט געוואָרען אַלס טויגבאַרע און נוצליכע מענשען... די בני־לוי דאַגעגען האָבען דעם יחוס זייערען איבערגענומען בירושה, יחוס־אָבות, זיי זענען גלייך געבוירען גע־וואָרען פאַרטיגע לויים, וועלכע דאַרפען נישט וואַרטען אויף קיין געוויסער צאָהל יאָהרען, און די צעהלונג זייערע האָט דעריבער אַרומגענומען — „כל־זכר מבן־חדש"...

(רבי יוסף־שאול נאַטאַנזאָהן)

○

כל פקודי הלוים... שנים ועשרים אָלף. (ג. לט.)

דערפאַר איז די צאָהל פונ'ם שבט לוי געווען בעדייטענד קלענער פון אַלע אַנדערע שבטים, ווייל דאָס, וואָס די בני־ישראל האָבען זיך אין מצרים געפרוכפערט שלא כדרך־הטבע, איז געווען צוליב'ן קושי־השעבוד: „וכאשר יענו אותו — כן ירבה וכן יפרוץ"... די לויים אָבער זענען צו דער אַרבייט נישט בענוצט געוואָרען, זיי זענען נישט געווען אין כלל פון שעבוד — זענען זיי דעריבער נישט אַריין אין כלל פון דער ברכה...

(רמב"ן)

נָשׂא

את־הלוים למשפחותם... (ד, מו.)

פארוואס האט גאט ליעב די צדיקים? — ווייל זיי זענען נישט קיין „נחלה", נישט קיין דינאסטיע. די כהנים זענען א דינאסטיע, די לויים זע־נען א דינאסטיע, וואס געהט־איבער בירושה. זאל א געוועהנליכער מענש װעלען װערען א כהן, אדער א לוי, קאן ער עס נישט, ווייל זיין פאטער איז קיין כהן און קיין לוי נישט געוועז; אבער א צדיק קאן איטליכער מענש ווערען — אפילו א גוי, ווייל דאס איז נישט קיין ירושה־זאך, נישט קיין „בית־אב". און דעריבער שטעהט: „בית אהרן ברכו את ד', בית הלוי ברכו את ד', יראי ד' ברכו את ד'"... עס שטעהט נישט: „ב י ת יראי ד'", דען „יראי ד'" זענען פרייוויליגע, פון זיך אליין, עס קומט נישט בירושה...

(במדבר רבה)

ביי רבי יאשע־בער בריסקער איז אמאל געזעסען אנ'אנגעזעהענער ווילנער בעל־הבית. ביים געזעגענען־זיך זאגט צו איהם רבי יאשע־בער:

— אז איהר וועט קומען קיין ווילנא, וועט איהר אזוי גוט זיין און לאזען דארט גריסען די אידען, וועלכע האבען נישט קיין הייזער.

פערשטעהט נישט דער איד, וואס ער מיינט דערמיט. ערקלערט ער איהם:

— עס שטעהט: „בית אהרן ברכו את ד', בית הלוי ברכו את ד', יראי ד' ברכו את ד'"... פארוואס שטעהט אויך נישט „ב י ת יראי ד'"? — ווייל די באמת פרומע, עהרליכע אידען האבען נישט קיין הייזער...

בשעת מען האט אנגעזאגט דעם חדושי־הרי"ם די בשורה, אז עס איז ארויסגעגעבען געווארען אין ווארשא אנ'ערלויבעניש, דאס אידען מע־

גען קויפען הייזער אויף זייער נאָמען, האָט ער אַ זיפץ געטהון און געזאָגט:
— דאָס איז נישט קיין בשורה, נאָר אַ גזירה!...

○

מכל-חטאת האדם — למעול מעל בה'... (ה. ו.)

די זינד, וואָס איין מענש בעגעהט געגען צווייטען, ווערט אויך פער-רעכענט אַלס זינד און פערראַט געגען ג אָ ט...

(חובת הלבבות)

רבי משה קאָברינער פלעגט זאָגען:
— מיין טאַטע זכרונו לברכה האָט געהאַלטען, אַז צו די פיער שלחן-ערוך'ס איז נאָך פאַרהאַן אַ פינפטער — ווי אומצוגעהן זיך מיט מענשען. און א י ך האַלט, אַז ס'איז נאָך פאַרהאַן אַ זעקסטער — ווי אומצוגעהן זיך מיט אונמענשען...

והתודו את חטאתם אשר עשו והשיב את אשמו בראשו... (ה. ז.)

בשעת מען זעהט אַ מענשען, וועלכען מען האַלט פאַר אַנ'עהרליכען מאַן, אַ צדיק, אַז עס געהט איהם שלעכט, איז מען דאַמאָלס מתרעם אויפ'ן אויבערשטען: היתכן? וואו איז דער יושר? פאַרוואָס קומט עס איהם?... אָבער בעת דערדאָזיגער מענש איז זיך מתודה און זאָגט-אויס זיינע זינד, דאַן איז „והשיב את אשמו בראשו" — ווערט קלאָר, אַז די שולד איז אין איהם זעלבסט, אַז דאָס האָט ער זיך אַליין גורם געווען דאָס שלעכטע...

(רבי יוסף-שאול נאַטאַנזאָהן)

○

ואיש את-קדשיו לו יהיו... (ה. י.)

מען האָט אַמאָל געפרעגט — אַזוי דערצעהלט מען — דעם פרומען פראַנקפורטער ראָטשילד, וויפיעל ער פערמאָגט, זאָל ער האָבען דערויף גע-ענטפערט: „ואיש את-קדשיו — לו יהיו"... פאַר ז י י נ ס, פאַר זיין זיכער פערמעגען האַלט ער בלויז דאָס, וואָס ער האָט געגעבען אויף ק ו ד ש, אויף פערשידענע צדקות — ד אָ ס קאָן שוין קיינער ביי איהם נישט אַוועק-נעהמען; דאַגעגען מיט'ן איבעריגען עשירות איז ער נישט זיכער און ער קאָן עס נאָכנישט האַלטען פאַר זיינס...

○

איש איש כי־תשטה אשתו... (ה. יב.)

דערויף זאָגט רש"י; אם אתה מעכב מתנות הכהן, חייך שתצטרך להביא אליו סוטתך"...

וואָס פאַר אַ סמיכות און שייכות האָט עס? ווי קומט דער ענין פון סוטה אַלס שטראָף פאַר מעכב זיין די מתנות פון כהן?

נאָר די גמרא זאָגט: „עשר תעשר — עשר בשביל שתתעשר", אַז צדקה ברענגט צו עשירות; אין אַ צווייטען אָרט ווידער ווערט געזאָגט: „אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו", איהר זאָלט שעצען און כבוד האַלטען אייערע פרויען, וועט איהר דאַדורך ווערען רייך. הייסט עס, אַז אויך דאָס איז אַ סגולה צו עשירות... איז אויב אַזוי — וועט זיך דאָך דער מאַן טראַכטען — סאָ נאָכוואָס זאָל איך אָוועקגעבען דעם מעשר און צדקה צו פרעמדע, בעסער וועל איך דאָס געלד אויסגעבען אויף שענע קליידער פאַר מיין פרוי, דען אויך דאָס איז דאָך גורם צו רייכטום!... דעריבער וואָרנט מען איהם: אויב דו וועסט מקיים זיין דעם „אוקירו לנשייכו" אויפ'ן כהן'ס חשבון, אויפ'ן חשבון פון מעשר און צדקה, דאַן — „חייך שתצטרך להביא אליו סוטתך"!...

(חתם-סופר)

○

ונקתה ונזרעה זרע. (ה. כח.)

דעריבער האָט די תורה צוגעזאָגט אינ'ם דאָזיגען פאַל אַ ספעציעלע בעלוינונג, ווייל עס ווערט געזאָגט: „אם אין האיש נקי מעוון, אין המים בודקין אותה", אויב דער מאַן איז נישט ריין פון זינד, האָבען די מים המאָררים אויף דער סוטה, ווען זי איז אפילו זינדיג, קיין ווירקונג נישט. איז אויב אַזוי — וועט מען דאָך, אַלזאָ, קיינמאָל נישט קאָנען וויסען, צי זי איז ווירקליך אונשולדיג; דען בעת דאָס וואַסער וועט אויף איהר נישט ווירקען, וועט מען דאַן זאָגען, אַז דאָס איז נישט דערפאַר, ווייל זי איז נישט-שולדיג, נאָר ווייל אויך דער מאַן איז נישט ריין פון זינד!... און דעריבער, כדי צו איבערצייגען אַלעמען אין איהר עהרליכקייט און צו בעזייטיגען פון איהר יעדען חשד, איז — „ונקתה ונזרעה זרע"...

(רבי לייביש חריף)

○

ונקה האיש מעון... (ה. לא.)

כאָטש זי האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס ריין און אונשולדיג, דאָך „ונקה האיש מעון", טראָגט אויף זיך דער מאַן קיין חטא נישט דערפאַר,

וואָס ער האָט זי אומזיסט, בפני כל עם ועדה, מבזה געווען, דען ער האָט געהאַט אַ גרונד דערצו — אַ אידישע טאָכטער דאַרף זיך נישט מתייחד זיין מיט קיין פרעמדען מאַנספּערזאָן...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

○

חומץ יין וחומץ שכר לא ישתה... (ו. ג.)

רבי עזריאל, דער „אייזערנער קאָפּ", האָט אַמאָל געפרעגט דעם רבי'ן פון לובלין, פאַרוואָס ביי מתנגדים איז אַ מיטעל צו התחברות — תורה, און ביי חסידים – משקה?... דערויף האָט איהם דער רבי פון לובלין געענטפערט, אַז פון די דברי־חז"ל איז בפירוש צו זעהן, אַז משקה איז מעהר מקרב, ווי תורה, מחמת ביי יין־נסך ווערט געזאָגט, אַז „אָסרו יינם משום בנותיהן", דאַגעגען תורה האָט רבי מאיר געלערנט אַפילו פון אַחֵר'ן...

אַ מתנגד האָט אַמאָל געזאָגט צו רבי ישראל ריזשינער:

— זעהט, רבי, אַ חילוק פון מתנגדים ביז חסידים: מתנגדים, אַז זיי דאַוונען־אָב, זעצען זיי זיך אַוועק לערנען אַ פרק משניות; דאַגעגען חסידים נאָכ'ן דאַוונען טרינקען בראָנפען!...

— כ'וועל דיר זאָגען — ענטפערט איהם דער ריזשינער: — מתנגדים דאַוונען אַ קאַלט, טויט דאַוונען, איז נאָך אַ טויטען לערנט מען משניות; חסידים אָבער דאַוונען אַ התלהבות'דיג, לעבעדיג דאַוונען, און אַ לעבעדיגער דאַרף האָבען אַ ביסעל משקה...

○

וכפר עליו מאשר חטא על הנפש... (ו. יא.)

„וכי באיזה נפש חטא זה?—אלא שציער עצמו מן היין". (נדרים י.)

דערדאָזיגער מאַמר, וועלכער זעהט־אויס צו זיין אין סתירה צום בפירוש'ן פסוק „קדוש הוא לד'", ווי אויך צו אַנדערע מאַמרי חז"ל, ער־קלערט זיך דערמיט, וואָס אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבען פערשפּריי־טען דאָס קריסטענטום, און זיינע ערשטע סעקטאַנטען זענען בעשטאַנען הויפּטזעכליך פון נזירים...

(סניגור)

קיינער שטערט דיר נישט, אויב דו ווילסט זיך דערווייטערן פון פערשידענע תענוגים און אַבזאָגען זיך פון מותרות. אָבער דערמיט, וואָס

דו אסר׳סט דידאָזיגע זאַכען אויף זיך מיט דער הילף פון נדרים ושבועות, ווערסטו אַריינגעצויגען אין אַ מלחמה מיט׳ן יצר-הרע, וועלכער רייצט און ציהט דעם מענשען דוקא צו „מים גנובים״, צו אַזעלכע זאַכען, וואָס מען טאָר נישט, וועלכע זענען פאַר איהם פערבאָטען, און דאָס פסדר׳דיגע קעמ-פען און ראַנגלען זיך מיט איהם פערשאַפט דעם מענשען גרויס צער. און — דיענען דאַרף מען דעם אויבערשטען נישט מתוך צער, נאָר מתוך שמחה!...

(כלי יקר)

עס איז פערבאָטען דעם מענשען צו דערוויטערן זיך אויפ׳ן סאַמע עקסטרעמסטען אופן פון די וועלטליכע בעדערפענישען, ווי: נישט צו עסען קיין פלייש, נישט צו טרינקען קיין וויין, נישט צו הייראַטען, נישט צו ווע-לען זיצען אין אַ שענער וואוינונג, נישט צו וועלען אָנטהון קיין שענע מלבושים א. ד. גל. דאָס איז אַ שלעכטער וועג, אויף וועלכען מען טאָר נישט געהן — און דער, וואָס געהט אויף איהם, איז אַ ח ו ט א, ווי עס לערנען אונז די חז״ל: „ומה זה שלא ציער עצמו אלא מן היין נקרא חוטא — המצער עצמו מכל-דבר על אחת כמה וכמה״ (נדרים י.)! אויך זאָגען די חז״ל (ירושלמי נדרים פ״ט): „לא דייך במה שאסרתך תורה, אלא שאַתה אוסר דברים המותרים״! וועגען דידאָזיגע און עהנליכע זאַכען וואָרנט אונז שלמה המלך: „אל תצדק הרבה״...

(רמב״ם, דעות פרק ג׳)

און הגם, אין געגענזאַץ צום מאן-דאָמר, וואָס זאָגט: „היושב בתענית נקרא חוטא״, איז אויך פאַרהאַן אין תלמוד אַ צווייטע, פערקעהרטע מיי-נונג, אַז „היושב בתענית נקרא קדוש״—בעציהט זיך עס נאָר אויף אַ י ח י ד, אין אַ געוויסען אויסנאַהמס-פאַל, אָבער נישט אויף איינצופיהרען עס אַלס שטענדיגען לעבענס-סיסטעם פאַר׳ן כ ל ל, געגען וואָס די חז״ל זאָגען זיך אַרויס אין פערשידענע מאַמרים, ווי: „עתיד אָדם ליתן דין וחשבון על כל שראתה עינו ולא אָכל״ (ירושלמי קידושין פ״ד); „כל הקץ בחיים טובים בעולם הזה סימן רע לו, וכן נאמר ליהויקים — אָביך הלא אָכל ושתה ועשה משפט וצדקה אָז טוב לו״ (תנא דבי אליהו פרק ד׳); „חבב הקב״ה את ישראל שהוא מצוה אותן שלא יצערו עצמן ויטלו שכר״ (ילקוט תורה פ׳ ראה)...

(תורה תמימה)

רבי יאָשע-בער האָט נישט געהאַלטען פון די, וועלכע זענען צופיעל מחמיר אויף זיך אין פרומקייט, איבערהויפט די עם-הארצ׳ישע פרומקייט.

איינמאָל האָט ער געזעהן, ווי אַ איד האָט זיך געוואַשען צום עסען און אויסגעגאָסען צוויי פולע קוואָרט וואַסער.

— אַ רחמנות נעבעך אויף דעם אידען, — שמייכעלט רבי יאָשע־בער, — זיין גאַנץ יראת־שמים גיסט ער אויס אין פּאָמעשאַף!...

צו רבי ישראל ריזשינער איז אַמאָל געקומען אַ יונגערמאַן מיט אַ בקשה, ער זאָל איהם געבען סמיכה. דער ריזשינער איז גראָד געשטאַ־נען ביים פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט אויפ׳ן הויף. ס׳איז געווען ווינ־טער־צייט, דער גאַנצער הויף איז געווען בעדעקט מיט שניי. שטעהט נע־בען איהם דער יונגערמאַן און האַלט אין איין דערצעהלען וועגען זיין צדקות און סיגופים: ער געהט—ריהמט ער זיך—אָנגעטהון בלויז אין ווייסען, כּדי מקיים צו זיין דעם „בכל־עת יהיו בגדיך לבנים״; קיין שום משקה, אַ חוץ וואַסער, קומט אין זיין מויל נישט אַריין; אין די שיך האָט ער טשוועקעס, כּדי צו ליידען יסורים; יעדען טאָג, אַפילו אין גרעסטען פראָסט, פּראַוועט ער גלגול־שלג, און מלקות לאָזט ער זיך יעדען טאָג שלאָגען...

בעת דער יונגערמאַן איז אַזוי געשטאַנען און האָט גערעדט, איז אַרויס אויפ׳ן הויף אַ ווייס פערד, צוגעגאַנגען צום ברונען, אָנגעטרונקען זיך, און דערנאָך זיך אויסגעקאַטשעט אינ׳ם שניי.

— זעהסטו — רופט־זיך־אָן דער ריזשינער צום יונגערמאַן: — אָט דאָסדאָזיגע בעשעפעניש געהט אויך אין ווייסען, נעהמט אויך נישט אין מויל קיין שום משקה, אַ חוץ וואַסער, האָט אויך טשוועקעס אין די שיך, פּראַוועט אויך גלגול־שלג, קריגט פון בעל־הבית מעהר ווי פיערציג מלקות אַ טאָג — און נאָך אַלעמען איז עס פאָרט אַ פערד!...

צו רבי נפתלי ראָפּשיצער איז אַמאָל געקומען אַנ׳עלטערער חסיד, וואָס האָט געפּראַוועט סיגופים, געפאַסט הפסקות און געטראָגען אַ זאַק אויפ׳ן לייב. ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען, האָט ער אויף דער שוועל צעשפּילעט דאָס העמד, כּדי דער רבי זאָל זעהן, אַז ער געהט אָנגעטהון אַ זאַק אויפ׳ן לייב. רבי נפתלי האָט עס בעמערקט און אַ זאָג געטהון צום משמש:

— זעה נאָר, אַזא אַלטער איד, און דער יצר־הרע האָט איהם אַריינ־געגנאַרט אין זאַק אַריין!...

יברכך ד׳ וישמרך. (ו. כד.)

דעריבער ווערט ברכת־כהנים געזאָגט בלשון־יחיד, ווייל די הויפּט־ברכה, איז וועלכער אידען צו־זאָגען זיך, איז פעראייניגונג, אחדות.

(עוללות אפרים)

„יברכך ד׳ בממון וישמרך מן המזיקין". (ספרי)

דאָס געלד זאָל דיך נישט מזיק זיין!...

„יברכך בממון"... און דערפאַר ווערט נאָכדעם צוגעגעבען די ברכה „ויחונך", דו זאָלסט נושא־חן זיין — דען געוועהנליך זענען עשירים, מענשען מיט געלד, נישט־איבריג בעליעבט ביים עולם...

(מלא העומר)

O

יאר ד׳ פניו אליך... (ו. כה.)

„יראה לך פנים שוחקות, פנים צהובות"... (רש"י)

די ערקלערונג פון רש"י, אז „צהובות" בעדייט פרעהליכקייט, זעהט־אויס אין פלוג צו זיין אין סתירה צו פערשידענע ערטער אין חז"ל, לויט וועלכע „צהובות" האָט אַ פערקעהרטע בעדייטונג, ווי: „משל לשנים שהיו צהובין זה לזה" (סנהדרין ק"ה), און רש"י פערטייטשט דאָרט אויף׳ן אָרט: „צהובין — כועסין". דעסגלייכען: „אש וברד צהובין זה עם זה" (תנחומא פ׳ וארא, סי׳ י"ד). אויך אויף׳ן פסוק „וכעסתה צרתה" (שמואל א׳) מאַכט דער תרגום: „ומצהבא לה"...

אמת, מיר געפינען אויך פערקעהרטע שטעלען, ווי: „היום פניך צהובים" (נדרים מ"ט); „פניו צהובין סימן יפה לו" (כתובות ק"ג). (ווי אויך אינ׳ם שבועות׳דיגען פיוט „יציב פתגם": „רעותהון הב ואפיהון צהב". — בעמערקונג פונ׳ם זאַמלער)... סיידען מען זאָל אפשר אָננעהמען, אז דער אויסדרוק „צהוב" זעלבסט בעדייט: אויפגעלויכטען, אָנגעצונדען — און דעריבער קאָן עס בענוצט ווערען אין ביידע פאַלען, דען דאָס מענשליכע פנים ווערט אנגעצונדען סיי ווען ער איז פרעהליך, סיי ווען ער ווערט איז כעס...

(תורה תמימה)

O

וישם לך שלום. (ו. כו.)

„הרואה קדרה בחלום יצפה לשלום“... (ברכות פ״ט)

פאַרוואָס עפּעס גראָד „קדרה״? — ווייל „קדרה״, דער טאָפּ, איז דער גרעסטער רודף־שלום, וועלכען עס געלינגט צונויפצופיהרען און שלום צו מאַכען צווישען די שאַרפסטע, עקסטרעמסטע געגנער — פייער און וואַסער...

(רבי מרדכי באַנעט)

און די „בעלוינונג״ — ווערט דערויף צוגעגעבען אַ ווערטעל — פון יעדען רודף־שלום איז, וואָס די צדדים בעטען זיך טאַקע איבער; ער אליין אָבער, דער פערמיטלער, געהט אַרויס פון׳ם עסק איינגעריסט, מיט אַ פער־שוואַרצט פנים!...

בְּהַעֲלֹתְךָ

ויעש כן אהרן... (ח. ג.)

„להגיד שבחו של אהרן שלא שינה". (רש"י)

וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ רבותא? ווי קאָן דען גאָר איינפאַלען צו זאָגען, אַז אהרן זאָל טהון אַנדערש, ווי גאָט האָט איהם געהייסען? — נאָר דער פשט איז, אַז אהרן, כאָטש ער איז אַזוי נתעלה געוואָרען, ווערענדיג בעשטימט אַלס כהן גדול, פונדעסטוועגען האָט ער זיך לגמרי נישט געענדערט, ער איז נישט גרויס געוואָרען ביי זיך און האָט זיך געפיהרט פונקט אַזוי ווי פריהער...
(רבי מאיר'ל פרימישלאַנער)

O

והאיש אשר הוא טהור ובדרך לא היה... (ט. יג.)

דער מענש קאָן זיין טהור בלויז דאַמאָלס, בעת „ובדרך לא היה", אויב ער דאַרף נישט כסדר אַרומוואַנדערן אונטערוועגס (ס'רוב וואַנדער־מענשען זענען נישט נזהר, ווי געהעריג, אין פרומקייט און געהען לייכט אַראָב פון דרך־הישר)...
(רבי יעקב־יצחק מלובלין)

עהנליכעס:

„אַשרי יושבי ביתך בחד אפי, אַשרי תמימי דרך בתמניא אפי". (ברכות)

אויב מען געהערט צו די „אַשרי יושבי ביתך", זיצענדיג בקביעות אויף אַנ'אָרט, דאַן איז „ב ח ד אַ פ י", קאָן מען שטענדיג האָבען איין פנים, תמיד זיין דערזעלבער; ווען מען איז אָבער פון די „אַשרי תמימי דרך", זייענדיג אָפט אין וועג, דאַן איז „ב ת מ נ י א אַ פ י", בייט זיך אונאויפהערליך ביים מענשען דאָס פנים, די אויפפיהרונג, צופאַסענדיג זיך צו די איינוואוינער און צו די בעדינגונגען פון יעדען אָרט („אזלת לקרתא—הלך בנימוסה")...
(רבי נפתלי ראָפשיצער)

O

ואם באַחת יתקעו — ונועדו אליך הנשיאים... (י. ד.)

אויב איהר ווילט, עס זאָל הערשען ביים פאָלק אייניגקייט, אַחדות, דאַן איז קודם־כל: „ונועדו אליך הנשיאים", זאָלען זיך פריהער פאַר אַלעם פעראייניגען די נשיאים, די מנהיגים, די אָנפיהרער; זאָלען זיי, קודם־כל, אויפהערען זיך אַרומצוקריגען!...

(עוללות אפרים)

○

וישמע משה את העם בוכה למשפחותיו... (יא. י.)

די הויפט־הנאָה, וואָס עס פערשאַפט דעם גביר זיין עשירות, זיין זאַט און רייך לעבען, איז דאָס צופרידענע געפיהל, אַז ער איז אַנ'אויסנאַהם פון פיעל אַנדערע, אַז ער האָט זוכה געווען צו דערגרייכען אַזעלכעס, צו וועל־כען נישט אַלע זענען זוכה. אָט דאָסדאָזיגע געפיהל מאַכט איהם שטאָלץ און גליקליך, און דערין ליעגט דער סוד פון דער גביר'ישער גאוה... דער מן, וואָס די אידען האָבען געגעסען אין מדבר, האָט אָבגעשאַפט דידאָזיגע אונטערשיעדען און געגענזאַצען; עס איז דאַן נישט געווען קיין אָרים און רייך, אַלע האָבען געפיהרט דעמזעלבען שטייגער לעבען, אַלע האָבען געגעסען דיזעלבע מאָלצייטען, און דאָס האָט אַרויסגערופען זייער אונצופרידענהייט און—„והעם בוכה למשפחותיו", דאָס פאָלק האָט זיך פונאַנדערגעוויינט: וואָס איז עס פאַר אַ לעבען און וואָס פאַר אַ טעם, מ'שטיינס געזאָגט, קאָן מען פיהלען אין אַזאַ לעבען, אין וועלכען אַלע זענען גלייך?...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

„בוכה למשפחותיו — על עסקי משפחות, על עריות הנאסרות להם". (רש"י)

דאָס האָבען די זקנים, הייסט עס, געוויינט דערפאַר, ווייל די תורה האָט גע'אָסר'ט די נאָהענטסטע מיטגלידער פון איין משפחה, למשל, אַ ברו־דער מיט אַ שוועסטער, חתונה צו האָבען צווישען זיך... פרעגט מען: טאָ פאַרוואָס עפעס האָבען גראָד געוויינט די זקנים? הלמאַי האָבען זיי דוקא זיך גענומען אַזוי שטאַרק צום האַרצען די גזירה פון עריות?

ענטפערט דערויף רבי יהושע'לע קוטנער בדרך־הלצה:

דער שטייגער איז, אַז בעת אַ פאָטער דאַרף אויף דער עלטער אָנקו־מען צו אַ קינד, איז אויב ער וויל געהן צום זוהן, ענטפערט ער איהם: פון מיין זייט, טאַטע, וואָלט אַוודאַי קיין מניעה נישט געווען, אָבער וואָס זאָל איך טהון? איך בין טאַקע דיינס אַ זוהן, אָבער מיין ווייב איז דאָך נישט דיינס קיין טאָכטער; צוליב דיר וועל איך כסדר דאַרפען פיהרען מיט איהר

מחלוקת, דער שלום-בית וועט געשטערט ווערען!... וויל ער געהן צו דער טאָכטער, ענטפערט זי איהם דאָסזעלבע: איך וואָלט אַודאַי וועלען, אָבער דער מאַן וויל נישט, דער מאַן איז דאָך נישט קיין זוהן!... וואָלט אָבער די תורה נישט גע'אסר'ט קיין עריות, און אַ ברודער וואָלט געמעגט חתונה האָבען מיט אַ שוועסטער, דאַן וואָלט דאָך דער טאַטע אויף די עלטערע יאָהרען געקאָנט וואוינען ביי די קינדער, נישט האָבענדיג קיין שטערונג צוליב דער שנור און איידעם...

און דעריבער האָבען אַממעהרסטען אויף דעמדאזיגען איסור געוויינט די זקנים...

„שערי דמעות לא ננעלו"... (ברכות ל"ב)

אויב זיי זענען נישט געשלאָסען, טאָ נאָכוואָס און פאַר וועמען זענען די טויערן? —

פאַר די טרעהרען פון די שוטים, וועלכע וויסען אָפט נישט, אויף וואָס זיי וויינען...

(רבי בונם מפשיסכע)

O

כי-תאמר אלי שאהו בחיקך כאשר ישא האומן את היונק... (יא. יב.)

אַ זויגלינג דאַרף האָבען אַנ'אַם, אַנ'ערציהערין, וועלכע זאָל עס אָנזויגען און אַיינשטילען בעת עס ווערט הונגעריג און צעוויינט זיך; אָבער — „כי-תאמר אלי שאהו בחיקך"... אַ זויגלינג אין דער שויס פון אַנ'ערציהער, אַ מאַנסביל — וואָס קאָן אַזעלכער אויפטהון?...

(אַברבנאל)

O

לא אוכל אנכי לבדי לשאת את-כל-העם הזה... הרגני נא הרג... (יא. יד.)

צוויי מאָל האָט משה רבינו, אין גרויס פערצווייפלונג, זיך געוואונשען שלעכטס: איינמאָל—בשעת דאָס פאָלק ישראל האָט געזאָלט שווער בעשטראָפט ווערען פאַר'ן חטא פון עגל, און משה האָט דאַן, בעטענדיג פאַר זיי, אויסגערופען: „מחני נא מספרך אשר כתבת!"; און דאָס צווייטע מאָל—ווען ישראל האָט זיך צובונטעוועט געגען מן, און משה האָט דאַן אויסגעשריען צו גאָט: „הרגני נא הרג!"... אין ערשטען פאַל איז זיין האַרבער וואונש נישט ערפילט

געוואָרען, ווייל ער האָט עס אַרויסגעזאָגט פון גרויס מסירת־נפש און ליעב־שאַפט צו אידען; דאַגעגען אין צווייטען פאַל האָט מען עס איהם יאָ צוליב־געטהון, ווייל עס איז געווען פון גרויס תרעומות אויף אידען, פון פערבי־טערונג און כעס געגען זיי, און דעריבער: „ויתנבאו במחנה" — „משה מת ויהושע מכניס"...

(של"ה)

○

אספה־לי שבעים איש... (יא. טז.)

בשעת פרעה האָט אַרויסגעגעבען די גזירה פון „לא תוסיפון לתת תבן לעם", און די בעאַמטע פלעגען קומען און אויסגעפינען, אַז עס איז נישט בעאַרבייט געוואָרען די בעשטימטע צאָהל ציגעל, פלעגען זיי זיך וואַרפען שלאָגען אויף די אידישע שוטרים — „ויכו שוטרי בני־ישראל"... אָבער די שוטרים פלעגען גערן צונעהמען די קלעפּ און נישט ווען אויסגעבען די שולדיגע, זאָגענדיג: בעסער מ י ר זאָלען ווערען געשלאָגען, איידער דאָס פאָלק!... און דעריבער, ווען גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן: „אספה־לי שבעים איש מזקני ישראל", האָט משה זיך אָנגערופען: רבונו של עולם! כ'ווייס נישט וועמען אויסצוקליבען, ווער ס'איז ראוי און ווער נישט!... דערויף האָט איהם גאָט געענטפערט: „אשר ידעת כי הם זקני העם ושוטריו", די זקנים און שוטרים פון מצרים, וועלכע פלעגען זיך מוסר־נפש זיין פאַר די בני־ישראל און געשלאָגען ווערען צוליב זיי — ז י י זענען ראוי, און ז י י זאָלען איצט עולה־לגדולה זיין...

(במדבר רבה)

○

אדוני משה כְּלָאֵם. (יא. כח.)

„הטל עליהם צרכי צבור והם כלים מאליהם"... (רש"י)

דאָס איז אַ מיטעל געגען די „מתנבאים במחנה" — געגען דעם, וואָס דער עולם בעציהט זיך צו זיי מיט חשיבות אין הערט־זיך־צו ערנסט צו זייע־רע רייד... „הטל עליהם צרכי צבור", מאַך זיי פאַר כלל־טהוער, און דאַן וועלען זיי מיטאַמאָל זייער גאַנץ חשיבות און זייער גאַנצע איינפלוס פערלירען...

(תקון משה)

איינער פון די אָנגעזעהענע לאָדזער בעלי־בתים, וועמען מען האָט גע־האָט אויסגעקליבען אַלס ראש־הקהל, האָט זיך ענטזאַגט און נישט געוואָלט אָננעהמען דעם כיבוד. זיינע אָנהענגער האָבען אָבער דערויף נישט געוואָלט

מסכים זיין און זיי האָבען איהם גערופען צו אַ דין־תורה צו רבי אלי׳־חיים׳ן, דער לאָדזער רב. האָט רבי אלי׳־חיים אויסגעהערט די טענות און ערקלערט: אויפ׳ן פסוק „אדוני משה כלאם" ווערט גע׳דרש׳ענט: „הטל עליהם צרכי צבור והם כלים מאליהם"... איז דאָך די קשיא: וואָס איז עס פאַר אַ׳עונש, וואָס מען וועט זיי בעלעסטיגען מיט צרכי־צבור, זיי האָבען דאָך אַ ברירה זיך צו ענטזאַגען? — אין דערפון אַלזאָ געדרונגען, אַז וויבאַלד מען בע־שטימט איינעם אַלס עסקן אין צרכי־צבור, טאָר ער זיך נישט ענטזאָגען...

O

ומי יתן כל־עם ד׳ נביאים... (יא. כט.)

איינער פון די שאַרפע חסידים האָט אַמאָל אין אַ שמועס מיט רבי יהושע׳לע קוטנער איהם נאָכגעזאָגט אַ וואָרט פונ׳ם רבי׳ן רבי אלימלך, אַז עס וועט קומען אַ צייט, וועט דאָס פרומקייט ביי אידען וועט זיין אַזוי גרויס, אַז יעדער איינער איד וועט זיין בבחינת רבי. דער חסיד האָט דער־ביי פערענדיגט מיט התלהבות: „ומי יתן כל־עם ד׳ נביאים!"... ענטפערט איהם דערויף רבי יהושע׳לע קוטנער מיט אַ שמייכעל: אויב „כל־עם ד׳ נביאים", טאָ — „ומי יתן"?...

O

הממעיט אָסף עשרה חמרים... (יא. לב.)

דער ווילנער גאון מאַכט אַ חשבון, ווי־אַזוי עס קומט־אויס, אַז אויפ־קלויבענדיג דעם „שליו" אין מדבר, האָט דער מינדעסטער, דער, וואָס האָט אַמווענעיגסטען געקליבען, געהאַט „עשרה חמרים", אקוראַט צעהן, נישט מעהר און נישט ווענעיגער.

דער חשבון איז פאָלגענדער: ווי בעקאַנט, האָט די מחנה־ישראל אין מדבר געהאַלטען „ג׳ פרסה על ג׳ פרסה", דריי מייל קוואַדראַט. דעם „שליו", ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק, האָט מען געקליבען צוויי טעג און איין נאַכט. רעכענענדיג צוועלף שעה דעם טאָג און צוועלף שעה די נאַכט, איז עס צוזאַמען זעקס־און־דרייסיג שעה. אַראָבגענידערט האָט דער „שליו" אַרום און אַרום דער מחנה פון דרויסען. דער־יעניגער, אַלזאָ, וועלכער האָט געוואוינט אויף די פאָדערשטע פלעצער, ביים עק פון דער מחנה, איז אימשטאַנד גע־ווען אָנצוקלויבען אַ גרעסערע פאַרציע „שליו", מחמת צוליב דער נאָהענטקייט האָט ער געקאָנט בעווייזען צו געהן עטליכע מאָל אַ טאָג אַהין און צוריק. יענער דאַגעגען, וועלכער האָט געוואוינט ווייט, בפרט דער, וועלכער האָט געוואוינט אין מיטען דער מחנה, ווי, למשל, אין מחנה לוי, האָט בעווי־

זען אַמוועניגסטען אויפצוקלויבען, מחמת ער האָט געהאַט צו געהן אָנדערט־האַלבען מייל אַהין, צום אָרט פון „שליו", און אָנדערטהאַלבען מייל צוריק, צו זיין וואוינונג; צוזאַמען אַ גאַנג פון דריי מייל. דורכשניטליך — ווערט גע־זאָגט אין תלמוד — איז אַ מענש אימשטאַנד דורכצומאַכען צעהן מייל אַ טאָג, דאָס הייסט אין צוועלף שעה. אַלזאָ במשך פון די צווי טעג און איין נאַכט, די זעקס־און־דרייסיג שעה, וואָס עס איז געלעגען דער „שליו", האָט דער, וועלכער האָט געוואוינט א י ן מ י ט ע ן דער מחנה, געהענדיג אָהן הפסקה, געקאָנט דורכמאַכען דרייסיג מייל — און היות ווי דער וועג אַהין און צוריק האָט ביי איהם פערנומען דריי מייל, הייסט עס, אַז במשך פון די זעקס־און־דרייסיג שעה האָט ער געקאָנט געהן אָנקלויבען „שליו" בלויז צעהן מאָל. ווידער זאָגען די חז"ל, אַז די דורכשניטליכע משא, וואָס אַ מענש קאָן דער־טראָגען, איז אַ „חומר" — וכמ"לא קומט דעריבער אויס, אַז דער, וואָס האָט געוואוינט ווייט פון דער מחנה, האָט אויפגעקליבען „עשרה חמרים", אַקו־ראַט צעהן...

(דברי אליהו)

והאיש משה ענו מאד מכל האדם... (יב. ג.)

די ראשי־תיבות פון „אדם" איז: אברהם, דוד, משה; דריי, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער עניוות. אברהם האָט געזאָגט: „ואנכי עפר ואפר"; דוד: „ואנכי תולעת ולא איש"; אַמווייטסטען אָבער איז אין זיין עניוות דערגאַנגען משה, אויסדריקענדיג זיך: „ונחנו מה"...

(של"ה)

יעדע מצוה, וואָס אַ איד טהוט, דאַרף זיין מיט כונה, לשמה; חוץ — עניוות...

(רבי מנחם־מענדיל מקאָצק)

פאַרהאַן צוויערליי מיני עניוות. פאַרהאַן אַזאַ עניו, וועלכער האַלט, אַז ער איז אַ גאָרנישט און אויך אַלע אַנדערע מענשען זענען גאָרנישטען... דאָס איז אַ פאַלשער עניו... דער אמת'ער עניו איז דער, וועלכער איז אי־בערצייגט, אַז אַלע אַנדערע מענשען זענען בעסער און שטעהען העכער פון איהם...

(רבי שלום רוקח מבעלז)

איינע פון די דריי זאַכען, אויף וועלכע עס ווערט געזאָגט: „יהרג אַל יעבור", איז שפיכת־דמים, ווייל „מאי חזית דדמא דידך סומק טפי, דילמא דמא דחברך סומק טפי"? און דאָס איז געזאָגט צו אַלעמען, אַפילו צו די „שענע אידען"... יעדער איינער דאַרף זיין דורכגענומען מיט'ן גע־

דאַנק, אַז אַלע אַנדערע אידען, ווער זיי זאָלען נישט זיין, זענען פונקט אַזעלכע יחסנים און שטעהען פונקט אַזוי הויך, ווי ער...

(רבי בונם מפשיסכע)

אַ „איד" (דער אות י'), אויב ער איז צו-גרויס, איז ער אויס „איד"...

(הנ"ל)

ווען נישט דאָס — פלעגט זאָגען רבי לוי-יצחק בערדיטשעווער — וואָס אין דער תורה ווערט בפירוש געוואָרנט געגען דער מדה פון גאוה, וואָלט ער זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז עס איז פאַרהאַן אַזאַ פּאַסקודנע מדה אויף דער וועלט... ווי-אַזוי קאָן זיך דער מענש גרויס האַלטען אין דער צייט, ווען ער איז אונאויפהערליך אונטערגעוואָרפען אונטער פערשידענע צרות און אומגליקען, ווען ער איז ממש איין מינוט מיט זיין לעבען נישט זיכער?... און עס איז איהם דעריבער זעהר קשה געווען דער מאמר חז"ל, אַז „תלמיד-חכם צריך שיהיה בו שמיני שבשמינית", אַז אַ תלמיד-חכם דאַרף פערמאָגען אין זיך אַנ'אַכטעל פון אַנ'אַכט-חלק גאוה... היתכן?

די כונה פונ'ם דאָזיגען מאמר — האָט רבי לוי-יצחק געזאָגט — איז אַ גאַנץ אַנדערע, אַ פערקעהרטע. „שמיני שבשמינית" מיינט מען: דעם אַכטען פסוק פון דער אַכטער סדרה... די אַכטע סדרה פון בראשית איז — פרשת „וישלח", און דער אַכטער פסוק אין „וישלח" איז — „קטנתי מכל החסדים"... אָט דעמדאָזיגען פסוק דאַרף יעדער תלמיד-חכם שטענדיג אין זינען האָבען...

אויב — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — אַ מענש געהט-אַרום מיט דער שטאָלצער איינרעדעניש, אַז ער איז שוין פאַרטיג, איז ער — אָבגעקאָכט!...

רבי מענדיל וויטעבסקער האָט אַמאָל בעמערקט, ווי איינער פון זיינע חסידים פראַוועט חסידות אויפ'ן גאָר שאַרפען אופן, אויסצייכענענדיג זיך מיט זיין התלהבות'דיגען דאַוונען און לערנען, מיט זיינע דבקות און סיגופים, דערביי אָבער נעהמט ער זיך גאָר שטאַרק איבער מיט די אַלע זאַכען, ווי שטאָלצירענדיג, וואָס ער האָט צו אַזאַ הויכער מדרגה דערגרייכט... קאָן עס רבי מענדיל נישט סובל זיין און ער רופט איהם אַריין צו זיך און זאָגט: עס שטעהט אין פסוק „אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ד'". וואָס איז דער טייטש דערפון? דער טייטש דערפון איז אַזוי:

„אם יסתר איש במסתרים ואני״, אויב אַ איד פּראָוועט חסיד׳ישע שטיק, וואַלגערט זיך אין די ווינקעלעך, אָבער דערביי האָט ער אין זינען דעם „אני״, דעם „איך״, דאָס ביסעל אייגענע גאוה, דעמאָלט — זאָגט גאָט — איז „לא אראנו״, וויל איך מיך אויף אַזעלכען גאָרנישט אומקוקען!... ערשט דאַן, ווען „אם יסתר איש במסתרים ואני לא״, ווען ס׳איז אָהן פּניות, ווען דער „אני״ איז נישטאָ דערביי, דאַן — „אראנו, נאום ד׳״...

פונוואַנען נעהמט זיך דאָס פאָלקס־ווערטעל: „אַ צדיק אין פעלץ״, און וואָס איז די בעדייטונג דערפון? — די בעדייטונג דערפון איז אַזוי: בשעת עס איז קאַלט, זענען פאַראַן צוויי מיטלען, ווי־אַזוי צו דערוואַרימען זיך: אָדער מען הייצט־איין דעם אויווען, אָדער מען טהוט־זיך־אָן אין גראָבע, וואַרימע מלבושים. אין ערשטען פאַל ברענגט מען דערמיט נוצען נישט בלויז זיך, נאָר אויך אַנדערע, עס ווערט דאַן וואַרים אַלעמען, וואָס געפינען זיך אין שטוב; דאַגעגען אין צווייטען פאַל ווערט וואַרים בלויז איהם אַליין... פאַראַן, ליידער, אַזעלכע צדיקים, וועלכע זאָרגען דער־עיקר, אַז זיי זאָל זיין וואַרים, פערזאָרגענדיג זיך מיט וואָס מעהר מצוות; דער עיקר געהט עס זיי, אַז זיי אַליין זאָלען זיין אין אָרדנונג מיט׳ן רבונו־של־עולם — דער כּלל אינטערעסירט זיי נישט... אמת׳ע „צדיקים אין פעלץ״!...

(רבי מנחם־מענדיל מקאָצק)

„ד׳ פּוקח עורים, ד׳ זוקף כפופים, ד׳ אוהב צדיקים״... ווי קומען צדיקים צווישען די בעלי־מומים? — ווייל אויך דאָס איז נעבעך אַ מורא׳דיגער מום: נישטאָ קיין גרעסערער קאַליקע, ווי דער, וועלכער האַלט זיך פאַר אַ צדיק!...

(רבי בונם מפשיסכע)

איינער פון די בעקאַנטע מתנגד׳ישע רבנים האָט אַמאָל געפרעגט דעם רבי׳י פון ראָפּשצע, רבי נפתלי׳ן:

— מיט וואָס, כ׳בעט אייך, האָט איהר עס אַזוי אויסגענומען ביים עולם, וואָס צו אייך קומען אַזוי פיעל טויזענדער אידען? קען איך דען נישט מעהר לערנען פון אייך? פאַרוואָס קומען זיי נישט צו מיר? ...

— כ׳וועל אייך זאָגען דעם אמת, — האָט איהם דער ראָפּשצער געענטפערט, — אויך פאַר מיר אַליין איז עס אַ שטיקעל פּלא; אָבער ווי מיר דוכט זיך, איז צו מיר קומען זיי דערפאַר, ווייל כ׳האָב קיינמאָל נישט געפרעגט, פאַרוואָס זיי קומען נישט — און צו אייך קומען זיי נישט, ווייל איהר פרעגט...

○

ואָביה ירק ירק בפניה הלא תכלם שבעת ימים... (יב. יד.)

פון אַלע „י״ג מדות שהתורה נדרשת בהן״ איז דער „קל־וחומר״ די סאַמע לאָגישסטע, זעלבסטפערשטענדליכע זאַך, וואָס ווערט דיקטירט דורכ׳ן פשוט׳ן שכל; און דאָך זאָגען די חז״ל, אַז „מילתא דאתיא בקל וחומר טרח וכתב לה קרא״, אַז כאָטש עס ווערט אַרויסגעדרונגען פון אַ „קל־וחומר״, מוז מען דערויף האָבען בעזונדער אַ פסוק. פאַרוואָס? — כדי צו ווייזען דערמיט, אַז די מצוות פון דער תורה טאָרען נישט געמאָסטען ווערען מיט׳ן בלויזען שכל און מען דאַרף זיי מקיים זיין נישט ווייל דער שכל הייסט, נאָר ווייל די תורה הייסט...

(קהלת יצחק)

שְׁלַח

שלח לך אנשים... (יג. ב.)

„לך — לטובתך”... (רש״י)

ווען נישט די מרגלים, וואָלטען די אידען גלייך אַריינגעגאַנגען קיין ארץ־ישראל און ממילא וואָלט דאַן משה, אויף וועלכען עס איז נגזר געוואָרען נישט אַריינצוקומען אין לאַנד, געמוזט תיכף שטאַרבען; די זינד פון די מרגלים האָבען, אַלזאָ, נישט־ווילענדיג גורם געווען אַ טובה פאַר משה'ן — זיין לעבען איז דאַדורך פערלענגערט געוואָרען מיט פיערציג יאָהר...

(בחיי)

○

איש אחד למטה אבותיו תשלחו... (יג. ב.)

בלוין פונ'ם שבט לוי האָט מען קיינעם נישט אויסגעקליבען, מחמת שבט לוי האָט זיך נישט געוויטיגט אין קיין אויספאָרשונג, צי דאָס לאַנד איז גוט — סיי־ווי האָט ער דאָרט קיין חלק נישט בעקומען...

(ריטב״א)

○

כלם אנשים ראשי בני־ישראל... (יג. ג.)

דאָס איז דער פעהלער געווען — זאָגט דער זוהר (פ׳ שלח, דף קנ״ח) — וואָס אַלס מרגלים זענען געשיקט געוואָרען די פיהרער, די „ראשי בני־ישראל”, וועלכע האָבען מורא געהאַט, אַז דאָרט, אין ארץ־ישראל, וועלען זיי פערלירען זייער חשיבות און נשיאות: ווייל נישט יעדער, העכער פאַסט זיך צו זיין אַ פיהרער ביי אידען אין גלות, איז זיך ראוי צו זיין אַ אידישער פיהרער אין ארץ־ישראל...

און דאָס — בעמערקט דערויף דער „מעדני מלך״ — איז די כּוונה פון רש״י׳ס ווערטער: „אני א נ מצוה לך״ — קיין „א נ י׳ס״, קיין מענ־שען מיט „א י ך׳ס״, קיין „שענע אידען״, הייס איך דיר נישט שיקען...

○

ויקרא משה להושע בן-נון יהושע. (יג. טז.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן בן־עוזיאל: „וכדי חמא משה ענותנותיה קרא משה להושע בן־נון יהושע״ — בשעת משה האָט געזעהן הושע׳ס עניוות, האָט ער איהם אַ נאָמען געגעבען „יהושע״, בעטענדיג: „יה יושיעך מעצת מרגלים״... ער זאָל ניצול ווערען פון די מרגלים׳ס עצה.

דידאָזיגע ווערטער פון תרגום יונתן זענען אין פלוג אונפערשטענד־ליך. וואָס ווערט געמיינט דערמיט? —

נאָר די כּוונה איז: עס זענען פאַראַן צווייערליי צדיקים — פאַראַן אַ צדיק, וועלכער איז גרייט, ווען מען דאַרף, צו שטעלען זיך אין אַנ׳אָפּע־נער מלחמה מיט די פאַלשע מדריכים פון פאָלק, נישט שרעקענדיג זיך פאַר קיינעם, נישט רעכענענדיג זיך, וואָס דער רבים איז געגען איהם; און פאַראַן אַ צדיק, וואָס צוליב זיין עניוות און בעשיידענהייט רוקט ער זיך אָב אין אַזעלכע מאָמענטען אָן אַ זייט, נישט וועלענדיג איינרייסען זיך מיט דער וועלט... משה, דערזעהענדיג יהושע׳ס עניוות, האָט זיך דעריבער געשראָקען, אפשר וועט איהם אינ׳ם נויטיגען מאָמענט פערפעהלען מוט גע־גענצושטעלען זיך געגען די פערפיהרערישע מרגלים, און דערפאַר האָט ער מתפלל געווען: „יה יושיעך מעצת מרגלים״—ער זאָל בייקומען דאָס עניוות...

(רבי מענדיל רימאַנאָווער)

אין דער פריהערדיגער סדרה ווערט דערצעהלט, אַז אלדד ומידד האָבען נביאות געזאָגט אין דער מחנה, אַז „משה מת ויהושע מכניס״ (משה וועט שטאַרבען און יהושע וועט אריינפיהרען די אידען קיין ארץ־ישראל). קענענדיג, אַלזאָ, דאָס עניוות פון יהושע׳ן, אַז ער יאָגט זיך נישט נאָך קיין הערשאַפט, האָט דעריבער משה מורא געהאַט, אַז יהושע וועט בכּיוון צושטעהן צו די מרגלים, כּדי די אידען זאָלען דאַן, אַלס עונש, לענגער בלייבען אין מדבר און ממילא וועט אויך משה לענגער לעבען, און דער־פאַר האָט ער איהם מוסיף געווען אַ „י״ און מתפלל געווען: „יה יושיעך מעצת מרגלים״...

(ישועות יעקב)

משה האָט אַממעהרסטען געציטערט וועגען יהושע'ן דערפאַר, ווייל ער איז געוועזען אָנגענומען ביי אידען אַלס גרויסער צדיק און עניו. סתם מרגלים, געוועהנליכע מענשען, אַז זיי וועלען צוריקקומען און רעדען שלעכטס אויפ'ן לאַנד, וועט מען צו זיי קיין צוטרוי נישט האָבען, זייערע רייד וועלען נישט אַזוי שטאַרק ווירקען; אָבער ווען אַזאַ צדיק און עניו, ווי יהושע, זאָל חלילה אָנהויבען רעדען שלעכטס אויף ארץ-ישראל — דאַן מאָלס איז די געפאַהר אונגעהויער גרויס... וואָרום פון צדיקים נעהמט מען זיך אַראָב אַ ביישפּיעל, אויף צדיקים פערקוקט מען זיך... און דעריבער האָט ער געמוזט ספּעציעל מתפלל זיין אויף יהושע'ן, אַז ער זאָל נישט אריינגעשלעפּט ווערען אין דער עצה פון די מרגלים...

(יפה-עינים)

בשעת רבי יעקב שמשון איז געוועזען רב אין שעפּעטאָווקע, האָט די קהלה איבערגעבויט דעם בית-המדרש און איהם פערגרעסערט — דורכדעם איז אויסגעקומען, אַז די פריהערדיגע פּלעצער ביי דער מזרח-וואַנד האָבען איצט פערלוירען דעם אויבענאַן... האָבען די אַלטע מזרח-בעלי-בתים אויפגעהויבען אַ געוואַלד, באַשר מען האָט זיי בעשווינדעלט: זיי האָבען זייערע פּלעצער געקויפט אויבענאַן, ולסוף קומט זיי גאָר אויס צו שטעהן אין מיטען בית-המדרש!... זיי האָבען גערופען די גבאים אויף אַ דין-תורה צום שעפּעטאָווקער רב, וועלכער האָט, אויסהערענדיג די טענות, געענטפערט, אַז עס איז פאַרהאַן דערויף אַ פּאַרטיגער פּסק-דין אין מדרש. דער מדרש דערצעהלט, אַז בשעת משה האָט געענדערט דעם נאָמען פון הושע אויף יהושע, איז די „ה" געקומען מיט אַ טענה צום אויבערשטען און זיך געקלאָגט, באַשר מען איז געגען איהר אַ גרויסע עולה בעגאַנגען: ביז איצט האָט זי אין יהושע'ס נאָמען פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ, דעם אויבענאָן, און איצט איז זי אָבגערוקט געוואָרען אויפ'ן צווייטען אָרט!... דערויף האָט מען איהר געענטפערט, אַז די טענה איז קיין טענה נישט: אמת, מען האָט מוסיף געוועזען אַנ'אות פּ א ר איהר, זי אָבער האָט מען פון אָרט נישט געריהרט — זי בלייבט אויפ'ן זעלבען פּלאַץ...

O

ויכרתו משם זמורה... וישאוהו במוט בשנים... (יג. כג.)

פּאַרוואָס עפּעס „ב ש נ י ם"? —

דען וועגען די מרגלים זאָגען די חז"ל, אַז „הלכו גם בשבת". פרעגט זיך: מילא אויפ'ן „איסור תחומין" (נישט צו געהן מעהר, ווי אַ תחום שבת)

האָבען זיי זיך אין אַזאַ ווילטיגען מאָמענט ערלויבט עובר צו זיין, ווייל דאָס איז בלויז מדרבנן; אָבער ווי־אַזוי האָבען זיי זיך מתיר געמאַכט צו טראָגען אום שבת אַ משא, וואָס דאָס איז דאָך מדאוריתא, אַן „אב־מלאכה"? איז דער תירוץ: „וישאוהו במוט ב ש נ י ם", און דער דין איז דאָך — „שנים שעשאוהו פטורים"...

(מלא העומר)

O

ארץ אוכלת יושביה היא... (יג. לב.)

מיר זענען נישט געווען פרום — האָבען גע'טענה'ט די מרגלים — צו געהן קיין ארץ־ישראל, דען „ארץ אוכלת יושביה היא", ארץ־ישראל פערטראָגט נישט קיין זינדיגע מענשען, אין ארץ־ישראל דאַרפען זיך גע־פינען בלויז צדיקים... דערויף האָבען יהושע וכלב זיי געענטפערט: פער־קעהרט! „טובה הארץ מאד", דען — „המהלך ד' אמות בארץ־ישראל מכפרין לו על כל עוונותיו"...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

O

והמתה את־העם הזה כאיש אחד... (יד. טו.)

ביי אַ יחיד — זאָגען די חז"ל — וואַרט מען מיט'ן עונש ביז ד ר ײ עבירות; דאַגעגען ביי אַ צבור — ביז פיער עבירות. די אידען אין מדבר זענען דאַמאָל בעגאַנגען דעם דריטען חטא: מעשה־עגל, מעשה־מתאוננים, און איצט — מעשה־מרגלים... און אויב אַזוי, טאָ ווי געשיקט זיך עס, אַז „והמתה את העם הזה כאיש אחד", אַז צום צבור, צו אַ גאַנץ פאָלק, זאָל מען אָנווענדען דעמזעלבען דין, ווי צו אַ „איש אחד", אַ יחיד?...

(רבי ברוך־מרדכי עפשטיין)

O

במדבר הזה יפלו פגריכם... (יד. כט.)

אויף יעדע זינד פועל'ט דאָך תשובה, און אויך דאָ האָבען דאָך די אידען גלייך תשובה געטהון און חרטה געהאַט, אויסשרייענדיג: „הננו ועלינו אל המקום... כי חטאנו"! פאַרוואָס־זשע האָט עס נישט גע'פועל'ט, פאַרוואָס איז גראָד דאָ אַזוי שטרענג און האַרב דער משפט געווען? — זאָגט דע־רויף דער דובנער מגיד אַ משל:

אַן'אויפגעקומענער גביר האָט געוואָלט אַ שידוך טהון מיט אַ טאָכ־טער, זענען געקומען שדכנים און איהם פאָרגעלעגט צוויי שידוכים: איינעם מיט אַ גביר'יש זוהנדעל, נאָר אַ גראָבער יונג, אַ פערדאָרבענער פאַרשוין, אַ הולטאַי שבהולטאַיעס, און אַ צווייטען — מיט אַן'איידעלען בחור, אַ בעל־

מדות, אַ זוהן פון אַ גרויסען גאון. אויסגעקליבען האָט ער דעם צווייטען שידוך, אָבער אַ תנאי האָט ער געשטעלט, אַז דער מחותן מוז, אויסער אַ שענע וויפּראַווע, אויך געבען דער כלה אַ פּאָר ברילּיאַנטענע אויערינגעלעך. אָבער היות ווי דער מחותן האָט נישט געוואָלט נעהמען אויף זיך קיין שום התחייבות'ן, האָט דער אבי־הכלה ערקלערט, אַז אויב אַזוי, וויל ער זיך בעסער משדך זיין מיט'ן גביר, מיט'ן גראָבען יונג, וועלכער וועט נישט זשאַלעווען קיין כלה־מתנות... אין אַ שטיקעל צייט אַרום, אונטער'ן איינפלוס פון די הויז־מענשען און גוטע פריינד, האָט ער זיך פלוצים מיישב געווען, אַז מילא, פערפאַלען, ער איז שוין מסכים... דאָ אָבער איז אָנגעקומען אַנ'ענטפער פון מחותן, אַז איצט וויל ער שוין נישט בעשטעהן. וויבאַלד — זאָגט ער — עס איז ביי יענעם רעכט געווען, אַז צוליב אַ פּאָר אויערינגעלעך זאָל ער בעסער טהון דעם שידוך מיט'ן גראָבען יונג, איז אַ סימן, אַז ער איז נאָך אַליין אויך געגוג גראָב, אַז תורה און יחוס האָבען פאַר איהם גאָר אַ קנאַפּען ווערט... און מיר זענען דעריבער נישט קיין געפּאַסטע מחותנים!..

דאָסזעלבע איז געווען מיט די מרגלים און מיט'ן דור־המדבר: וויבאַלד עס איז ביי זיי רעכט, צוריקקומענדיג פון ארץ־ישראל, אויסצורעדען אויפ'ן לאַנד כל־דאָס־בייז און צו טענה'ן, אַז אין מצרים קאָן מען בעקומען מעהר פיש און ביליגער — איז אַ סימן, אַז עס פעהלט זיי דער העכערער, איידעלער בעגריף פאַר ארץ־ישראל... אַזעלכע, וואָס מעסטען דאָסדאָזיגע לאַנד מיט דער בלויזער מאָס פון פרנסה און „ביליגע פיש", קאָנען מיט דעם לאַנד קיין מחותנים נישט זיין!...

(אהל יעקב)

אַלע חטאים האָט מען זיי מוחל געווען, אַפילו דעם חטא פון עגל בלויז דעם חטא פון די מרגלים האָט מען זיי נישט געוואָלט מוחל זיין.

דען אויף יעדען חטא, סיי בין אָדם למקום, סיי אויף די זינד, וואָס איין מענש בעגעהט געגען צווייטען, אויב נאָר ער האָט יענעם מפייס געווען, פועל'ט תשובה; חוץ אויף די זינד, וואָס מען בעגעהט געגען פּאָלק — דאָ קאָן שוין קיין שום תשובה און קיין שום חרטה נישט העלפען... „בחרב ימותו כל חטאי עמיו" (עמוס ט')...

(רבי יצחק־אלחנן מקאָוונאָ)

O

וטפכם אשר אמרתם לבז יהיה... (יד. לא.)

אין איינעם פון זיינע בריעף פון ארץ־ישראל שרייבט רבי מענדיל וויטעבסקער צו זיינע חסידים וועגען דעם, וואָס מען איז אַזוי מבטל ד,

עצטע, היינטיגע דורות, די דורות פון „עקבתא דמשיחא״, און ער פיהרט־אויס: „וטפכם אשר אמרתם לבז יהיה... וידעו את הארץ״ — דוקא דידאָזיגע דורות, צו וועלכע מען בעציהט זיך מיט אַזאַ גרינגשעצונג, גראָד זיי וועלען דערקענען און דערפיהלען די אמת׳ע אַהבה צו ארץ־ישראל!...

○

למה זה אתם עוברים את פי ד׳ והיא לא תצלח — ויעפילו לעלות... (יד. מא. מד.)

כאָטש מען האָט זיי דייטליך ערקלערט, אַז דאָס געהן קיין ארץ־ישראל איז געגען דעם אויבערשטענס רצון, דאָך — „ויעפילו לעלות״, דען „כל מה שיאמר לך בעל־הבית עשה, חוץ — מצא״...

(חתם־סופר)

○

מראשית עריסותיכם תתנו לד׳... (טו. כא.)

פערנעהמט זיך מיט׳ן חנוך פון אייערע קינדער, ווען זיי ליעגען נאָך אין די וויגען, שוין דעמאָלט מוזט איהר אָנהויבען זאָרגען צו ערציהען זיי אַלס אידען... נישט וואַרטען, נישט אָבלעגען אויף שפעטער!

(הנ״ל)

○

והם הביאו את קרבנם... וחטאתם... (טו. כה.)

דערויף ווערט געזאָגט אין אבן־עזרא: „וחטאתם הוא השעיר, ובעבור שהוא סמוך אל עזים הוא קטן, והעתיד הפך״.

די מפרשים מאַטערן זיך צו ערקלערען דעם זין פון די ווערטער „והעתיד הפך״. אַ טייל זענען מגיה, אַז עס דאַרף זיין „והעתוד הפך״, ס׳הייסט, אַז דאָרט, וואו עס שטעהט „שעיר״ אָהן דעם וואָרט „עזים״, מיינט מען נישט קיין קטן, נאָר אַ גדול, אַן׳עתוד, אַ תיש... אַנדערע מאַכען נאָך אַ גרעסערן תקון־טעות, אַז עס דאַרף שטעהן: „והעד הפר״ — אַ ראַיה, הייסט עס, פון פר: פונקט ווי „פר בן־בקר״ מיינט מען אַ קטן, און פר אַליין איז גדול, אַזוי איז דאָסזעלבע אויך מיט שעיר...

באמת אָבער לאָזט זיך עס ערקלערען גאַנץ איינפאַך, אָהן שום נויטיגקייטען צו מאַכען דאָ „תיקונים״, נעמליך: אַלס קרבן־חטאת פון אַ צ ב ו ר ווערט געבראַכט אַ שעיר־עזים, אַ קטן; דאַגעגען אַ קרבן־חטאת פון אַ י ח י ד, וועגען וואָס עס רעדט זיך אין ווייטערדיגען פסוק, בעשטעהט פון אַ „עז בת־שנתה״, אַ גדול. און אָט דאָס, אַלזאָ, מיינט דער אבן־עזרא צו

זאָגען: „והעתיד", דער חטאת פון קינפטיגען, נעכסטען פסוק: „הפך", איז פערקעהרט, איז אַ גדול...

(מ. ה. סלוזעווסקי)

והיה לכם לציצית וראיתם אותו וזכרתם... (טו. לט.)

אויף דער ערשטער אַסיפת־הרבנים אין פעטערבורג, אין די צייטען פון ניקאָלאַי דעם ערשטען, איז דער ראש־המדברים פון אַלע רבנים געווען רבי איטשעלע וואָלאָזשינער, מיט וועלכען די מלוכה האָט זיך שטאַרק גערעכענט און זי האָט געוואָלט פועל'ן ביי איהם, ווי אויך ביי די איבריגע רבנים, אַז אידען זאָלען זיך נעהמען צו בילדונג, זאָלען אויסטהון די לאַנגע מלבושים, אַבשערען די פיאות וכדומה. דער „מעקלער" פון השכלה פאַר אידען איז דאַן געווען ד"ר לילייענטאַל, אַ קאַזיאָנע ראַבינער, וועלכער איז אַ גרויסער חשוב געווען ביים דאַמאָלסטיגען בילדונגס־מיניסטער אָווואַראָוו; ער איז אַרומגעפאָהרען איבער די אידישע קהלות און צוגערעדט אידען, זיי זאָלען פאָלגען די מלוכה, זיך אָנטהון „דייטש" און שיקען די קינדער אין די שקאָלעס.

איינמאָל, בשעת דער אַסיפת הרבנים, רופט־זיך־אָן דער מיניסטער אָווואַראָוו צו רבי איטשעלע'ן:

— נאָכוואָס, ראַווין, דאַרפסטו טראָגען אַזאַ גרויסען טלית־קטן מיט אַזעלכע לאַנגע ציצית, ס'זאָל זיך אַרויסזעהן אין דרויסען? קאָן מען דען נישט זיין אַ פרומער איד און טראָגען אויפ'ן האַרצען אַ קליינעם טלית־קטן מיט קורצע ציצית? אָט איז ד"ר לילייענטאַל, אויך אַ רעליגיעזער איד, אַ ראַבינער, טראָגט אודאי אויך ציצית, אָבער מען זעהט נישט אַרויס...

— כ'וועל דיר זאָגען, אַדוני מיניסטער, — ענטפערט איהם רבי איטשעלע: — מיר, אידען, טראָגען ציצית, כדי צו דערמאָהנען זיך אָן די מצוות, וואָס גאָט האָט אונז געבאָטען, ווי עס שטעהט אין דער ביבעל: „וראיתם אותו — וזכרתם"... איז אַזאַ מענש ווי דר לילייענטאַל, וועלכער איז אַ געבילדעטער מאַן מיט אַ גוטען קאָפּ און שאַרפען זכרון — איז גענוג פאַר איהם, כדי צו דערמאָהנען זיך אין די מצוות, אַ קלייניקער טלית־קטן מיט קורצינקע ציצית; איך אָבער, אַ פּאַרצייטישער איד, אַן'עלטערער מענש, דער זכרון דיענט שוין נישט אַזוי — איך, כדי כ'זאָל מיך קאָנען כסדר דערמאָהנען אָן אונזערע מצוות. מוז טאַקע האָבען אַ גרויסען טלית־קטן מיט לאַנגע ציצית...

קֹרַח

ויקח קרח בן־יצהר... (טז. א.)

דערויף איז פאַרהאַן אַ מדרש, וועלכער איז בעקאַנט אַלס מדרש־פּליאָה: „מה ראָה קרח לחלוק על משה? — פרשת פרה אַדומה ראָה"...

דער זין פונ'ם דאָזיגען אין פלוג אונפערשטענדליכען מדרש איז פאָל־גענדער: כידוע, איז איינע פון קרח'ס טענות געווען, הלמאַי מען האָט די בכורים מעביר געווען פון דער כהונה. ממה־נפשך — האָט ער געפרעגט — אויב די בכורים זענען גע'פסל'ט געוואָרען פון דער עבודה דערפאַר, ווייל זיי האָבען געדיענט צום עגל, טאָ ווי־אַזוי האָט מען געמעגט בעשטימען אַלס כהן־גדול אַהרנ'ען, וועלכער האָט דאָך אַליין מיטגעהאָלפען צו מאַכען דעם עגל?... און דאָס איז דער פשט: „פרשת פרה אַדומה ראָה" — ער האָט געזעהן אין דעם דיזעלבע אונפערשטענדליכקייט, דיזעלבע „תרתי דסתרי", וואָס ביי דער פרה־אדומה, וועלכע איז גלייכצייטיג אי אַ „מטמא טהורים", אי אַ „מטהר טמאים"...

(רבי לייבוש חריף)

אויף אַנ'אַנדער אופן:

אין תחילת, זעהענדיג, אַז אַהרן איז אויסדערוועהלט געוואָרען צו טהון די עבודה און מכפר צו זיין אויף די אידען, האָט זיך קרח גע־טראַכט, אַז וויבאַלד אַהרן איז בכח מכפר צו זיין אויף אַנדערע, איז ער דאָך געוויס אַליין אויך אַ קדוש וטהור, און ער האָט דעריבער מורא גע־האַט צו טשעפּען זיך מיט איהם... אָבער ווען ער האָט געהערט די פרשה פון פרה־אדומה, אַז עס איז מעגליך אַזאַ פאַל, אַז זי, די פרה־אדומה, זאָל מטהר זיין אַנדערע, און אַליין זאָל זי פונדעסטוועגען זיין טמא, און אַלע, וואָס ריהרען־זיך־אָן אין איהר, זענען טמא, איז אויב אַזוי — האָט ער זיך געטראַכט — קאָן דאָך זיין, אַז מיט אַהרנ'ען איז אויך דאָסזעלבע: אַז כאָטש ער איז מכפר אויף די אידען, איז נאָך דערפון פונדעסטוועגען

גאָר קיין ראיה נישט, אַז אויך ער אַליין איז אַ צדיק!... און ד אָ ס האָט איהם בעוואויגען און מוט געגעבען אָנצוהויבען די מחלוקת.

O

קריאי מועד אַנשי-שם. (טז. ב.)

יחוס איז זעהר אַ שענע און נוצליכע זאַך און עפ"י שכל דאַרף עס ברענגען דעם מענשען צו שפלות און עניוות, טראַכטענדיג זיך: וואָס בין איך, מ'שטייגט געזאָגט, און וואָס פאַר אַ פנים האָב איך אין פערגלייך מיט מיינע עלטערן? — ולסוף, אַדאַנק קרח'ן מיט זיין עדה, וועלכע האָבען די ערשטע דעמדאָזיגען שלעכטען ביישפּיעל געוויזען, זעהען מיר, ליידער, פערקעהרט: וואָס מעהר יחוס — אַלץ מעהר בעל־גאַוה און אַלץ מעהר בעל־מחלוקת!...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

רבי נפתלי ראָפּשיצער איז געווען אַ גרויסער מיוחס, שטאַמענדיג פון אַ גזע לויטער גאונים און צדיקים.

איינמאָל ביים טיש, זיצענדיג צווישען אַ גרויסען קיבוץ חסידים, האָט רבי נפתלי גענומען אויסרעכענען זיין יחוס און געזאָגט:

— אַזאַ מיוחס, ווי איך, איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ...

— רבי, — רופט־זיך־אָן אַ חסיד, אַ זיבענבירגער איד, אַנ'עושר, — איך בין אַ גרעסערער מיוחס!

— ווי־אַזוי? — חידוש'ט זיך רבי נפתלי. — לאָמיר הערען, אַדרבה...

— אָט איך, רבי — רופט־זיך־אָן דער זיבענבירגער איד — בין אין מיין גאַנצער משפחה דער איינציגער, וואָס לעגט תפילין און היט־אָב שבת!...

— דער איד האָט רעכט, — שמייכעלט רבי נפתלי, — אויב אַזוי, איז ער באמת מעהר יחסן פון מיר...

O

ויקהלו על משה ועל אַהרן... (טז. ג.)

קרח האָט צונויפגעזאַמעלט די אידען און גענומען פאַר זיי ליצנות־מאַכען פון משה ואַהרנ'ען און פון דער תורה. הערט! — דערצעהלט ער זיי: — מיט מיר אין שכנות האָט געוואוינט אַנ'אַלמנה מיט צוויי טעכטער, יתומות. האָט די אַלמנה געהאַט אַ פעלד. וויל זי עס אַקערן, זאָגט מען איהר: זאָלסט נישט אַקערן מיט קיין אָקס־און־אייזעל צוזאַמען! קומט די צייט פון זייהען, זאָגט מען איהר: זאָלסט דיין פעלד נישט זייהען קיין

כלאים; קומט די צייט פון שניידען, בעפעהלט מען איהר: זאָלסט איבער־לאָזען לקט, שכחה און פאה; זאמעלט זי צונויף די תבואה און וויל א „גורן" מאַכען, קומט אַ בעפעהל: תרומה זאָלסטו געבען, מעשר־ראשון און מעשר־שני!... זעהט זי, אַז זי וועט נישט אויסהאַלטען, פערקויפט זי דאָס פעלד און קויפט זיך צוויי שעפסען, כדי צו ערנעהרען זיך פון זייער פרוכט און צו קליידען זיך מיט זייער פעל; אָבער ווי־נאָר זיי האָבען די ערשטע וולדות געבוירען, קומט צוגעהן אהרן און ערקלערט: די ערשטלינגס געהערען צו מיר, די בכורות זענען מיינע! קומט די צייט צו שערען די וואָל, איז אַהרן ווידער דאָ און ערקלערט: די ערשטע געשוירענע וואָל געהערט צו מיר!... ווערט די אַלמנה פערביטערט. זעהענדיג, אַז זי וועט נישט אימשטאַנד זיין פונ'ם דאָזיגען מענשען אויסצוהאַלטען, בעשליסט זי צו שעכטען די שעפסען און זיי אויפצועסען; אָבער ווי־נאָר זי האָט זיי געשאָכטען, קומט צוגעהן אהרן און ערקלערט: די „זרוע" און די „לחיים" און די „קיבה" דארפסטו מיר אָוועקגעבען, דאָס איז מיינס!... ווערט די אַלמנה בייז און שרייט־אויס: אויב אַזוי, ערקלער איך דאָס פלייש פאַר „חרם", זאָל קיינער דערפון קיין הנאה נישט האָבען! רופט־זיך־אָן אהרן: איצט... איצט געהערט עס אינגאַנצען צו מיר, דען אַזוי איז דער דין: „כל חרם בישראל" געהערט צום כהן!...

(מדרש שוחר טוב)

○

רב-לכם כי כל-העדה כלם קדושים... (טז. ג.)

„רב־לכם" — אייער גרויסקייט האָט איהר ערוואָרבען נישט דערפאַר, וויל איהר זענט ראוי דערצו, ווייל איהר זענט ראוי צו זיין אונזערע מנהיגים, נאָר ווייל די עדה בעשטעהט פון קדושים, פון הייליגע, תמימות'דיגע אידען, מיט וועלכע מען קאָן אַלץ מאַכען, וועלכע לאָזען זיך לייכט בעהערשען פון יעדען תקיף!...

(כתב סופר)

○

וישמע משה ויפל על-פניו. (טז. ד.)

„שכבר זה בידם סרחון רביעי, חטאו בעגל ויחל משה וכו'". (רש"י)

איינער פון די אַרגומענטען, מיט וועלכע משה האָט נאָכ'ן חטא פון עגל מלמד־זכות געווען אויף אידען, איז געווען, אַז „אָנכי ד' אלקיך, לא יהיה לך — ל"י צוית ולא להם", אַז די אַלע דברות זענען געזאָגט געוואָרען בלשון־יחיד, צו איהם, צו משה'ן, אָבער נישט צום כלל־ישראל...

איצט אָבער, ווען קרח האָט זיך אַוועקגעשטעלט און האָט אויסגעשריען: „לא אתם לבדכם שמעתם בסיני אנכי ד' אלקיך, כל העדה שמעו!" — האָט ער דערמיט צו-נישט געמאַכט דעם גאַנצען פריהערדיגען לימוד-זכות, וממילא ווערט דער כלל-ישראל צוריק פעראַנטוואָרטליך פאַר'ן חטא-העגל, וואָס ווערט שוין איצט פעררעכענט אַלס „סרחון רביעי", אַלס פיערטע זינד, צוליב וועלכע דער עונש איז שוין אונפערמיידליך, דען — „על שלשת פשעי ישראל ועל ארבעה לא אשיבנו"...

(רבי העשעל אַפּטער)

○

רב-לכם בני לוי. (טז. ז.)

„קרח שפקח היה מה ראה לשטות זה?"... (רש"י)

פונוואַנען ווייסט מען עס אייגענטליך, אַז קרח איז געווען אַ פּקח? — מען פערשטעהט עס מיט'ן שכל: וואו האָט איהר דען אַ גביר, וועלכער זאָל זיך נישט האַלטען פאַר אַ פּקח, פאַר אַ חכם גדול?...

(אַ ווערטעל)

○

וישלח משה לקרא לדתן ולאבירם... (טז. יב.)

„מכאן שאין מחזיקין במחלוקת". (רש"י)

הגם אין יעדער זאַך איז גילטיג דער כלל פון „חזקה", און הגם דתן ואבירם זענען געווען בעקאַנט אַלס אַלטע, שטענדיגע בעלי-מחלוקת, וועלכע האָבען קיין איין קריגעריי נישט אויסגעמיטען,—האָט משה פונדעסט-וועגען זיי געשיקט רופען, מיט דער האָפנונג, אפשר וועט זיך איינגעבען צו ווירקען אויף זיי... דען „אין מחזיקין במחלוקת", אין אַ מחלוקת שטעלט מען נישט אויף דער „חזקה", מען דאַרף כסדר פּרובען...

(כתב סופר)

○

אף לא אל ארץ זבת חלב ודבש הביאותנו — ותתן-לנו נחלת שדה וכרם... (טז. יד.)

אינ'ם „ארץ זבת חלב ודבש" גופא האָסטו אונז נישט אַריינגעפיהרט, דאַגעגען האָסטו אונז אין איין שפּייזען מיט דינים און מצוות וועגען „נחלת שדה וכרם": וועגען ערלה, מעשר, לקט, שכחה, פאה וכדומה!...

(ספורנו)

○

לא חמור אחד מהם נשאתי ולא הרעותי את־אחד מהם. (טז. טו.)

די חמורים און עמי־הארצים האָב איך נישט נושא־פנים געווען, נישט גע׳חנפ׳עט, און די נכבדים און חשובים האָב איך נישט פוגע־בכבוד געווען...
(מעדני מלך)

„לא חמור אחד מהם נשאתי"... אַ חסיד־ישער איד איז אַמאָל געקומען צו רבי ישראל סאַלאַנטער, וועלכער האָט איהם, ווי זיין שטייגער איז געווען, אויפגענומען בסבר פנים יפות. פאַר׳ן אַוועקגעהן נעהמט דער גביר אַרויס אַ הונדערטער און לעגט אַוועק אויפ׳ן טיש.

— וואָס איז דאָס — פרעגט רבי ישראל — פאַר אַ געלד?

— ביי אונז חסידים – ענטפערט דער גביר — איז אַ מנהג, אַז מען קומט צו אַ גוטען אידען, גיט מען איהם אַ פדיון.

— אַזוי? — חידוש׳ט זיך רבי ישראל: – ביי אייך הייסט אַ גוטער איד דער, וואָס נעהמט געלד; און ביי אונז, זעהט איהר, הייסט אַ גוטער איד דער, וואָס גיט געלד...

מען האָט אַמאָל געפרעגט ביי רבי אורי סטרעליסקער:

— וואָס איז די מעשה, רבי, וואָס אַמאָליגע גוטע אידען האָבען זיך בעגנוגענט מיט קליינע פדיונות, מיט גראָשענס, דאַגעגען די היינטיגע רביים הייסען זיך געבען גרויסע מטבעות, גאַנצע הונדערטער?

— גאָר פשוט, — ענטפערט רבי אורי, — מיר זעהען אין דער וועלט, אַז אַ נאַטירליכע זאַך איז תמיד וועלוועלער, ווי אַ נאָכגעמאַכטע. למשל, אַן אמת׳ע בלום קאָסט ביליגער, ווי אַ געמאַכטע בלום. אין אַמאָליגע גוטע אידען זענען געווען אמת׳ע גוטע אידען, אמת׳ע צדיקים, האָבען זיי זיך בעגנוגענט מיט אַ קלייניגקייט; היינטיגע רביים דאַגעגען זענען געמאַכטע, קאָסטען זיי טייערער...

רבי ישראל׳קע ריזשינער האָט, כידוע, געפיהרט גאָר אַ ברייטען שטאַט, געוואוינט זעהר שען און איז געפאָהרען אין אַ קאַרעטע, מעשה־שררה. איינמאָל איז צו איהם געקומען אַ „היינטוועלטיגער", וועלכער האָט, זעהענדיג דאָס גרויסע רחבות אין ריזשינער הויף, אָנגענומען זיך מיט העזה און האָט אַ פרעג געטהון דעם ריזשינער:

— ערקלערט מיר, רבי, פאַרוואָס האָבען אַמאָליגע רביים געלעבט אין נויט און אין דחקות, געוואוינט אין הילצערנע הייזלעך, געטראָגען

מלבושים פון פראַסטען לייווענט, געגאַנגען צו־פוס, און היינטיגע רביים וואוינען אין פּאַלאַצען, טראַגען אַטלעסענע קליידער און פאָהרען אין קאַרעטען?

— כ'וועל דיר זאָגען — ענטפערט איהם דער ריזשינער: — צו אַ רבי'ן קומען דריי סאָרטען מענשען: חסידים, בעלי־בתים און בעלי־עבירות. דאָס געלד פון די פּדיונות גיט דער רבי אויס לויט די נותנים: דאָס געלד, וואָס חסידים גיבען — גיט ער אויס אויף מצוות, אויף ציצית, תפילין, אתרוג, צדקה וכדומה; דאָס געלד פון די בעלי־בתים גיט ער אויס אויף פרנסה, און דאָס געלד פון די בעלי־עבירות גיט ער אויס אויף מותרות, אויף פערד, קאַרעטען וכדומה. אין אַמאָליגע יאָהרען, ווען בעלי־עבירות זע־נען געווען זעהר ווייניג, האָבען די רביים נישט געהאַט פאַרוואָס צו קויפען קיין פערד און זיי האָבען געמוזט געהן צו־פוס; היינטיגע צייטען אָבער זענען די בעלי־עבירות נתרבה געוואָרען — האָבען די רביים אויף פערד, אויף קאַרעטען און אויף אַלע אַנדערע מותרות...

○

ויקהל עליהם קרח את־כל־העדה... (טז. יט.)

צו אַ דבר־מצוה איז אַזוי נישט לייכט צונויפצוזאַמלען אַלעמען, דעם גאַנצען כלל; האַנדעלט זיך עס אָבער וועגען מחלוקת, דאַן איז — „כל־העדה"! זענען מאַמענטאַל אַלע דאָ אויפ'ן פּלאַץ...

(מטה אהרן)

פאַרהאַן אַזעלכע דרשנים, וועלכע פערמאָגען נישט מעהר, ווי איין דרשה — אויף פרשת קרח... און קיין וואונדער נישט: דאָס איז אַזאַ דרשה, וועלכע איז באמת שטענדיג אַ „דבר בעתו" און „כל יום זמנו"...

(פרי מגדים)

און דאָס — ווערט צוגעגעבען בדרך־הלצה — איז די כּוונה פון רש"י: „פרשה זו יפה נדרשת"...

— וואָס איז די מעשה — פלעגט זאָגען רבי אייזשע סלאָנימער בדרך־הלצה — וואָס די חז"ל פרעגען שטענדיג: „מאי טעמא דתנא קמא"? פאַרוואָס פרעגען זיי נישט: „מאי טעמא דתנא בתרא"? — נאָר אויפ'ן תנא־בתרא, וועלכער האָט שוין געהערט, וואָס דער פריהערדיגער תנא זאָגט, איז קיין קשיא נישט, פאַרוואָס ער זאָגט אַנדערש: מחמת קום זאָגט איין איד אַזוי, מוז דער צווייטער זאָגען פערקעהרט... דער תנא־קמא אָבער האָט דאָך נישט געהאַט פאַר זיך קיין אַנדערע מיינונג, וואָס זאָל איהם צווינגען צו זאָגען אַנדערש, טאָ — „מאי טעמא דתנא קמא"?...

אין די אַגדות פון רבה בר־בר־חנא (בבא בתרא ע״ד) ווערט דער־צעהלט וועגען דעם קול פון די בני־קרח, וואָס טראָגט זיך שטענדיג פון דער ערד, שרייענדיג: „משה ותורתו אמת ואָנו בדאין״!

די ווערטער „ואָנו בדאין״ לאָזען זיי אויס צום סוף, וואָרום ווען זיי זאָלען באַלד צום אָנהויב אויסשרייען: „אָנו בדאין״, דעקלאַרירענדיג זיך אַלס ליגנער, וואָלטען זיי דאָך שוין דאַן נישט בעגלויבט געווען צו פער־ענדיגען דעם צווייטען האַלבען זאַץ, די פערזיכערונג, אַז — „משה ותורתו אמת״...

(מטה אהרן)

O

ודתן ואבירם יצאו נצבים... (טז. כז.)

„נצבים — בקומה זקופה״. (רש״י)

אַלע מדות רעות קאָנען, פידוע, אויסגענוצט ווערען דורכ׳ן מענשען צום גוטען, מען דאַרף נאָר וויסען, וואו און ווען זיך מיט זיי צו בענוצען. אויך די מדה פון עזות איז נוצליך — בעת דער מענש וויל טהון אַ גוטע זאַך, זאָל ער דאַן נישט בטל ווערען און נישט שעמען זיך פאַר די אַרו־מיגע און פאַר זייער שפּאָט און חוזק... ליידער, טהוען ס׳רוב מענשען פערקעהרט: „עז־פנים — לגיהנום״, צו שלעכטע מעשים, גיהנום־זאַכען, איז מען אַנ׳עזות־פנים, געהט מען צו דרייסט, אָהן חרפה, אָהן צו שעמען זיך פאַר וועמען; דאַגעגען „ובושת פנים — לגן־עדן״, קיום האַנדעלט זיך וועגען גוטע מעשים, וועגען גן־עדן־זאַכען, דאַמאָלס דוקא ווערט דער מענש מיטאַמאָל אַ ביישן...

(רבי ברוך ממעזשיבוזש)

די גמרא זאָגט (חגיגה י״ד), אַז טויזענד דורות האָבען געזאָלט גע־בוירען ווערען פאַר מתן־תורה, אָבער (זעהענדיג, אַז אָהן תורה קאָן די וועלט קיין קיום נישט האָבען) געבוירען געוואָרען זענען נאָר 26; די אי־בעריגע 974 זענען צושפּרייט געוואָרען צווישען די שפּעטערדיגע דורות, „והן הן עזי־פנים שבדור״, דאָס זענען די עזות־פנים׳ער פון יעדען דור...

און דערפון, משמעות, נעהמט זיך עס, וואָס אַ מחוצף בעת ער קריעגט זיך מיט וועמען, שרייט ער: „איך וועל דיר ווייזען, ווער עלטער איז!״...

(קדושת לוי)

O

ותבלע אותם... ואת כל־הרכוש. (טז. לב.)

פאַרוואָס איז אויך דאָס רכוש, דאָס פערמעגען זייערס, איינגעשלונגען געוואָרען? — ווייל די הבטחה „ועבדום וענו אותם ואחרי־כן יצאו ברכוש

גדול" האָט נישט געהאַט קיין שייכות צום שבט-לוי, וועלכער איז דאָך נישט געווען אינ'ם כלל פונ'ם „ועבדום וענו אותם", דען די בני-לוי זענען אין מצרים פריי געווען פון אַרבייט — און דעריבער האָבען זיי נישט גע-נומען קיין חלק, נישט אינ'ם רכוש, וואָס מען האָט אַרויסגעפיהרט פון מצרים, און אויך נישט אין דער שפּעטערדיגער פערטיילונג פון ארץ-ישראל; און היות ווי אויך די בני-קרח זענען דאָך געווען פון שבט-לוי, טאָ ווי קומט צו זיי רכוש? — איז עס דאָך זיכער פרעמדס, גע'גזל'טס, און דערי-בער — „ותבלע אותם וכו'"...

(שפתי כהן)

מען האָט אַמאָל געפרעגט רבי ברוך-מרדכי שעדלעצער:

— רבי, פּאַרוואָס זאָגט מען: „רייך, ווי קרח"? קרח איז דאָך איינגע-זונקען געוואָרען מיט'ן געלד אינאיינעם — טאָ פונוואַנען ווייסט מען, אַז ער איז געווען רייך?

— אָט דאָס איז טאַקע די מעשה, — ענטפערט ר' ברוך-מרדכי, — ס'רוב אידישע עשירים זענען רייך נאָר ביים לעבען... גאַנץ אָפט האַלט מען פלוני בן-פלוני'ן פאַר אַ גרויסען גביר און מען שאַצט זיין פערמעגען אין די אַלפים ורבבות; ערשט נאָכ'ן טויט דערוויסט מען זיך, אַז עס איז נאָך איהם גאָרנישט געבליבען, אַז ער איז באמת געשטאָרבען אַן אָרימאַן, אַ קבצן... קרח אָבער איז איינגעזונקען געוואָרען צוזאַמען מיט'ן פערמע-גען — איז ער דערום געבליבען ביים שם, אַז ער איז געשטאָרבען אַ גביר...

○

ואת-האש זרה הלאה כי קדשו. (יז. ב.)

הגם דאָס פייער האָט געשטאַמט פון זינד, פון די „מחתות החטאים האלה" — דאָך... אַ זאַך, פאַר וועלכער מענשען האָבען זיך מוסר-נפש גע-ווען, כאָטש זיי האָבען דערביי געזינדיגט, בעקומט עס דאָך דעם ווערט פון הייליגקייט...

(רבי יוסף-שאול נאַטאַנזאָהן)

○

את מחתות החטאים האלה בנפשותם... (יז. ג.)

די ערגסטע, די זינדיגסטע בעלי-מחלוקת זענען יענע, וועלכע מישען אַריין דערביי דעם „נ פ ש", פיהרענדיג זייערע מחלוקת'ן כלומר'שט אין נאָמען פון תקון-הנשמה, אין נאָמען פון פרומקייט, פון הימעל-זאַכען!...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

חֻקַּת

זאת חֻקַּת התורה... (יט. ב.)

אויך די תורה בעזיצט דיזעלבע מערקווירדיגקייט, וואָס די פּרה־אדומה: אויך זי איז אין אַ געוויסען זין בבחינת „מטהר טמאים ומטמא טהורים", דען — „זכה, נעשית לו סם של חיים; לא זכה, נעשית לו סם של מות"...

(רבי דוד לעלעווער)

דער „מגן־אברהם" (אורח־חיים, ס' תק"פ) דערצעהלט אין נאָמען פון בעל ה„תניא", אַז אין יאָהר חמשת אַלפים וארבע איז אין פראַנקרייך אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ גזירה צו פערברענען דעם תלמוד (דאָס איז, אגב, געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן קאַמף, וואָס רבינו יונה האָט אָנגעפיהרט געגען די ספרים פון רמב"ם און בעזונדערס געגען „מורה־נבוכים"), און אין איין טאָג, פרייטאָג, פרשת חוקת, זענען אין פּאַריז פערברענט געוואָרען עטליכע הונדערט פוהרען מיט גמרות. מען האָט אינ'ם דאָזיגען טאָג גוזר־תענית געווען, בעשטימענדיג איהם אַלס פערפליכטענדען תענית לדורות; אָבער דערביי איז דער אופן פון זיין בעשטימונג אַביסעל אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע תעניתים: געוועהנליך פאַלט־אויס יעדער תענית יעדעס יאָהר גלייך, לויט'ן דאַטום פון חודש; דאָסמאָל אָבער האָבען אייניגע גדולי־הדור ערקלערט, אַז מען האָט זיי געוויזען אין חלום דעם ערשטען פסוק פון דער סדרה: „זאת חקת התורה" און דעם תרגום־אונקלוס, וועלכער זאָגט דערויף: „דא גזירת אוריתא" — אַ רמז, אַז ס'איז געווען פאָראויסגעזאָגט, אַז אין פרשת חוקת וועט אַרויסגעגעבען ווערען אַ גזירה געגען דער תורה... עס איז, אַלזאָ, בעשלאָסען געוואָרען, אַז דערדאָזיגער תענית זאָל בעשטימט ווערען נישט לויט'ן טאָג פון חודש, נאָר אין דער סדרה פון דער וואָך — יעדעס יאָהר, פרייטאָג פרשת חוקת...

„זאת חקת התורה — גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה". (רש"י)

הגם עס זענען פאראַן נאָך פיעל אַנדערע דינים, וועלכע זענען אונ־פערשטענדליך, וועגען וועלכע עס ווערט אין דער תורה קיין שום טעם נישט אָנגעוויזען, ווי דער איסור פון אכילת־חזיר און שעטנז א. אַ. וו., דאָך ווערט דאָס וואָרט „חקת" געזאָגט בלויז ביי פרה אדומה, ווייל דידאָ־זיגע מצוה איז נישט-נאָר אונפערשטענדליך, נאָר זי איז אויך געגען שכל, געגען דער לאָגיק — זי איז „מטהר טמאים און מטמא טהורים"...

(יבין שמועה)

רבי יונתן אייבעשיץ האָט אָנגעטראָפען אַ געוויסען אפיקורס עסען טרפות... יענער האָט זיך אַביסעל פערשעמט און געזאָגט:

— פערשטעהט איהר מיך, רבי, איך בין מקיים בלויז די עטישע, די מאָראַלישע מצוות, וועלכע כ'בין משיג מיט'ן שכל, אָבער נישט די סתם אונפערשטענדליכע חוקים, וועלכע זענען זאַכען אָהן אַ טעם...

דערויף האָט איהם רבי יונתן געענטפערט מיט אַ פסוק אין תהלים:

„ולרשע אָמר אלקים" — און צום רשע זאָגט גאָט — „מה־לך לספר חקי" — וואָס דערצעהלסטו מיר מעשיות, אַז דו ביזט בלויז אַ געגנער פון חוקים? — „ואתה שנאת מוסר" — באמת האָסטו דאָך פיינט אויך דעם מוסר, אויך די מאָראַל און די עטיק — „ותשלך דברי אחריך" — צו־זאַמען מים די חוקים האָסטו אויך אַלע איבריגע זאַכען אוועקגעוואָרפען, און נישטאָ אַזאַ זינד, וואָס דו זאָלסט נישט גרייט זיין צו טהון — „אם ראית גנב ותרץ עמו, ועם מנאפים חלקך"!...

ס

ויקחו אליך פרה אדֻמה... (יט. ב.)

„פרה אדומה — זו גלות אדום"... (פסיקתא)

אויך דער גלות האָט אין זיך דיזעלבע אייגענשאַפט, וואָס די פרה־אדומה: פון איין זייט איז ער „מטהר טמאים" — די צרות, וואָס אידען ליידען אין גלות, די שפלות און בזיונות, וואָס זיי האָבען אויסצושטעהן פון די שכנים, בעפעסטיגען זייער צוגעבונדענקייט צום יהדות און פער־שטאַרקען אין זיי אָפט, ביי יעדער עת־צרה, דאָס געפיהל פון אחדות און ברידערליכע רחמנות; אָבער פון דער צווייטער זייט, איז ער אויך „מטמא טהורים" — די שווערע גלות-בעדינגונגען דערפיהרען אָפט צו אַ גייסטיגער

ירידה, צו דעמאָראַליזאַציע און פערדאָרבענהייט, צו אַס־מילאַציע און זעלבסט־פערלייקענונג, צום — „ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם"!...

(רבי יוסף־שאול נאַטאַנזאָהן)

O

אשר אין בה מום אשר לא עלה עליה על. (יט. ב.)

אויב אַ מענש איז ביי זיך אין אָרדנונג, אויב ער געפינט נישט אויף זיך קיין שום מום — איז אַ סימן, אַז ער האַלט נאָך גאַנץ ווייט, אַז ער שפירט נישט און טראָגט נישט אויף זיך דעם מינדעסטען עול פון אידישקייט!...

(רבי יעקב־יצחק מלובלין)

O

עץ ארז ואזוב... והשליך אל־תוך שרפת הפרה. (יט. ו.)

„ארז" איז מרמז אויף שטאָלצקייט און גאוה; „אזוב" — אויף דער סאַמע נידעריגסטער שפלות.ביידע מדות טויגען נישט, ביידע דאַרף מען פערברענען; פונקט ווי מען דאַרף קיין בעל־גאוה נישט זיין, דאַרף מען אויך נישט זיין צופיעל שפל... געהן זאָל דער מענש אינ'ם דרך־הממוצע...

(כלי יקר)

יעדער מענש דאַרף האָבען ביי זיך צוויי קעשענעס: איינע מיט „ואנכי עפר ואפר"; די צווייטע — מיט „בשבילי נברא העולם"...

(רבי מנחם־מענדיל מקאָצק)

O

זאת התורה אדם כי־ימות באהל... (יט. יד.)

„אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה". (ברכות ס"ג:)

דער „שאגת־אריה" האָט אַ לאַנגע צייט אָבגעריכט גלות. געגאַנגען איז ער אָנגעטהון אין אַ לייווענטענער קאַפּאָטע, אַרומגעבונדען מיט אַ שטריק, אויפ'ן שטריק אָנגעבונדען אַ טעפעל מיט אַ לעפעל — און וואו ער פלעגט קומען, פלעגט ער בעטען, מען זאָל איהם אָבקאָכען אַביסעל גרויפּען אין זיין אייגען טעפעל, מחמת ער פלעגט זיך נישט וועלען „מישען" מיט פרעמדע כלים.

ויהי היום, איז ער געקומען קיין ברעסלוי, וואו רבי ישעיה פיק (דער בעל „מסורת הש"ס") איז געווען רב. רבי ישעיה איז געווען אַ איד אַ נגיד און האָט געפיהרט אַ ברייט הויז. אין דער „שאגת־אריה" אריין

צו רבי ישעיה'ן אין שטוב און האָט געזאָגט צו דער רבי'צין: נאַ דיר (דער „שאגת-אריה" האָט קיינעם נישט געאיהרצט) גרויפּען אין אַ טעפּעל און קאָך מיר אָב אַביסעל געקעכץ.

די רבי'צין האָט איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט. נישט בלויז זיין אַרט רעדען, נאָר זיין גאַנצער הילוך און משונה'דיג אויסזעהן האָט אויף איהר געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק, דען דער „שאגת-אריה" האָט ווייט נישט געהאַט קיין הדרת-פנים... איז זי אַריין צום רב און האָט איהם דערצעהלט, אַז ס'איז געקומען עפּעס אַ איד אַנ'אָרימאַן, זעהט-אויס אַ מטורף, און פערלאַנגט, מען זאָל איהם קאָכען עסען פון זיינע גרויפּען און דוקא אין זיין כלי!

רבי ישעיה האָט געהייסען, זי זאָל איהם צוליב טהון, און אַליין איז ער געגאַנגען שלום געבען דעם אורח און האָט איהם אַריינגעבעטען צו זיך אין קאַבינעט, וועלכער איז געווען, ווי אַלע חדרים פון דער וואוינונג, זעהר רייך מעבלירט. עס האָט זיך פערפלאָכטען צווישען זיי אַ שמועס. דער „שאגת-אריה" האָט איהם תיכף אויפ'ן אָרט געפרעגט אַ קשיא, גאָר אַ האַרבע קשיא, אויפ'ן שאגת-אריה'ס שטייגער. רבי ישעיה האָט זיך אַביסעל געמאַטערט, אָבער סוף-כל-סוף געענטפערט אַ תירוץ, וואָס עס איז דעם „שאגת-אריה" שטאַרק געפעלען געווען.

— מיר איז אַ גרויסער חידוש אויף דיר, — רופט ער זיך-אָן צום ברעסלויער רב: — לעבסט אין אַזא רחבות און קענסט לערנען?...

○

וישמע הכנעני... יושב הנגב... (כא. א.)

„יושב הנגב — זה עמלק... ושנה את לשונו לדבר בלשון כנען". (רש"י)

זעה, צו-וואָס עס איז גורם די ענדערונג פון דער שפּראַך!... מיט'ן אָבזאָגען-זיך פון אייגענעם לשון רייסט מען זיך אָב אינגאַנצען פון פאָלק... קוים האָבען די עמלקים אָנגעהויבען רעדען אויף כנעני'ש, פערדעכענט זיי שוין דער פסוק אַלס כנענים — „וישמע הכנעני"!...

(כנף רננים)

○

ונפשנו קצה בלחם הקלוקל. (כא. ה.)

רבי ישעיה'לע פּראַגער האָט געהאַט, כידוע, אַ ווייב אַ מרשעת. איינמאָל, בשעת זי האָט איהם שטאַרק דענערווירט, האָט ער צו איהר אַ זאָג געטהון:

— נישט אומזיסט האָבען די אידען אין מדבר געשריען: „נפשנו קצה בלחם הקלוקל” — דערמיט האָבען זיי אוּדאַי געמיינט די ווייבער זיי־ערע, דען די ראשי־תיבות פון דידאָזיגע ווערטער איז „נקבה”...

ענטפערט זי איהם דערויף מניה וביה:

— למדן איינער! דו פערגעסט, אַז דידאָזיגע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען אויפ'ן מ א ן („מן”)!...

בָּלָק

וישלח מלאכים אל־בלעם... (כב. ה.)

„כדי שלא יהא פתחון־פה לאומות לומר אילו היו לנו נביאים חזרנו למוטב וכו׳..."
(רש"י)

זאָלען זיי נישט האָבען דערנאָך קיין תירוץ, אַז דערפאַר האָבען זיי נישט געגלויבט אין בורא־עולם, ווייל זיי זענען בטבע נישט קיין מאמינים, ווייל זיי קאָנען נישט גלויבען אין דעם, און וועלכען זיי זענען נישט איבערצייגט. וואָס זיי זעהען נישט מיט די אייגענע אויגען! אויב איהר זענט נישט קיין מאמינים — טאָ פאַרוואָס האָט איהר אין בלעם׳ן יאָ געגלויבט? פאַרוואָס גלויבט איהר אין כישוף, אין נחשים וקסמים? פאַרוואָס גלויבט איהר אין כל מיני ווילדע נאַרישקייטען?...

(רבי בונם מפשיסכע)

○

אם־יתן־לי בלק מלא ביתו כסף וזהב לא אוכל לעבור... (כב. יח.)

„למדנו שנפשו רחבה ומחמד ממון אחרים"... (רש"י)

אויך רבי יוסי בן־קסמא האָט דאָך אַן ענליכע תשובה געענטפערט: „אם אתה נותן לי כל כסף וזהב שבעולם לא אצא למקום שאינו מקום־תורה" (אָבות ו. ט.), טאָ וואָס צווינגט עס רש"י׳ן אויסצוטייטשען די־זעלבע תשובה פון בלעם׳ן ל ג נ אַ י?...

דער תירוץ איז: דאָרט, ביי רבי יוסי בן־קסמא, אינ׳ם פאַרשלאַג, וואָס מען האָט איהם געמאַכט, האָט זיך אויסדריקליך גערעדט וועגען געלד; מען האָט איהם נעמליך פאָרגעלעגט: „רבי, רצונך שתדור עמנו במקומנו ואני אתן לך אלף אלפי אלפים דנרי זהב וכו׳", דערויף האָט רבי יוסי געענט־פערט: „אם אתה נותן לי כל כסף וזהב שבעולם וכו׳"; דאָ דאַגעגען, ביי

בלעם׳ן, האָט מען דאָך מיט איהם לגמרי נישט גערעדט וועגען קיין געלד, בלק האָט איהם געלאָזט זאָגען סתם: „פי כבד אכבדך מאד״, טאָ וואָס ענט־פערט ער עפעס: „אם יתן לי בלק מלא ביתו כסף וזהב״? ווער האָט דען דאָ דערמאָהנט געלד?... און דערפון, אַלזאָ, — „למדנו שנפשו רחבה ומחמד ממון אחרים״...

(תורה תמימה)

אויף אַנ׳עהנליכען אופן:

פאַרוואָס ביי יעקב׳ן, בשעת ער האָט, רעדענדיג מיט לבנ׳ען, זיך אויסגעדריקט אַזוי אייגפאַך, ווי: „הבה לי אשתי כי מלאו ימי״, פערענטפערט איהם רש״י און זאָגט: „הלא אפילו קל שבקלים אינו אומר כן, אלא להעמיד תולדות נתכוון״; דאַגעגען דאָ, ביי בלעם׳ן, וועלכער ערקלערט גאַנץ דייטליך: „אם יתן לי בלק מלא ביתו כסף וזהב לא אוכל לעבור את פי ד׳״, טייטשט עס רש״י אויס צום שלעכטען, אַז „מכאן שנפשו רחבה״, אַז ער האָט געמיינט פערקעהרט, מען זאָל איהם יאָ געבען געלד?...

דער תירוץ איז: וויכטיג איז נישט דאָס, וואָס מען זאָגט, נאָר ווער עס זאָגט! אַז יעקב זאָגט: „הבה לי אשתי״, מיינט ער „להעמיד תולדות״; און אַז אַ בלעם זאָגט: „לא אוכל לעבור את פי ד׳״, מיינט ער — געלד!...

(געהערט)

○

קום לך אתם... וילך עם שרי מואב. (כב. כ. כא.)

„אתו״ און „עמו״ האָבען אין תנ״ך צוויי פערשידענע בעדייטונגען: „אתו״ הייסט, ווען מען געהט מיט איינעם צוזאַמען אויף איין וועג, אָבער נישט מיט׳ן זעלבען ציעל און צוועק; דאַגעגען „עמו״ הייסט — צוזאַמען וועגען איין געמיינזאַמען אינטערעס.

דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו בלעם׳ן: „קום לך אתם״, געה מיט זיי, אָבער נישט מיט׳ן זעלבען צוועק, נישט צו ערפילען זייער פערלאַנג; לסוף — „וילך עם שרי מואב״, איז ער געגאַנגען מיט זיי געאייניגט, מיט דער דעה צו שעלטען די אידען... און דערפאַר — „ויחר אף אלקים״...

(ווילנער גאון)

○

ויקם בלעם בבקר ויחבוש את־אתונו... (כב. כא.)

„אָמר הקב״ה: רשע כבר קדמך אביהם, שנאמר וישכם אברהם בבקר ויחבוש את חמורו״... (רש״י)

אויך דער אייזעל, וואָס אברהם האָט איינגעשפאַנט, האָט געהאַט אויס־צופיהרען אַנ׳עהנליך שליחות — צו פיהרען יצחק׳ן צו דער עקדה, אומצו־

ברענגען אויף אַזאַ אופן דאָס פאָלק ישראל, דען ווען יצחק וואָלט דאַן געשאָכטען געוואָרען, וואָלט איצט מעהר קיין אידיש פאָלק אויף דער וועלט נישט געווען!... אויב־זשע כ'האָב דאַן דערצו נישט דערלאָזט און אין דער לעצטער רגע איהם אָבגעהאַלטען דערפון, איז דאָך עס אַ בעוויז, אַז איך וויל נישט דעם אונטערגאַנג פון די אידען... טאָ וואָס ווען דיר איצט העלפען דיין אייזעל שפּאַנען?

(רבי וואָלף סטריקאָווער)

○

הלא אנכי אתונך... (כב. ל.)

רבי איצעל פּאָניעוועזשער איז אַמאָל געקומען אויף אַ שטאָדטישער אסיפה, וואו עס האָט געדאַרפט בעהאַנדעלט ווערען גאָר אַ וויכטיגער ענין; דערוויייל אָבער איז צווישען עולם, איבערהויפּט צווישען די אויפגעקומענע בעלי־בתים, גראָבע יונגען, אויסגעבראָכען אַ מחלוקת וועגען כבוד און יחוס: איינער האָט דעם צווייטען גענומען אויפוואַרפען, אַז יענער איז אַ גאָרנישט שבגאָרנישט און נאָר ער איז דער אמת'ער יחסן, דער מר בר רב אַשי, כנהוג... די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים און ס'איז אונמעגליך געווען צו פיהרען די זיצונג.

טהוט רבי איצעל אַ קלאַפּ אין טיש און רופט־אויס: שאַט, רבותי, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה:

— די אייזלען זענען געקומען מיט אַ טענה צום אויבערשטען. רבונו של עולם! — האָבען זיי זיך געקלאָגט. — פאַרוואָס זאָלען מיר אַנדערש זיין פון אַלע חיות און בהמות? די חיות אין וואַלד שפּאַצירען זיך אַרום פראַנק־און־פריי, עסען און טרינקען, האָבען הנאה פון דער וועלט און האָבען נישט אויף זיך קיין שום מושל און אויבער־האר; אַפילו די הויז־בהמות, וועלכע האָבען יאָ אויף זיך אַ בעל־הבית, דרעהען זיך ס'רוב אַרום פוסט־און־פּאַס, פּאַשען זיך גאַנצע טעג אויפ'ן פעלד!... און יענע, וועלכע אַרבייטען יאָ בייטאָג, האָבען זיי כאָטש ביינאַכט רוה און ליגען זיך במנוחה אין דער וואַרימער שטאַל — נאָר בלויז מיר, אייזלען, האָבען קיין מנוחה נישט, נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט, דער בעל־הבית האָט אויף אונז גאָר קיין רחמנות נישט און האַלט אונז אין איין שלאָגען... רבונו של עולם! אויב ס'איז אונז יאָ בעשערט אַ גאַנץ לעבען צו האָרעווען, טאָ שענק אונז כאָטש אַביסעל לשון, מיר זאָלען זיך קאָנען אויס'טענה'ן מיט'ן בעל־הבית און בעטען ביי איהם רחמנות בשעת אַנ'עת־צרה!

— גוט! — האָט דער אויבערשטער געענטפערט, — אייער בקשה וועט ערפילט ווערען; כ'וועל איינעם פון אייך געבען לשון, און מיר וועלען זעהן, וואָס ער וועט רעדען.

געמאַכט געוואָרען איז דידאָזיגע פּראָבע מיט בלעמ׳ס אייזעל: בשעת בלעם האָט איהם דריי מאָל געשלאָגען, האָט דער אויבערשטער געעפענט זיין מויל... און — וואָס האָט ער געזאָגט? אָנשטאָט צו רעדען צו דער זאַך און צו ערקלערען, אַז ער איז נישט שולדיג, אַז דאָס האָט איהם אַ מלאך פערשטעלט דעם וועג, האָט ער אָנגעהויבען גאָר צו דערצעה־לען דעם יחוס זיינעם: „הלא אָנכי אתונך, אשר רכבת עלי מעודך עד היום הזה"!...

דאַן איז ביי איהם צוריק אָבגענומען געוואָרען דאָס לשון:
— ניין, אַזעלכע חמורים דאַרפען נישט רעדען!...

○

הן עם לבדד ישכן ובגוים לא יתחשב. (כג. ט.)

איינס פון די יסודות און הויפּט־מעלות, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט זיי צו פערדאַנקען זיין קיום, איז „ובגוים לא יתחשב", ווייל עס רעכענט זיך נישט מיט דער מיינונג פון די גוים, וואָס זיי טראַכטען און זאָגען וועגען איהם, און עס קימערט איהם נישט זייער שפּאָט און חוזק...

(דגל מחנה אפרים אין נאָמען פון בעש"ט)

„הן עם לבדד ישכן"... די אותיות „הן" קאָנען זיך מיט קיינעם נישט צונויפפּאָרען. א׳ מיט ט׳ איז צעהן; ב׳ מיט ח׳ איז צעהן; ג׳ מיט ז׳ איז צעהן; ד׳ מיט ו׳ איז צעהן. דאַגעגען די ה׳ בלייבט שטעהן איינ־זאַם, זי האָט נישט צו זיך קיין פּאָרל... דאָסזעלבע איז מיט דער נ׳: י׳ מיט צ׳ איז הונדערט; כ׳ מיט פ׳ איז הונדערט; ל׳ מיט ע׳ איז הונדערט; מ׳ מיט ס׳ איז הונדערט. די נ׳ אָבער קאָן זיך מיט קיינעם נישט חבר׳ן... און אַזוי איז אויך מיט׳ן פאָלק ישראל — „הן עם לבדד ישכן ובגוים לא יתחשב", מיט קיין שום פאָלק אין דער וועלט וועט עס נישט אימשטאַנד זיין זיך צונויפצופּאָרען און צו אַסימילירען, מיט קיין שום אומה ולשון!...

(שמות רבה)

○

תמות נפשי מות ישרים... (כג. י.)

לויט׳ן שטייגער פון געוויסע היינטיגע מאָדערנע אידען, האָט אויך בלעם געוואָלט לעבען ווי אַ גוי און שטאַרבען ווי אַ איד...

(רבי יהושע רוקח מבעלז)

○

אפס קצהו תראה וכלו לא תראה... (כג. יג.)

אויב דו זעהסט חסרונות ביי אידען, איז עס נאָר ביי „קצהו", ביי יחידים, ביים פרט, אָבער נישט ביים כלל...

(רבי מנחם־מענדיל מקאָצק)

○

הנה ברך לקחתי וברך ולא אשיבנה. (כג. כ.)

ווי־אַזוי קאָן איך זיי איצט שעלטען, נאָכדעם ווי איך האָב אויך זיך אליין אריינגענומען אין כלל, ווינשענדיג זיך „ותהי אחריתי כמוהו", אַז איך זאָל האָבען אַזאַ סוף, ווי די אידען?...

(כתב סופר)

○

כעת יאָמר ליעקב ולישראל מה־פעל אל. (כג. כג.)

אין די אַכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָרהונדערט, ווען אין רוסלאַנד האָט געבושעוועט די מגפה פון בלוטיגע פאָגראָמען אויף אידען און דער צורר־היהודים איגנאַטיעוו האָט דאַן אַרויסגעגעבען די בעוואוסטע „צייטוויי־ליגע גזירות", איז לויט דער איניציאַטיוו פון רבי יצחק־אלחנן צוזאַמענגע־רופען געוואָרען קיין פעטערבורג אַ רבנים־צוזאַמענפאָהר, אויף וועלכען עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו שיקען אַ רבנים־דעלעגאַציע מיט רבי יצחק־אלחנן בראש צום אינערן־מיניסטער און בעטען, מען זאָל אָבשטעלען די בלוטיגע העצע און מבטל מאַכען די שענדליכע גזירות. דורך דער השתדלות פון באָראָן גינצבורג האָבען די רבנים אויסגעפועל'ט אַן אויטיענץ ביים מי־ניסטער איגנאַטיעוו. בעת דער אודיענץ איז אויך אָנוועזענד געווען דער המן הרשע פון יענער פינסטערער צייט, דער אויבער־פראָקוראָר פון „הייליגען סינאָד", פאָביעדאָנאָסצעוו, וועמען דער מיניסטער האָט בכוונה ספע־ציעל איינגעלאַדען. דערדאָזיגער רשע האָט די רבנים כמעט נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, שיטענדיג כסדר פעך און שוועבעל אויף אידען. צווישען אַנדערע זלזולים האָט ער זיך דאַן אויסגעדריקט וועגען אידען אַזוי: אַלץ, וואָס גאָט האָט בעשאַפען אויף דער וועלט, איז מיר פערשטענדליך — פון יעדער זאַך האָט מען געוויסע נוצען; אָבער צו־וואָס גאָט האָט בעשאַפען דאָס פערשאָלטענע און שעדליכע אידישע פאָלק, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט ווי אַ געשוויר אויף דעם גרויסען און הייליגען רוסלאַנד און ברענגט קיי־נעם אין דער וועלט קיין נוצען נישט — דאָס קאָן איך נישט פערשטעהן!... פערשטעהט זיך, אַז פאָביעדאָנאָסצעוו'ס גיפטיגע ווערטער האָבען ביי איגנאַ־

טיעון מעהר אויסגענומען, ווי די תחנונים פון די אידישע רבנים, וועלכע זענען אוועק פון דארט זעהר נידערגעשלאגען.

ארויסגעהענדיג רופט-זיך-אן רבי יצחק-אלחנן, זיפצענדיג, צו זיינע חברים:

— א, איצט איז שוין די העכסטע צייט, אז אידען זאלען אויסגע-לייזט ווערען!... עס שטעהט: „כעת יאמר ליעקב ולישראל מה-פעל אל, הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא". די מפרשים מאטערן זיך צו געפינען אויפ'ן דאזיגען פסוק א רעכטען פירוש; דער פשט איז אבער גאנץ איינ-פאך: „כעת יאמר" — עס וועט אמאל קומען א צייט פאר אידען, ווען די שונאים וועלען זיך אוועקשטעלען און זאגען: „ליעקב ולישראל מה-פעל אל" — צו-וואס האט גאט בעשאפען יעקב וישראל, אזא פאלק, ווי אידען זענען?... און נאך אט דערדאזיגער חושכ'דיגער צייט וועט זיך דערנעהנ-טערן פאר אונז די ישועה, דער — „הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא"...

ס

מה-טובו אהליך יעקב... (כד. ה.)

„כולם חזרו לקללה חוץ מבתי-כנסיות ומבתי-מדרשות"... (סנהדרין ק"ה)

מיט אלע אנדערע ברכות האט בלעם נישט געמיינט אויפריכטיג, בלויז די ברכה „מה-טובו אהליך יעקב" („אלו בתי-כנסיות ובתי-מדרשות"), אז די אידען זאלען זיצען גאנצע טעג אין בית-מדרש — דאס האט ער זיי באמת געוואונשען פון גאנצען הארצען...

(חמש ידות)

נישט פון גרויס אהבה צו אידען האט זיך בלעם צעזונגען וועגען זיי מיט אזוי פיעל שירות ותשבחות, נאר פערקעהרט: ער איז דערמיט אויסען געווען איינצורעדען די אידען, אז זיי דארפען שוין גארנישט טהון, זיי דארפען שוין מעהר נישט שטרעבען צו קיין העכערער מדרגה, זיי זע-נען שוין פולקאם אין ארדנונג, זיי זענען שוין געבענשט מיט אלע מעלות און מדות טובות!... און אט דאס איז דער חילוק צווישען איהם און צווי-שען די אידישע נביאים, וועלכע האבען נישט אויפגעהערט צו שטראפען די אידען, דערמאהנענדיג זיי שטענדיג, אז זיי זענען נאך גאנץ ווייט פון שלמות...

(תולדות יעקב-יוסף)

ס

אשר יעשה העם הזה לעמך באחרית הימים. (כד. יד.)

„באחרית הימים" אין די לעצטע צייטען פאר ביאת-הגואל, וועט מען זיך בעמיהען צו מאכען דעם „העם הזה", די אידען, „ל ע מ ך", עהנליך מיט די מנהגים און מיט די מדות צו די גוים...

(רבי בונם מפשיסכע)

○

אראנו ולא עתה וכו'... וישראל עושה חיל. (כד. יז. יח.)

לויט'ן דרש, רעדט זיך אינ'ם דאזיגען פסוק וועגען עקבתא דמשיחא... „אראנו ולא עתה" — מיר וועלען, ליידער, נישט קאנען זוכה זיין צו זעהן משיח'ן אזוי לאנג, ווילאנג עס וועט זיין „וישראל עושה חיל", כל-זמן אידען וועלען נאך עפעס פערמאגען און האבען פרנסה... דען „אין בן-דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס"...

(רבי משה פשעווארסקער)

פִּינְחָס

פינחס בן-אלעזר בן-אהרן הכהן... (כה. יא.)

„לפי שהיו השבטים מבזים אותו, הראיתם בן־פוטי זה וכו׳ בא הכתוב ויחסו אחרי אהרן״. (רש״י)

מען האָט איהם מבזה געווען און מען האָט געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ער, פינחס, האָט אַזוי לייכט געקאָנט פועל׳ן ביי זיך צו הרג׳ענען אַ מענש, איז דערפאַר, ווייל פון דער מוטערס צד שטאַמט ער פון גוים און ער פערמאָגט דעריבער אין זיך גוי׳איש, רוצח׳יש בלוט... „לפיכך בא הכתוב ויחסו אחרי אהרן״ — אַז לויט זיין נאַטור און כאַראַקטער איז ער באמת געווען געראָטען אין אַהרנ׳ען, וועלכער איז געווען אַ מזג־טוב, אַ בעל־רחמנות, אַ רודף־שלום, און די רציחה האָט ער אויסגעפיהרט בלויז צוליב „קנאַת ד׳ צבאות״...

(מעדני מלך)

O

בקנאו את-קנאתי בתוכם... (כה. יא.)

דער ערשטער שבח, וואָס די תורה דערצעהלט וועגען פינחס׳ן און וואָס עס ווערט אויך פערלאַנגט פון יעדען קנאי, איז, אַז ווי ערנסט און אויפריכטיג זיין קנאות זאָל נישט זיין, איז אָבער די הויפט־זאַך — „בתוכם״, ער זאָל בלייבען צווישען זיי, נישט דערווייטערן און נישט אָבזונדערן זיך מחוץ־למחנה, נישט בויען זיך קיין בעזונדער קלייזעל!...

(רבי פנחס קאָריצער)

O

ולא כליתי את-בני-ישראל... (כה. יא.)

נישט ווייל ער האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַר מ י ר, נאָר ווייל ער האָט מיט׳ן דאָזיגען מסירת־נפש געראַטעוועט דעם כ ל ל און גורם געווען צום — „ולא כליתי את־בני־ישראל״...

(תוצאות חיים)

O

הנני נותן לו את-בריתי שלום. (כה. יב.)

דעריבער איז פינחס'ן געגעבען געוואָרען די ברכה פון שלום, ווייל „חזו מאן דסנו ליה בני מתיא — משום דמוכח להו במילי דשמיא", ווייל געוועהנליך האָט דער עולם פיינט אַזעלכען, וואָס מוסר'ט און שטראָפט איהם...

(פנים יפות)

„הנני נותן לו את בריתי שלום — בדין הוא שיטול שכרו". (מדרש)

דער טעם, פאַרוואָס „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא", פאַרוואָס דער מענש בעקומט נישט אויף דערדאָזיגער וועלט קיין שכר פאַר די געטהוענע מצוות, איז, ווייל כל-זמן דער מענש לעבט, איז מען נאָך נישט זיכער מיט איהם — אַ בעוויז פון יוחנן כהן גדול, וועלכער איז צו אַכציג יאָהר גע-וואָרען אַ צדוקי!... אַנ'אויסנאַהם איז בלויז אַ „מזכה את הרבים", וועגען וועלכען מען האָט שוין קיין מורא נישט, טאָמער וועט ער זינדיגען, דען — „המזכה את הרבים אין חטא בא על-ידו". און היות ווי אַדאַנק פינחס'ן איז דער רבים געוואָרען אָבגעראַטעוועט און ס'איז אָבגעשטעלט געוואָרען די מגפה, איז דעריבער — „בדין הוא שיטול שכרו", קומט איהם בדין צו געניסען פון די שכר-מצוות אויף דערדאָזיגער וועלט...

(רבי יוסף-שאול נאַטאַנזאָהן)

„בקנאו את קנאתי — הנני נותן לו את בריתי שלום"... דער אידישער מנהיג דאַרף פעראייניגען אין זיךביידע מדות צוזאַמען: צוזאַמען מיט דער מדה פון קנאות און שטרענגקייט געגען די פורצי-גדר, געגען די, וואָס זייערע דעמאָראַליזירענדע מעשים דראָהען מיט אַ סכנה פאַר'ן קיום-האומה, דאַרף ער אין דערזעלבער צייט אויך בעזיצען די מדה פון שלום און מילדקייט, דען נישט אַלע מאָל קאָן מען רעגירען מיט בלויז קנאות!...

אָט די ביידע מדות האָבען זייער שטאַרקסטען האַרמאָנישען אויס-דרוק דערגרייכט ביי אליהו'ן (און, דערפאַר ווערט געזאָגט: „פינחס זה אליהו"); דער עקסטער קנאי פון הר-הכרמל געגען די „עובדי הבעל" האָט גלייכצייטיג געטראָגען אין זיך אין דער העכסטער מאָס די שטרעבונג צו שלום און אַחדות. דוקא וועגען אָט דעם שטרענגען קנאי ווערט געזאָגט: „אין אליהו בא לרחק, אלא ל ק ר ב"!...

און דאָס איז דער זין פון דער בקשה, וואָס זיין תלמיד, אלישע, האָט בעת'ן אָבשיעד געבעטען ביי איהם: „ויהי נא פי שנים ברוחך אלי" —

ער זאָל איהם איבערגעבען די לעהרע און דעם סוד פונ'ם „פי שנים", ווי־אַזוי האַרמאָניש צו פעראייניגען אין זיך אָט די ביידע מדות צוזאַמען...

און דאָס, קאָן מען זאָגען, איז אויך דער געדאַנק פונ'ם פסוק: „והיה בשבתו על כסא ממלכתו וכתב לו את משנה התורה הזאת" — דער הערשער און רעגירער ביי אידען דאַרף פעראייניגען אין זיך די „משנה תורה", די דאָפּעלטע לעהרע און דאָפּעלטע אייגענשאַפט: פון איין זייט — אַ פעסטע האַנד, אייזערנע דיסציפּלין; אָבער פון דער צווייטער זייט, גלייכצייטיג — „לבלתי רום לבבו מאחיו"!...

(ילקוט מרגליות)

○

והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהנת עולם תחת אשר קנא... (כה. יג.)

„כהן שהרג את הנפש — איז דער דין — לא ישא את כפיו"... פינחס'ן האָט, אַלזאָ, געדראָהט צו ווערען בעזייטיגט פון דער כהונה, און דאָך האָט ער זיך דערמיט נישט גערעכענט, דאָך האָט עס איהם נישט אָבגעהאַלטען; און דעריבער, אַלס בעלוינונג — „והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהנת עולם"...

(פנים יפות)

○

כי צוררים הם לכם... על־דבר פעור ועל־דבר כזבי... (כה. יח.)

איינע פון די הויפּט־סיבות, פאַרוואָס די אומות־העולם האָבען אונז פיינט, איז „על־דבר כזבי", ווייל מיר ווילען זיך נישט מיט זיי מתחתן זיין... באמת אָבער, ווען אַפילו די אידען זאָלען עס, חלילה, יאָ טהון, וועט עס אויך נישט העלפען — די שנאה וועט שטענדיג בלייבען!...

(רבי יוסף־שאול נאַטאַנזאָהן)

○

ובני־קרח לא מתו... (כו. יא.)

די בני־קרח זענען נישט געשטאָרבען; זיי לעבען און עקזיסטירען און פערנעהמען ביי אונז דעם אויבענאָן ביז'ן הייניגען טאָג!...

(חמש ידות)

„הרהור תשובה בלבם, לפיכך נתבצר להם מקום גבוה בגיהנם וישבו שם"... (רש"י)

אויב זיי האָבען תשובה געטהון, טאָ פאַרוואָס זענען זיי געבליבען זיצען אין גיהנם, גישט אין גן־עדן? — דערפאַר, ווייל וואָס האָבען מיר

פון זייער תשובה־טהון, נאכדעם ווי די ירושה זייערע איז פערבליבען ביי אונז? די תלמידים, וואס זיי האבען אויפגעשטעלט, די מחלוקת און שנאה, וואס זיי האבען פערפלאנצט ביי אידען — דאס אלץ איז שוין, ליידער, אונמעגליך צו בעזייטיגען, אונמעגליך אויסצוראטען!...

(מור ואהלות)

○

ויקרב משה את משפטן לפני ד'. (כז. ה.)

צו־וואס האט זיך משה געדארפט אנפרעגען וועגען דעם משפט פון די בנות־צלפחד, נאכדעם ווי ער האט דאך אליין געהאט ערקלערט: „כל הדבר הקשה יביאון אלי"? — ווייל אין זייער געשפרעך האבען די בנות־צלפחד בעמערקט: „אבינו מת והוא לא היה בתוך העדה הנועדים וכו' בעדת קרח", אז זייער פאטער האט זיך נישט בעטייליגט אין דער מחלוקת פון קרח'ן, וועלכע איז דאך געווען דירעקט געגען משה'ן געווענדעט... און דעריבער האט שוין משה נישט געוואלט אליין פסק'ענען דעם דין, כדי עס זאל נישט אויסזעהן, אז ער איז א נוגע בדבר...

(של"ה)

○

יפקוד ד' אלקי הרוחות לכל־בשר איש על־העדה. (כז. טז.)

„איש על־העדה", א מענש, וועלכער זאל שטעהן א י ב ע ר דער עדה, וועלכער זאל זיין אונפארטייאיש, איבער־פארטייאיש...

(מדרכי החיים)

א י ש ע ל־ה[illegible] מ ע נ ש, נישט קיין מלאך, נישט אזא פלאם־פייער, ווי פינחס.

(רבי מנחם־מענדיל מקאצק)

○

אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם... (כז. יז.)

ער זאל זיך נישט אויפפיהרען אזוי ווי עס פיהרען זיך־אויף געוויסע מלכים פון די אומות־העולם, וועלכע שיקען ארויס די לעגיאנען אויף'ן שלאכט־פעלד און אליין בלייבען זיי זיצען אין דער היים!...

(ספרי זוטא)

פארהאן צווייערליי מנהיגים: פארהאן א מנהיג, וועלכער, וועלענדיג נושא־חן זיין ביי דער עדה, שלעפט ער זיך־נאך נאך איהר, בעמיהענדיג

זיך צוצופּאַסען צו איהרע וואונשען און בעגעהרען... דאָס איז נישט קיין מנהיג, דען נישט ע ר פיהרט די עדה, נאָר די עדה פיהרט א י ה ם!... דער אמת׳ער מנהיג איז דער, וועלכער לאָזט זיך נישט אַראָפּ צום פאָלק, נאָר ער הויבט-אויף דאָס פאָלק צו זיך; ער געהט נישט ה י נ ט ע ר דער עדה, נאָר פ אַ ר איהר, פאָראויס — „אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפ נ י ה ם!״...

(דרשות אל עמי)

○

ולא תהיה עדת ד׳ כצאן אשר אין להם רועה. (כז. יז.)

פאַר דער פּטירה האָט רבי שמעון סופר צוגערופען די ראשי-הקהל צו זיין בעט און געזאָגט: געוויס, רבותי, איז יעדער פּאַסטוך טריי זיינע שאָף, ער פיטערט זיי, ער היט זיי, ער גיט אַכטונג, עס זאָל מיט זיי קיין מכשול נישט טרעפען; אָבער מיט דערדאָזיגער טריישאַפט איז ער געוועהנ-ליך אויסען נישט די טובה פון די שאָף, נישט ווייל ער האָט זיי טאַקע באמת אַזוי שטאַרק ליעב, נאָר זיין אייגענע טובה — ער זאָרגט פאַר זיי, ווייל זיי זענען זיין האָב-און-גוטס, זיין פערמעגען... אַנדערש דאַרף אָבער זיין דער אידישער פּאַסטוך: זאָרגענדיג פאַר זיין געמיינדע, זאָל ער נישט אין זינען האָבען קיין שום פּניה פון אייגעננוצען—ווייל זי פערזאָרגט איהם מיט פּרנסה און מיט כבוד—נאָר בלויז א י ה ר טובה און א י ה ר גליק!... און דאָס — האָט ער אויסגעפיהרט — איז דער טייטש: „ולא תהיה עדת ד׳ כצאן אשר אין להם רועה״, זי זאָל נישט זיין געגליכען צו די שאָף „אשר א י ן ל ה ם רועה״, וואָס דער פּאַסטוך האָט נישט ז יי אין זינען („אין להם״ — נישט פאַר זייערטוועגען), נאָר ז י ך!...

רבי ישראל סאַלאַנטער פלעגט אָפט רעדען מיט פערביטערונג וועגען דער אונגאָרמאַלער און אונפערשטענדליכער ערשיינונג, וואָס אין פיעל אי-דישע קהלות, אפילו אין אַזעלכע, וועלכע בעשטעהען ס׳רוב פון פרומע אידען, ווערען אַלס ראשי-הקהל אויסגעקליבען נישט-פרומע לייט, אַסימילאַ-טאָרען, וועלכע זענען קנאַפּע מחותנים מיט אידישקייט.

— אַ פּנים — פלעגט ער זאָגען בדרך שפּאַס — אַז ד אָ ס מיינט דער פסוק אין תהלים: „ותחסרהו מעט מאלקים״ — וואָס ווענִיגער יראת-שמים אַ איד האָט, אַלץ גרעסער זענען זיינע שאַנסען, אַז — „וכבוד והדר תעטרהו״, מען זאָל איהם אונטערטראָגען כבוד און גבאות!...

○

איש אשר רוח בו... (כז. יח.)

„שיוכל להלוך כנגד רוחו של כל אחד ואחד"... (רש"י)

דער אמת'ער מנהיג טאָר נישט חנפ'ענען דעם המון און נישט נאָכ־שלעפען זיך נאָך איהם, נאָר ער מוז האָבען דעם מוט צו געהן „כנגד רוחו של כל אחד ואחד", געגענצושטעלען זיך, ווען מען דאַרף...

(יטיב פנים)

○

ואמרת להם זה האשה... (כח. ג.)

רבי משה קוניש שרייבט אין אַנ'אָרט, אַז אַ געוויסער עם־הארצ'ישער למדן, אַ „צורבא מדרבנן ועם־האָרץ מדאורייתא", האָט איהם געפרובט אויפווייזען, אַז עס האָבען קיין שום ווערט נישט די אַלע מדקדקים מיט זייערע כללי־הדקדוק, לויט וועלכע זיי ווילען אונז דוקא איינרעדען, אַז אויף אַ נקבה דאַרף מען שרייבען „זאת", און אויף אַ זכר — „זה". דען אָט געפינען מיר דאָך בפירוש אין דער תורה: „זה האשה"; דאַגעגען ווידער אויף אַ צווייט אָרט: „בזאת יבוא אהרן בפר"!...

○

ושעיר-עזים אחד חטאת... (כט. טז.)

פאַרוואָס ביי אַלע אַנדערע טעג שטעהט: „ושעיר חטאת אחד", און אינ'ם ערשטען, אינ'ם צווייטען און אינ'ם פיערטען טאָג ווערט געזאָגט: „ושעיר־עזים אחד חטאת"? —

ווייל עס איז דאָך ידוע, אַז די זיעבציג פרים, וואָס מען האָט מקריב געווען אין די זיעבען טעג סוכות, זענען געווען אַנטקעגען די זיעבציג אומות. די שבעים אומות שטאַמען פון עשו און ישמעאל. ובכן — פינף־און־דרייסיג פרים פאַר עשו'ן, און פינף־און־דרייסיג — פאַר ישמעאל'ן. ישמעאל איז געווען דער בכור, האָט מען דעריבער די ערשטע פרים גע־דאַרפט מקריב זיין פאַר זיינעטוועגען.

אַלזאָ, די דרייצעהן פרים, וואָס מען האָט מקריב געווען אינ'ם ער־שטען טאָג, זענען געווען אַנטקעגען די אומות, וועלכע שטאַמען פון ישמעאל'ן, און דעריבער שטעהט אינ'ם דאָזיגען טאָג: „ושעיר־עזים אחד חטאת", דען ישמעאל, ווי עס ווערט געזאָגט אין זוהר, ווערט אָנגערופען „שעיר־עזים"... די צוועלף פרים אינ'ם צווייטען טאָג — ווידער אַנטקעגען ישמעאל'ן, און דערפאַר שטעהט אויך אינ'ם דאָזיגען טאָג „ושעיר־עזים".

אינ'ם דריטען טאָג, דאַגעגען, האָט מען שוין געמוזט מפסיק זיין: מחמת ווען מען זאָל אויך די עלף פרים פונ'ם דריטען טאָג מקריב זיין פאַר ישמעאל'ן, וואָלט דאָך שוין אויסגעקומען צוזאַמען זעקס-און-דרייסיג, מעהר ווי די בעשטימטע העלפט!... די פרים פונ'ם דאָזיגען טאָג האָט מען שוין דעריבער געמוזט מקריב זיין פאַר עשו'ן, און דערפאַר שטעהט שוין דאָ נישט „ושעיר-עזים", נאָר „ושעיר חטאת אחד"... ערשט די צעהן פרים, וואָס מען האָט מקריב געווען אינ'ם פירטען טאָג, זענען ווידעראַמאָל גע-גאַנגען פאַר ישמעאל'ן, און דערפאַר שטעהט אויך אינ'ם דאָזיגען טאָג „ושעיר-עזים"... דערמיט איז שוין, אַלזאָ, ישמעאל'ס חשבון פערענדיגט, האָ-בענדיג פאַר איהם מקריב געווען פינף-און-דרייסיג פרים. די פרים פון די איבריגע טעג זענען שוין אַלע געווען פאַר עשו'ן, און דעריבער שטעהט דאָרט כסדר נאָר „ושעיר חטאת אחד"...

(ווילנער גאון)

רבי פנחס דער בעל „הפלאָה" האָט זיך נוהג געווען, אַז ביי זיך אינדערהיים, אין פראַנקפורט, האָט ער זיך געפיהרט זעהר פשוט, אָהן רחבות; אונטערוועגס אָבער האָט ער זיך געפיהרט בּרייט, ער איז איינגע-שטאַנען אין גרויסע אַכסניות און האָט נישט געקאַרגט קיין הוצאות.

— רבי, — האָט איהם דערויף איינער געפרעגט: — ווי קומט עס, וואָס אינדערפרעמד פיהרט איהר זיך אַנדערש, ווי אינדערהיים?

— כ'וועל אייך זאָגען — ענטפערט איהם רבי פנחס: — אַז „פנחס" איז אויפ'ן אָרט, איז ער „בין-המצָרים" (די סדרה „פינחס" פאַלט שטענדיג אויס אין די „דריי וואָכען"); דאַגעגען אָבער בעת „פינחס" איז אינדער-פרעמד, איז ער אַ גאַנצער יום-טוב (אַלע יום-טוב'דיגע מפטיר'ס לייענט מען אין „פינחס")...

מַטּוֹת

וידבר משה אל ראשי המטות וכו׳ איש כי ידור נדר... (ל. ב. ג.)

פריהער פון אלעמען דארפען די „ראשי המטות״, די מנהיגים, די פיהרער און כלל-טהוער, וויסען פונ׳ם דאָזיגען דין — און דערפאר טאַקע האָט זיך משה קודם-כל צו זיי געווענדעט... מעהר פון אלע אַנדערע דאַרפען די „ראשי-המטות״ נישט דרעהען מיט דער צונג, נישט זאָגען קיין שקרים און נישט ברעכען קיין וואָרט... מעהר פון אלע אַנדערע דאַרפען זיי קודם-כל מקיים זיין דעם „ככל היוצא מפיו יעשה״ און דיענען מיט זייער אויפפיהרונג אלס ביישפיעל און מוסטער פאר יעדען... (מגד ירחים)

עהנליכעס:

„הקורא את שמע ולא השמיע לאזניו — לא יצא״... מען איז נישט יוצא, ווען מען פרעדיגט יענעם מוסר; מען שרייט צום עולם: „שמע ישראל!״ — און זיך אליין קריכען נישט די ווערטער אין די אויערן אריין!... מען איז נישט יוצא, ווען פאר יענעם פרעדיגט מען וואסער און אליין טרינקט מען וויין!...

○

איש כי ידור נדר... (ל. ג.)

עס איז געווען א מעשה מיט א יונגעמאן, וועלכער האָט נודר-הנאה געווען פון זיין שוועסטערן-טאָכטער (מען האָט זי גע׳שדכנ׳ט צו איהם, און ער האָט א נדר געטהון, ער זאָל זי נישט נעהמען); האָט מען זי געבראַכט צו רבי ישמעאל׳ן אין הויז, וואו מען האָט זי אויסגעפוצט און אויסגעצירט, און דאן האָט מען אויך געבראַכט דעם יונגעמאן. האָט איהם רבי ישמעאל געפרעגט: זאָג מיר, מיין זוהן, צי פון אזעלכער האָסטו א נדר געטהון? — ניין... — האָט ער שעמעוודיג געענטפערט. דאן האָט

איהם רבי ישמעאל מתיר געמאַכט דעם נדר און דערביי זיך פונאַנ־דערגעוויינט און געזאָגט: די אידישע טעכטער זענען שען, בלויז די אָרימ־קייט מאַכט זיי מיאוס!...

(נדרים)

עס האָט איינער אַמאָל זיך געווענדעט צו רבי אייזיל חריף: די חז״ל זאָגען: „בעון נדרים מתה אשתו של אָדם״ (שבת ל״ב) — ולסוף, איך אַליין האָב שוין אַ סך נדרים נישט מקיים געווען און מיין ווייב פונדעסטוועגען לעבט און איז געזונד ביז׳ן היינטיגען טאָג!... דערויף האָט איהם רבי אַיי־זעל געענטפערט: דאָס ווערט מקוים נאָר ביי דעם, פאַר וועלכען דאָס איז באמת אַ שטראָף, אָבער נישט ביי אַזאַ איינעם, וועלכער שטעהט און וואַרט דערויף!... וואָס האָט איהר געוואָלט, אַז פאַר נישט־האַלטען קיין נדרים זאָל מען נאָך געבען פרעמיעס?...

○

נקם נקמת בני ישראל... (לא. ב.)

גאָט האָט געזאָגט: „נקמת בני ישראל״, דאַגעגען משה האָט זיך אויסגעדריקט: „נקמת ד׳ במדין״... פאַרוואָס האָט ער משַנה געווען? — וויל ער האָט געזאָגט: האַר פון אַלע וועלטען! זיי וואָלטען דאָך אונז נישט פיינט געהאַט, די מדיָנים, און זיי וואָלטען אונז נישט גע׳רודפ׳ט, ווען מיר וואָלטען פונקט ווי זיי געווען ערלים און געדיענט עבודה־זרה און גע־לייקענט אין אַלע מצוות; פיינט האָבען זיי אונז נאָר צוליב דער תורה און מצוות, וואָס דו האָסט אונז געגעבען, נאָר צוליב ד ע ם ליידען מיר, און דעריבער איז עס נישט א ו נ ז ע ר נקמה, נאָר ד יי נ ע...

(תנחומא)

○

וימָסרו מאַלפי ישראל אלף למטה... (לא. ה.)

„כל מה — זאָגען די חז״ל — דאָסר לן רחמנא, שרא לן כּוָתיה״, אַנטקעגען יעדער זאַך, וואָס די תורה האָט גע׳אַסר׳ט, האָט זי אונז מתיר געמאַכט אַנ׳עהנליכע זאַך. וואו־זשע, געפינען מיר, למשל, אַזאַ פאַל, ווען אויך מסירה, מסר׳ן אַ אידען, זאָל זיין מותר? — מיר געפינען עס דאָ, אינ׳ם דאָזיגען פסוק... אויפ׳ן „החלצו מאתכם אנשים״ זאָגט רש״י: „אנשים צ ד י ק י ם״. איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך, אַז יעדער אמת׳ער צדיק, בעת מען איז געקומען צו איהם וועגען דעם נאָך אינפאָרמאַציעס, האָט ער געליי־קענט שטיין־און־ביין און ערקלערט, אַז ער איז גאַנץ ווייט פון צדקות און האָט קיין שום שייכות נישט דערמיט!... מען האָט זיך אַלזאָ געמוזט בענוצען דאָ מיט „שפּיאָנאַזש״ און „מסירות״; עס האָבען זיך געפונען אידען, וועלכע

האָבען גע׳מסר׳ט זייערע שכנים, אפילו זייערע נאָהענטסטע פריינד, אז אַט דער און דער, וועלכער מאַכט דעם אָנשטעל פון א גאָרנישט שבגאָרנישט, איז אַ שקרן, אַ כּזבן, דען אין דער ווירקליכקייט איז ער גאָר אַ צדיק־גמור... און דאָס איז דער טייטש: „וימסרו מאַלפי ישראל״ — מען האָט זיי נעבעך גע׳מסר׳ט!...

(רבי ישראל ריזשינער)

○

זאת חקת התורה... אַך את־הזהב ואת־הכסף...

(לא. כא. כב.)

„זאת חקת התורה״, מיט אַלע חוקים פון דער תורה קאָן מען זיין אין אָרדנונג, אַלץ איז גוט — „אַך את־הזהב ואת־הכסף״, בלויז נאָר מיט דעם זהב און כּסף איז נעבעך נישט גוט: קוים האַלט עס ביי זאַכען, וואָס זענען פערבונדען מיט געלד, דאָ קומט עס שוין אָן אַביסעל שווערליך!...

(ספר החיים)

○

והרמות מכס לד׳ מאת אנשי המלחמה... (לא. כח.)

פון די אַנשי־המלחמה האָט מען גענומען „מכס לד׳״ איינס פון פינף הונדערט; דאַגעגען פון די בני־ישראל, וועלכע האָבען זיך אין דער מלחמה נישט בעטייליגט, האָט מען גענומען צעהן מאָל אַזוי פיעל — איינס פון פופציג: זיי איז דאָס פערמעגען אָנגעקומען לייכט, אָהן קאַמף, אָהן מסירת־נפש — דאַרפען זיי אַוועקגעבען מעהר...

(תולדות יעקב־יוסף)

○

האחיכם יבאו למלחמה ואתם תשבו פה. (לב. ו.)

דער איינפאַכסטער פשט פון די ווערטער איז: וואָס מיינט איהר מיט זיך? „האחיכם יבאו למלחמה״ — צי דען רעדט איהר זיך איין, אז בעת די שונאים וועלען אין דער מלחמה אָנפאַלען אויף אייערע ברידער אין ארץ־ישראל, איז „ואתם תשבו פה״, וועט מען אייך דאָ לאָזען זיצען במנוחה און איהר וועט פון דעם אַלעם גאָרנישט ליידען? — האָט איהר אַ טעות! קוים וועט איהר זיצען מיט פערלעגטע הענד און זיין גלייכגילטיג צו די צרות פון אייערע ברידער אין ארץ־ישראל, וועט זיך עס אָברופען אויך אויף אייך, וועט מען אויך אייך דאָ נישט שאָנעווען!...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

מַסְעֵי

אלה מסעי בני־ישראל... (לג. א.)

צוליב־וואָס האָט די תורה געפונען פאַר נויטיג אויסצורעכענען אַלע ערטער, וואו די אידען האָבען זיך אָבגעשטעלט אין זייער וואַנדער־וועג? — ווייל אין דער שפּעטערדיגער צייט וואָלטען אַ טייל געפּרובט פערקלענערן די נסים, זאָגענדיג: „ווי אין דאָס מעגליך, אַז פיערציג יאָהר זאָלען די אידען האָבען אויסגעהאַלטען אין אַ וויסטען מדבר, שפּייזענדיג זיך בלויז מיט'ן מן פון הימעל און וואַסער פון ברונען? נישט אַנדערש, נאָר זיי האָבען זיך איינגעאָרדענט אין אַזעלכע מדבריות, וואָס זענען געלעגען נאָהענט צו אַ ישוב, און די איינוואוינער פון ישוב פלעגען פאַר געלד פערזאָרגען זיי מיט אַלעם נויטיגען!"... דעריבער ווערען געגוי אָנגעוויזען די ערטער, בכדי אויך די שפּעטערע דורות זאָלען זיך איבערצייגען, אַז אין דידאָזיגע מקומות, וועלכע זענען נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג וויסט און ווילד און ווייט פון ישוב, איז אונמעגליך בדרך־הטבע צו קאָנען זיך אויפהאַלטען גאַנצע פיערציג יאָהר...

(מורה נבוכים)

עס איז בעקאַנט די פראַגע, איבער וועלכער עס מאַטערן זיך פיעל פון די מפרשים, נעמליך: ווי־אַזוי האָבען זיך עס אידען פון־שטענדיג־אָן מתיר געמאַכט צו געהן קיין מצרים, וועהרענד עס איז דאָך אַ בפירוש'ער לאו אין דער תורה: „לא תוסיפון לשוב בדרך הזה עוד"?... דער סמ"ג פרובט דערויף ענטפערן, אַז דערדאָזיגער איסור איז חל נאָר פון ארץ־ישראל קיין מצרים, נישט פון אַנדערע לענדער; אָבער אויך דאָס איז נישט ריכטיג, דען אויך פון ארץ־ישראל פלעגט מען דאָך שטענדיג געהן קיין מצרים!... דער אמת אָבער איז, אַז מיט דעם איסור, נישט צו געהן קיין מצרים, ווערט געמיינט נאָר דורך דעמזעלבען וועג, דורך וועלכען די אידען זענען אַרויסגעהענדיג פון מצרים, געגאַנגען קיין ארץ־ישראל, ווי

דאָס ווערט דייטליך אָנגעמערקט אין די ווערטער: „בדרך הזה"... און צוליב־דעם טאַקע געפינט די תורה פאַר נויטיג אויסצורעכענען דעם „אלה מסעי בני־ישראל", די אַלע מקומות, דורך וועלכע די אידען זענען דורכ־געגאַנגען אויף זייער וועג פון מצרים, כדי מען זאָל וויסען נישט צו געהן מעהר דורכ'ן דאָזיגען וועג...
(רבי יוסף־שאול נאַטאַנזאָהן)

○

ויכתוב משה את־מוצאיהם למסעיהם... (לג. ב.)

און אינ'ם צווייטען האַלבען פסוק שטעהט געשריבען פערקעהרט: „ואלה מסעיהם למוצאיהם"...

מחמת ביי די בני־ישראל איז געווען די הויפטזאַך פטור צו ווערען פון מצרים, און דעריבער — „ואלה מסעיהם למוצאיהם", האָבען זיי כסדר געצעהלט, וויפיעל וועג זיי זענען שוין אָבגעגאַנגען, ווי ווייט זיי האָבען שוין מצרים הינטער זיך.

ביי משה'ן אָבער איז דער הויפטציעל געווען די דערגרייכונג פון אידישען לאַנד, און דעריבער — „ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם", האָט ער געצעהלט פערקעהרט: וויפיעל מען האָט נאָך דורכצומאַכען, וויפיעל וועג מ'האָט נאָך פאַר זיך, צו ארץ־ישראל...
(דובנער מגיד)

○

ויסעו מקברות התאוה ויחנו בחצרות. (לג. יז.)

דאָס איינציגע מיטעל אויף צוריקצוציהען זיך פון די תאוות און אָבצוהאַלטען זיך פון זינד איז — צו געדענקען שטענדיג אינ'ם „ויחנו בחצרות", אַז די וועלט איז נישט מעהר ווי אַ חצר, אַ פּרוזדור, אין וועל־כען מען האַלט זיך לאַנג נישט אויף!...
(רבי יצחק וואַרקער)

○

זאת הארץ אשר תפול לכם בנחלה... (לד. ב.)

וואָס עפּעס „לכם"? — בלויז פאַר אייך איז דאָס לאַנד ראוי... עס איז פאַראַן אַ מענש, וואָס ער איז שען, אָבער זיין מלבוש איז מיאוס; אָדער אַזעלכער, וואָס ער איז מיאוס און זיין מלבוש איז שען... אָבער די קינדער פון ישראל זענען נישט אַזוי: זיי זענען שען און זייערע מלבושים זענען שען — זיי זענען צוגעפּאַסט צום לאַנד, און ארץ־ישראל איז צוגעפּאַסט צו זיי...
(תנחומא)

○

ושפטו העדה... והצילו העדה... (לה. כד. כה.)

„סנהדרין שראו כולם לחובה — פוטרין אותו". (סנהדרין י"ז)

וואָס איז דער שכל דערפון? ווי געשיקט זיך עס, אַז דוקא דאַמאָלס ווען אַלע סנהדרין אָנערקענען איינשטימיג, אַז יענער איז חייב, זאָל ער דוקא צוליב-דעם ווערען פריי? וואו איז דאָ די לאָגיק? —

גיט רבי שלמה קלוגער דערויף פאָלגענדע ערקלערונג:

השי"ת האָט בעשאַפען אויף דער וועלט דעם אמת און דעם שקר, וועלכע פיהרען צווישען זיך אַ שטענדיגע, אונאויפהערליכע מלחמה. וואו און ווען נאָר דער אמת בעווייזט זיך, וואַקסט תיכף אויס דער שקר, וועלכער שטעלט זיך איהם אַנטקעגען!... און דעריבער, אויב די מחייבין, אָדער די מזכין, זענען אַ רוב, בלייבט דער פסק, ווי זיי זאָגען — אָננעהמענדיג, אַז זיי האָבען אודאי מכוון געווען דעם אמת; דאַגעגען פון מיעוט, וואָס זאָגט פערקעהרט, רעדט-אַרויס דער שקר, וועלכער איז דאָך אַ שטענדיגער געגנער פונ'ם אמת... אָבער אויב אַלע ערקלערען איינשטימיג: „חייב!", און קיינער זאָגט זיך נישט אַרויס געגען, איז אַ סימן, אַז עס איז אינגאַנצען שקר; וואָרום ווען עס זאָל זיין אמת, וואָלט דאָך דער שקר נישט געווען געשוויגען, ער וואָלט זיך דאָך זיכער געווען דאַן געגענגעשטעלט און געזאָגט פערקעהרט!...

דאַגעגען רבי ברוך עפשטיין אין זיין „מקור-ברוך" ווייזט-אָן, אַז אין ספר „קהלת-יעקב" פון מהר"י אַלאַזי ווערט אין נאָמען פון רמ"ה (רבי מאיר הלוי אבולפיא, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פון רמב"ם) ערקלערט קורץ און דייטליך: „סנהדרין שראו כלם לחובה — פוטרין אותו: כלומר, מחייבין והורגין אותו מיד, ואין מלינים את דינו עד למחר, כיון שלא ראו לו זכות"...

אַלזאָ, פונקט פערקעהרט! נישט מען בעפרייט איהם, נאָר דער טויט-אורטייל ווערט תיכף אויף איהם אויסגעפיהרט... און לויט דער מיינונג פון הרב עפשטיין, איז עס כלל נישט קיין סתירה צום געבראַכטען מאמר פון דער גמרא, דען דאָס וואָרט „פוטרין" ווערט דאָ געמיינט נישט אין דעם זין פון „פטור — פריי", נאָר: פטור — געענדיגט, ערלעדיגט. עהנליך צום „פוטרין אותו מיד" אין שבועות ל"ט, וואו רש"י ערקלערט דייטליך: „ואין משהין אותו כאן... וע"כ ישלם מיד"...

○

ורצח גואל הדם את הרוצח... (לה. כז.)

פון דאַנען (ווייל עס שטעהט נישט „ירצח", נאָר „ורצח" מיט אַ ו') דרינגט רבי עקיבא, אַז „רשות ביד גואל־הדם—וכל אָדם חייבין עליו" (מכות י"ב), אַז דעם גואל־הדם איז ערלויבט צו הרג'ענען דעם רוצח בשוגג, אויב ער איז אַנטלאָפען פון עיר־מקלט, אָבער קיין פרעמדע מענשען איז עס נ י ש ט ערלויבט.

און דאָס וועט, אַלזאָ, זיין דער פשט פונ'ם אין פלוג אונפערשטענד־ליכען מדרש, וועלכער זאָגט אויפ'ן פסוק: „והיה כל מוצאי יהרגני, וישם ד' לקין אות" — „ויו מסר לו"... עס ווערט געמיינט דערמיט דער דרש אויפ'ן ו' פון „ורצח", פון וועלכען עס ווערט אַראָבגעלערענט, אַז „רשות ביד גואל־הדם — וכל אָדם חייבין עליו"...

(פרח לבנון)

ספר דברים

דְּבָרִים

אלה הדברים אשר דבּר משה אל-כּל-ישראל... (א. א.)

דאָס ערשטע, וואָס משה האָט פון זיי פערלאַנגט, איז — אל-כּל-ישראל", זיי זאָלען זיך האַלטען צוזאַמען און לעבען אין אַחדות...

(ווילנער גאון)

„אלה הדברים", מיט דידאָזיגע האַרבע שטראָף-רייד האָט זיך משה רבינו בענוצט נאָר „אל-כּל-ישראל", בלויז ווען ער האָט גערעדט מיט די אידען; דאַגעגען ווען ער האָט גערעדט מיט'ן אויבערשטען — דאַמאָלס האָט ער כּסדר אויף זיי ממליץ-טוב געווען, כּסדר גערעדט גוטס...

(קדושת לוי)

„אלה הדברים"... געדאַרפט האָבען אייגענטליך די תּוכחות געזאָגט ווערען דורך בלעם'ן, און די ברכות — דורך משה'ן... נאָר ווען בלעם וואָלט די אידען געשטראָפט, וואָלטען זיי געזאָגט: ער איז אַ שונא, שטראָפט ער און געפינט אין אונז חסרונות!... און ווען משה וואָלט זיי געבענשט, וואָלטען די אומות-העולם געזאָגט: ער האָט זיי ליעב, בענשט ער און זעהט אין זיי בלויז מעלות!... דעריבער האָט גאָט געזאָגט: זאָל משה, דער פריינד, זיי שטראָפען, און בלעם, דער פיינד — בענשען, און דאַן וועט מען זיי ביידע גלויבען...

(דברים רבה)

ווען אַנ'אַנדערער וואָלט די אידען געשטראָפט, וואָלטען זיי געזאָגט: ווי וואַגט אַזאַ איינער צו זיין אונזער מוסר-זאָגער?... אָבער משה, וועגען וועלכען עס שטעהט געשריבען: „לא חמור אחד מהם נשאתי" — פאַר איהם פאַסט צו מוסר'ן די אידען...

(דאָרט)

„אָמר רבי טרפון: העבודה! אם יש בדור הזה מי שיכול להוכיחן!״ (איך שווער, אויב עס געפינט זיך אין איצטיגען דור אַזעלכער, וואָס זאָל זיין ראוי צו זאָגען די אידען מוסר!)...

(ספרי)

דער בעל־שם־טוב איז אַמאָל געקומען אויף שבת אין אַ שטאָדט אַריין און איז איינגעשטאַנען ביים פרנס־חודש. שבת צו־מנחה האָט אין בית־מדרש געזאָגט אַ מגיד, וועלכער האָט, ווי דער שטייגער איז, שטאַרק גע׳מוסר׳ט דעם עולם. אַז דער בעל־שם איז דערפון געוואויר געוואָרען, האָט ער געשיקט רופען פון בית־מדרש דעם פרנס־חודש. קוים האָט דער פרנס־חודש פערלאָזט דאָס בית־מדרש, האָט ממילא אויך דער איבעריגער עולם אָנגעהויבען איינציגווייז זיך פונאַנדערגעהן, און דער מגיד האָט נע־בעך געמוזט שנעל פערענדיגען די דרשה...

צו־מאָרגענס איז דער מגיד געקומען צום בעל־שם נעהמען שלום.

— ווער זענט איהר? — פרעגט איהם דער בעל־שם.

— כ׳בין — ענטפערט ער — דער מגיד, וואָס האָט נעכטען געזאָגט אין בית־מדרש.

— היתכן? — זאָגט צו איהם דער בעל־שם מיט הקפדה. — ווי קאָן דאָס אַ איד פועל׳ן ביי זיך אַוועקצושטעלען זיך בפני כל עם ועדה רעדען לשון־הרע אויף אידען! בשעת אַ איד געהט אַ גאַנצען טאָג אַרום אין מאַרק, און פאַרנאַכט טהוט ער זיך אַ כאַפּ: „אוי ווערה, כ׳וועל פערשפּעטי־גען מנחה!״ און ער כאַפּט זיך אַריין אין שטוב און דאַווענט מנחה און ער ווייסט אַפילו נישט, וואָס ער דאַווענט — ציטערן דאַמאָלס אַלע שרפים ואופנים אין הימעל!...

אַ מגיד איז אַמאָל געקומען קיין פּרימישליאַן זאָגען אַ דרשה; האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער בימה און גענומען מוסר׳ן דעם עולם, הלמאַי זיי האַנדלען נישט עהרליך און נאַרען־אָב מיט דער וואָג.

איז רבי מאיר׳ל פּרימישליאַנער אַרויף אויף דער בימה און האָט אויסגעשריען:

— רבונו של עולם! הער נישט, וואָס ער זאָגט!.. אידען זענען נזהר אין מדות און משקלות, זיי גיבען אַ ריכטיגע וואָג און אַן עהרליכע מאָס... ס׳איז קיין וואָהר וואָרט נישטאָ אין זיינע רייד!

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער איז אַמאָל אַריינגעקומען אין בית־המדרש אין מיטען דער דרשה פון אַ מגיד, וועלכער האָט געהאַלטען אין איין

אויסרעכענען די חטאים פון אידישען פאָלק... הויבט-אויף רבי לוי-יצחק זיינע הענד צום הימעל און זאָגט: די צרות, רבונו של עולם, רעדען-אַרויס פון איהם, די ביטערע פרנסה צווינגט איהם נעבעך דערצו, ער דאַרף נע-בעך עטליכע הונדערט קערבלעך אַ טאָכטער חתונה צו מאַכען!... גיב-זשע איהם, רבונו של עולם, די פּאָר הונדערט קערבלעך און זאָל ער אויפהערן מקטרג צו זיין אויף אידען...

○

מוּל סוּף בֵּין פָּארָן... (א. א.)

„הזכירן ברמז מפני כבודן של ישראל..." (רש"י)

אַזוי דאַרף זיין די טאַקטיק בעת מען וויל ווען שטראָפען און אויס׳מוסר׳ן: פריהער הויבט מען אָן מיט אַ לייכטער אָנצוהערעניש, ברמז, ראשי-דברים; ערשט ווען מען זעהט, אַז יענער איז געניגט מקבל צו זיין דעם מוסר, קאָן מען שוין דאַן צוטרעטען צו רעדען מיט איהם אָפענע, שאַרפע דבורים: — „ממרים הייתם עם ד׳!"...

(אַלשיך)

דער רבי פון לובלין האָט אַמאָל עמיצען שאַרף אויסגע׳מוסר׳ט. האָט זיך יענער אָנגע׳ברוגז׳ט, פיהלענדיג זיך שטאַרק בעליידיגט.

— אויב אַזוי, — רופט-זיך-אָן צו איהם דער רבי פון לובלין, — דאַרף איך דיך מפייס זיין... וואָרום שטראָפען מעג מען איינעם נאָר דאַ-מאָלס, ווען יענער איז די שטראָף-רייד מקבל און עס האָט אויף איהם אַ שטיקעל פעולה; אָבער ווען עס ווירקט נישט אויף איהם און ער שטעהט נאָך גאָר אין גרויסען און ברוגז׳ט זיך, הייסט דאָך עס גלאַט-אומזיסט מבייש געווען אַ אידען — דאַרף איך דיך דעריבער איבערבעטען...

אַ געוויסער מגיד, וועלכער האָט געהאַט אַ שם פאַר נישט קיין איבּ-ריגען ירא-שמים, איז אַמאָל געקומען קיין בריסק, האָט איהם רבי חיים נישט ערלויבט צו זאָגען אין שוהל.

איז דער מגיד געקומען צו רבי חיים׳ן מיט אַ טענה:

— סטייטש, רבי, פאַרוואָס לאָזט איהר מיך נישט זאָגען? מיינע דרשות, גלויבט מיר, זענען כשר בתכלית הכשרות... כ׳זאָג אַ פּסוק, אַ מאמר חז"ל, כ׳רעד וועגען אידישקייט...

— פערשטעהט איהר מיך — ענטפערט איהם רבי חיים: — פלייש, וואס ס'איז געשאכטען כדין וכדת, אהן א שום סירכא, געטרייבערט און געזאלצען, ווערט עס פונדעסטוועגען טריף, אויב... אויב עס קאכט זיך אין א טריף טעפעל!...

○

ד' אלקיכם הרבה אתכם... איכה אשא לבדי... (א. י. יב.)

דערויף זאגט דער מדרש: „הרבה אתכם — על גבי דיניכם"...

יעדער איינער פון אייך איז ביי זיך א חכם, יעדער איינער האלט זיך העכער פון די דינים, און וויבאלד אזוי — „איכה אשא לבדי", ווי־אזוי איז מעגליך מיט אזעלכע אויסצוקומען?...

(הרב יצחק ניסענבוים)

○

יוסף עליכם ככם אלף פעמים... (א. יא.)

„זו משלי הוא". (רש"י)

נאכ'ן חטא פון עגל האט השי"ת געזאגט צו משה'ן: „ואעשה אותך לגוי גדול"; דיזעלבע ווערטער זענען אויך געזאגט געווארען נאכ'ן חטא פון די מרגלים, און „מדה טובה — זאגען די חז"ל — מרובה ת"ק פעמים ממדת פורעניות", קומט אלזא אויס, אז נאך דער צוויי־מאליגער הבטחה: „ואעשה אותך לגוי גדול", דארף זיין — „יוסף עליכם ככם אלף פעמים"...

(פנים יפות)

○

טרחכם ומשאכם וריבכם... שרי אלפים... ושרי עשרות... (א. יב. טו.)

די קריעגרייען און ארומרייסענישען זענען אזוי ווייט דערגאנגען, אז יעדע צעהן אידען האבען געדארפט האבען א דין!...

(ספורנו)

○

הבו לכם אנשים חכמים ונבונים... (א. יג.)

זעהט — האט דער אויבערשטער געזאגט צו די אידען — אז איי־ערע פארשטעהער זאלען זיין בעלי־בינה — „הבו לכם אנשים חכמים ונבונים"... בינה שטעהט ביים אויבערשטען העכער אפילו פון דער

תורה. ווען אַ מענש לערנט אַפילו תורה, נביאים וכתובים און אַלע סדרי בראשית, נאָר ער האָט קיין בינה נישט, איז זיין תורה גאָרנישט ווערט!...

(אותיות דרבי עקיבא)

יתרו האָט געזאָגט צו משה'ן: „ואתה תחזה" — ער זעלבסט זאָל זיי בעשטימען און נאָמינירען לויט זיין איינזעהן; אָבער משה האָט איהם נישט געפאָלגט און האָט געזאָגט: „הבו לכם אנשים", וועהלט איך אַליין, לויט אייער ווילען!...

(פנים יפות)

O

לא תכירו פנים במשפט... (א, יז.)

דער שופט זאָל נישט אורטיילען לויט'ן אויסדרוק פונ'ם פנים!... דאָס, וואָס איינער פון די בעלי-דינים איז בעת די טענות, למשל, עפּעס רויט געוואָרען, טאָר נישט דיענען פאַר דעם שופט אַלס בעוויז, אַז יענער פיהלט זיך אומגערעכט און שולדיג!... „שמוע בין אחיכם": דו זאָלסט נישט קוקען דעם בעל-דין אין פנים אריין, נאָר בלויז הערען, וואָס ער רעדט!...

(רבי לייבוש חריף)

וואָס איז דער אונטערשיד פון די בעלי-דינים ביז'ן דין׳ — וועגען די בעלי-דינים ווערט געזאָגט: „כשעומדים לפניך יהיו בעיניך כרשעים, וכשנפטרים מלפניך יהיו בעיניך כזכאים"; פריהער ווערען די בעלי-דינים אין די אויגען פונ'ם דין בעטראַכט אַלס רשעים — און נאָכדעם, נאָכ'ן פסק, אַלס זכאים. דאַגעגען מיט'ן דין, אין די אויגען פון די בעלי-דינים, איז פערקעהרט!...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

O

לא תגורו מפני-איש... (א. יז.)

רבי שמואל סאַלאַנט איז אַמאָל געזעסען אין אַ מסיבה פון רבנים, איז געקומען צו רייד וועגען מצב הרבנות. אַ טייל פון די רבנים האָבען זיך גענומען קלאָגען, אַז ס'איז זעהר שווער פאַר אַ קליינשטעדטעלדיגען רב בזמן-הזה מקיים צו זיין דעם „לא תגורו מפני-איש", מ'קאָן נישט ביי-שטעהן געגען די פערשידענע תקיפים און גביר'ישע עזות-פנים'ער, פון וועלכע דער רב איז אָבהענגיג מיט זיין שטיקעל ברויט!...

— און איך, זעהט איהר, — רופט-זיך-אָן רבי שמואל — ווייס נישט דערפון. מיינע בעלי-בתים, בין איך זיכער, וועלען מיך תמיד פאָלגען, וואָס כ'וועל זיי הייסען.

— מיט וואָס זענט איהר עס אַזוי זיכער? — וואונדערן זיך די רבנים.

— גאַנץ פשוט, — שמייכעלט רבי שמואל סאַלאַנט: — דאָס, וואָס כ׳ווייס פריהער, אַז מען וועט מיך נישט פאָלגען, הייס איך באַלד נישט...

רבי יאָשע-בער, דער בריסקער רב, פלעגט זאָגען, אַז עס זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט צוויי מענשען, וואָס ווייסען נישט זייער כח: דער „אוריאַדניק" און דער רב, להבדיל.

דער „אוריאַדניק" אין שטעדטעל איז דאָך באמת אַן׳אונבעגרענעצטער הערשער. ער קאָן דאָך טהון, וואָס ער וויל: אַרויסגעבען גזירות, אַרויפלע-גען שטראָפען, אַריינזעצען מענשען אין תפיסה. ווער וועט די העזה האָבען איהם זיך אַנטקעגענצושטעלען? — פונדעסטוועגען איז ער אַ פּראָסטער גוי און וואַלגערט זיך מיט די פויערן אין שענק!...

דאַגעגען דער רב, להבדיל, פיהרט אַ גאַנצע מלוכה: פסק׳ענט שאלות, מאַכט כשר און טריף, איז מזמין וועמען ער וויל לדין, מאַכט דעם גע-רעכט, דעם אומגערעכט, אַסר׳ט, קנס׳ענט — און ס׳פאַלט איהם גאָרנישט איין אַ טראַכט צו טהון: וואָס איז זיין תקיפות — וואָס וועט ער טהון, אַז מען וועט איהם נישט פאָלגען?...

ביידע ווייסען זיי נישט, צום גליק, זייער אמת׳ען כח: דער „אוריאַד-ניק" ווייסט נישט זיין שטאַרקייט, און דער רב — זיין שוואַכקייט!...

„לא תגורו מפני־איש"... דער בעקאַנטער גאון רבי משה-אַהרן, דער קוטנער רב, האָט שטאַרק מקפיד געווען, אַז דער שטאָדטישער „נאמן" אויף כשרות זאָל זיין הויפּטזעכליך אַן׳איש-אמת, וואָס זאָל נישט נושא-פנים זיין, נישט דעם קצב, נישט דעם שוחט, נישט דעם דַיָן. ויהי היום, האָט שטאָדט זיך גענויטיגט אין אַ פרישען נאמן — און צווישען די פערשידענע קאַנ-דידאַטען, וועלכע האָבען ביי איהם נישט-איבריג אויסגענומען, האָט מען איהם אויך רעקאָמענדירט אַ פשוט׳ען איד, וועלכען דער רב האָט גענומען אויפ׳ן פערהער און איהם געפרעגט: „פאַרוואָס ווילט איהר ווערען אַ נאמן?" „דערפאַר — האָט איהם דער איד געענטפערט — ווייל כ׳האָב לא-עליכם קיין פרנסה נישט". — „טאָ פאַרוואָס ווערט איהר נישט בעסער קיין מלמד?" — „ווייל איך קען נישט לערנען". — „קאָנט איהר דאָך ווערען אַ רב!"... — „האָב איך קיין געלד נישט"... — „אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס ווערט איהר נישט קיין סוחר?" — „ווייל די סוחרים קענען מיך, אַז כ׳טויג נישט צו קיין מסחר!" — „נו, וויבאַלד אַזוי, — שמייכעלט רבי משה-אַהרן, — אויב

איהר קאָנט זאָגען אַזוי פיעל אמת – זענט איהר ראוי, מען זאָל אייך אָנ־טרויען דאָס נאמנות״...

O

ותקרבון אלי כלכם... (א. כב.)

דערויף זאָגט רש״י, אַז דאָ, בעת׳ן שיקען די מרגלים, איז דער „כלכם״ געווען בערבוביא: „ילדים דוחפין את הזקנים, והזקנים דוחפין את הראשים״; דאַגעגען ביים „ותקרבון אלי״ בעת מתן־תורה איז געווען: „ילדים מכבדים את הזקנים, וזקנים מכבדים את הראשים״...

ביי קבלת־התורה האָבען אידען זיך אויפגעפיהרט מיט גרויס דרך־ארץ און געגענזייטיגער העפליכקייט. יעדער איינער האָט מיט׳ן מקבל־זיין די תורה מכבד געווען דעם צווייטען... די יונגעלייט האָבען אָבגעטרעטען זייער פּלאַץ די זקנים, און די זקנים האָבען אין זייער גרויס בעשיידענהייט מוחל געווען אויפ׳ן כבוד און געשיקט די ראשים... דאַגעגען ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט ביים שיקען די מרגלים, צוגרייטענדיג זיך צו פערנעהמען און איינצוטיילען זיך מיט׳ן „ארץ זבת חלב ודבש״ — דאָ איז מיט איינמאָל דער גאַנצער דרך־ארץ פערשוואונדען: „ילדים דוחפין את הזקנים, וזקנים דוחפין את הראשים״!...

און אַזוי איז עס אויך, ליידער, ביי היינטיגען טאָג. אין עניני רוחניות ווייזט מען אַרויס גרויס בעשיידענהייט, מיט תורה־לערנען איז איינער מכבד דעם צווייטען; קומט עס אָבער צו די עניני ממונות — דאָ פאַלט שוין אַוועק יעדער דרך־ארץ, דאָ רייסט מען איינער ביים צווייטען דעם ביסען פון מויל!...

(כלי יקר)

O

ערים גדולות ובצורות בשמים... (א. כח.)

„דברו הכתובים לשון־הבאי״... (רש״י)

רבי מנחם מענדעל ליובאַוויטשער — דערצעהלען די חסידים — האָט אַמאָל געהאַט אַן אוידיענץ ביי אַ רוסישען מיניסטער, וועלכער האָט בעת׳ן געשפּרעך מיט איהם שאַרף קריטיקירט דעם תלמוד, אין וועלכען עס געפינען זיך, לויט ווי מען האָט איהם ערקלערט, זעהר משונה׳דיגע ווילדע גוזמאות: עס ווערען דאָרט דערצעהלט, למשל, אַזעלכע זאַכען, ווי, אַז עס האָט געפּלאַצט אַן איי פון אַ געוויסען פויגעל („ביצת בר־יוכני״), איז געוואָרען דערפון אַזאַ פערפלייצונג, אַז עס זענען דערטרונקען געוואָרען זעכציג שטעדט און עס זענען צובראָכען געוואָרען דריי הונדערט צעדערבוימער (בכורות נ״ז)!...

דערויף האט איהם דער ליובאוויטשער רבי געזאלט ענטפערן: עקסעלענץ! לעצטענס האט די רוסישע רעגירונג ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג, לויט וועלכער עס ווערט פאר אידען פערבאָטען צו וואוינען אין שטח פון פופציג ווערסט ארום די גרעניצען—און די אידען האבען דאדורך פערלוירען זייער וואוינרעכט אין זעקס הונדערט שטעדט. טאָ שטעלט אייך פאָר, אז וועלענדיג די זאך זאל פערבלייבען לזכרון פאר די שפעטערדיגע דורות, און מורא האבענדיג צו קריטיקירען עפענטליך די גזירה פון מלכות, נעהם איך און פערשרייב עס ביי מיר אין בוך ברמז, און נעמליך: אז עס איז געווען אמאָל אין רוסלאנד א גרויסער, מעכטיגער הערשער, וועלכער האט בעוויזען אזעלכע וואונדערליכע זאכען, אז אין איין טראָפען טינט, וואס איז אראבגע־פאלען פון זיין פעדער, זענען דערטרונקען געוואָרען גאנצע זעקס הונדערט שטעדט!... ווען מענשען וועלען דאס לייענען אין מעהרערע יאָהרען ארום, ווען פון דערדאָזיגער גזירה וועט מעהר קיין זכר נישט זיין און מען וועט שוין דערין לאנג האבען פערגעסען, וועלען זיי זיך אודאי אויסלאכען און זאגען, אז דער שרייבער דערפון איז זיכער געווען א גרויסער שוטה און א נאך גרעסערער ליגנער, — ווערענד היינט פערשטעהען אלע גאנץ גוט וואס מען מיינט דערמיט, אז עס איז אויף א האר נישט איבערטריבען... דאסזעלבע, עקסעלענץ, איז אויך מיט די אלע זאכען, וואס ווערען דער־צעהלט דורך די חכמי־התלמוד. פאר אונז, נאך א ווייטקייט פון טויזענדער יאָהרען, קלינגט דאס אלץ וואונדערליך, משונה'דיג; אָבער די מענשען פון זייער דור האבען געוואוסט אויף־וואס דאס בעציהט זיך, וואס עס ווערט געמיינט דערמיט און אז דאס אלץ, וואס זיי האבען געשריבען, איז אמת וצדק!...

○

פנו לכם צפונה... אתם עוברים בגבול אחיכם בני־עשו... (ב. ג. ד.)

בשעת איהר געפינט זיך אין „גבול אחיכם בני־עשו”, זאָלט איהר דאן תמיד געדענקען אינ'ם כלל פון „פנו לכם צפונה” — אין דער נויטיג־קייט צו בעהאלטען און פערבאָרגען!... אויב דו האסט ערוואָרבען, ישראל, אביסעל עשירות - זייז עס נישט ארויס פאר עשו'ן, מייד־אויס פרסום, זאָלסט איהם נישט אויפרייסען די אויגען!...

(כלי יקר)

○

ונחרם את-כל-עיר מְתִים... (ב. לד.)

אין איינעם פון זיינע מכתמים שרייבט דער אבן-עזרא פאָלגענדעס: „אין בין חיים למתים אלא בנקודה, וסימניך החיים עומדים והמתים שוכבים"...

פערשידענע מפרשים מאַטערן זיך צו פערשטעהן די כונה דערפון; באמת אָבער איז עס גאַנץ איינפאַך: די כונה איז וועגען דעם אונטערשיעד פון וואָרט „מְתים" (מיט אַ „שוָא") און „מֵתים" (מיט אַ „צֵרי"). „החיים עומדים" — אויב די צוויי נקודות אונטער דער „מ" פון וואָרט „מתים" זענען שטעהענדיג (אַ „שוָא"), מיינט מען — לעבעדיגע מענשען; אויב אָבער ליעגענדיג (אַ צֵרי), בעדייט עס — טויטע...

(דעת זקנים)

וָאֶתְחַנַּן

אַתה החִלות להראות את-עבדך... (ג. כד.)

רבונו של עולם! — האָט משה גע'טענה'ט. — יוסף'ס ביינער וועלען יאָ זוכה זיין אַריינצוקומען קיין ארץ-ישראל, און איך נישט? — דערויף האָט איהם השם יתברך געענטפערט: יוסף האָט מודה געווען אין זיין לאַנד; בשעת פוטיפר'ס ווייב האָט געזאָגט וועגען איהם: „ראו הביא לנו איש עברי", האָט ער נישט געלייקענט און האָט ערקלערט: „כי גונב גונבתי מארץ העברים". דו אָבער האָסט אין דיין לאַנד נישט מודה געווען; בשעת די טעכטער פון יתרו האָבען געזאָגט: „איש מצרי הצילנו", האָסטו געהערט און געשוויגען — דעריבער וועסטו נישט בעגראָבען ווערען אין ארץ-ישראל!...

(דברים רבה)

„אַתה החִלות להראות את-עבדך"... דער דין איז (חושן משפט, סי' רכ"א), אַז אויב דער לוקח און דער מוכר דינגען זיך וועגען פרייז און זיי געהען זיך פונאַנדער, נישט קאָנענדיג צווישען זיך דורכקומען, און דאַן קומט דער מוכר צום לוקח און זאָגט צו איהם: „לך ומשוך", קום און נעהם דאָס חפץ, — בעדייט עס, אַז דער מוכר האָט מסכים געווען צום פרייז פונ'ם לוקח און ער קאָן שוין נאָכדעם נישט טענה'ן אַנדערש; אויב אָבער, פערקעהרט, דער לוקח איז נאָכדעם געקומען צום מוכר און האָט געהייסען זיך געבען דאָס חפץ, — בעדייט עס, אַז ער האָט מסכים געווען צום פרייז פונ'ם מוכר... בשעת השי"ת האָט געזאָגט צו משה'ן, ער זאָל געהן אויסלייזען די אידען, האָט איהם משה געענטפערט: „שלח-נא ביד תשלח". טייטשען די חז"ל: „ביד מי שיכניסם לאָרץ", אַז משה האָט, הייסט עס, פערלאַנגט, אַז דער שליח, וואָס וועט אַרויספיהרען די אידען פון מצרים, זאָל זיי אויך אַריינפיהרען קיין ארץ-ישראל, און דערויף איז נאָכדעם געקומען די תשובה פונ'ם אויבערשטען: „לך נחה

את העם"... און אָט דאָס האָט איצט משה גע'טענה'ט: „אתה החלות", דו האָסט דאָך אָנגעהויבען! אויסהערענדיג מיין פאָרשלאַג, האָסט דו דאָך דער ערשטער איינגעשטימט און געענטפערט: „לך נחה את העם" — הייסט דאָך עס, אַז דו האָסט מסכים געווען אויף מיין בעדינג פון „שלח נא ביד מי שיכניסם לארץ", און דעריבער — „אעברה־נא ואראה את הארץ הטובה"...

(מהר"ם שיף)

O

אעברה־נא ואראה את־הארץ הטובה... (ג. כה.)

צו־וואָס איז דער „ואראה"? עס איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך, אַז ווען ער וועט אַריינגעהן אין לאַנד, וועט ער עס זעהן! — נאָר משה האָט מתפלל געווען, אַז קומענדיג קיין ארץ־ישראל זאָל ער נישט נכשל ווערען און ער זאָל זוכה זיין צו זעהן דאָס לאַנד פון דער גוטער זייט — „הארץ הטובה" — נישט אַזוי ווי די מרגלים האָבען עס געזעהן!...

(רבי מנחם־מענדעל מקאָצק)

O

ויתעבר ד' בי למענכם... (ג. כו.)

דעם חטא פונ'ם שלאָגען דעם שטיין בין איך בעגאַנגען „למענכם", פאַר אייערטוועגען, כדי נישט צו דערוועקען קיין קטרוג אויף אידען, אַז אַפילו אַ שטייז איז געהאָרכזאַמער פאַר זיי...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

O

לא תוסיפו... ולא תגרעו... (ד. ב.)

מילא „לא תגרעו" איז פערשטענדליך; אָבער „לא תוסיפו" — מוסיף־זיין אויף דער מצוה, פאַרוואָס זאָל מען נישט מעגען? אדרבה! —

דער טעם איז, ווייל ווען עס זאָל זיין ערלויבט מוסיף צו זיין, וואָלט דאָס געגעבען אַ גרונד צו דענקען, אַז די צאָהלען און שיעורים, וואָס ווערען אָנגעוויזען אין דער תורה ביי פערשידענע מצוות, זענען נישט אונבעדינגט, נישט קאַטעגאָריש — און אויב אַזוי, קוים ווערט עס נישט געמיינט בוכשטעבליך, איז דאָך רעכט אויך וועניגער... און דאָס טאַקע איז דער זין פון דער ערקלערונג: „כל המוסיף — גורע"!

(מקור ברוך)

O

ומי גוי גדול אשר לו חקים ומשפטים צדיקים... (ד. ח.)

אונזערע צדיקים זענען געגליכען צו די „חוקים ומשפטים": פאַרהאַן מצוות, וואָס מען פערשטעהט זיי מיט'ן שכל, ווי למשל: גנבה, רציחה א. ד. גל.; און עס זענען פאַרהאַן מצוות — „חוקים", וואָס דער שכל פערשטעהט זיי נישט. פונקט אַזוי האָבען מיר אויך צוויערליי צדיקים: אַזעלכע, וואָס זייער צדקות ווערט געזעהן פאַר יעדען בעשיינפערליך פון זייערע מעשים און מדות; און אַזעלכע, וועלכע מען מוז גלויבען, אַז זיי זענען צדיקים, וואָרום פון זייערע מעשים זעהט מען עס נישט!...

(רבי ישראל ריזשינער)

○

רק השמר לך ושמור נפשך מאד... (ד. ט.)

„רק" איז אַ מיעוט. „לך", פאַר'ן גוף, איז גענוג אַ געוועהנליכע, קלענערע שמירה; אָבער — „ושמור נפשך מאד", אַמשטאַרקסטען דאַרף מען אַכטונג געבען און היטען דעם נפש, די נשמה!...

(כלי יקר)

———

„רק השמר לך ושמור נפשך מאד"... זאָרגען זאָלסטו פאַר דיין נשמה און פאַר יענעמס גוף, נישט פערקעהרט!...

(רבי ישראל סאַלאַנטער)

○

ונשמרתם מאד לנפשותיכם... (ד. טו.)

— פאַרוואָס — האָט זיך אַמאָל רבי ישראל סאַלאַנטער אויסגעדריקט בדרך־הלצה — איז צום בענשען מיט מנין דאַרף מען האָבען „שבעה שאָכלו", דאַגעגען צום דאַווענען מיט מנין זענען גענוג „ששה מתפללים"? — ווייל דעם רבונו־של־עולם איז ליעבער, אַז נאָך אַ איד זאָל עסען, איידער נאָך אַ איד זאָל דאַווענען!...

○

פסל תמונת כל אשר צוך ד' אלקיך. (ד. כג.)

פון די מצוות „אשר צוך ד'" זאָלסטו נישט מאַכען קיין „פסל" און קיין „תמונת כל", אַננעהמענדיג די תמונה, די אויסערליכע צורה פון דער מצוה, דעם לבוש, אַלס עיקר!...

(רבי מנחם־מענדעל מקאָצק)

כי־תוליד בנים ובני בנים... והשחתם... (ד. כה.)

ליידער האלטען מיר שוין היינט דערביי: נישט די עלטערן ווירקען און בעאיינפלוסען זייערע קינדער, נאר די קינדער דעמאראליזירען און פערדארבען די עלטערן!...

(אוצר החיים)

○

בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה... ושבת... (ד. ל.)

רבי לייב, דער „שפאלער זיידע", האט אמאל, אויס'טענה'נדיג זיך מיט'ן רבונו-של-עולם, געזאגט: — רבונו של עולם! דו האלסט אידען אין גלות, דו ווארטסט, זיי זאלען תשובה טהון? כ'שווער דיר ביי בארד-און-פאות, אז אידען וועלען קיין תשובה נישט טהון, ביז משיח וועט קומען!...

רבי מאיר'ל פרימישליאנער האט זיך אמאל אויסגעדריקט:

— וויל משיח קומען מיט דרך-ארץ — ווארטען מיר אויף איהם; וויל ער אבער קומען מיט רוגזה, מיט „חבלי-משיח" — זענען מיר איהם מוחל: זאל ער אינגאנצען נישט קומען!...

אין יאהר ת"ר האט זיך צווישען אידען אין פוילען — אויפ'ן גרונד פון פערשידענע רמזים און גמטריאות, וואס עמיצער האט אויסגעפונען — פערשפרייט א מימרא, אז דאס יאהר קומט משיח; וואס-ווייטער האט מען אלץ שטארקער גענומען גלויבען, אז אין דעמדאזיגען יאהר דארף זיין די אמת'ע גאולה.

דער דאמאלסדיגער ווארשאווער רב, רבי יעקב געזונדהייט, האט מורא געהאט, אז פון די ת"ר'ניקעס זאל חלילה נישט ענטשטעהן א נייע כתה, ווי די שבתי-צבי'ניקעס, איז ער אין שוהל ארויף אויף דער בימה און האט געשווארען, אז אין יאהר ת"ר וועט משיח נישט קומען!...

○

וידעת היום... כי ד' הוא האלקים וכו' אין עוד. (ד. לט.)

„אין עוד" — מעהר איז נישטא וואס צו וויסען!...

(רבי אהרן קארלינער)

○

בשמים ממעל ועל-הארץ מתחת... (ד. לט.)

„בשמים — ממעל: בעת עס האנדעלט זיך אין הימעל-ענינים, אין פרומקייט, אין גוטע מדות, זאלסטו שטענדיג קוקען ארויף, צו די מענשען, וואס שטעהען אין דידאזיגע ענינים העכער פון דיר, און זיך אין זיי מתקנא זיין!... אבער „ועל־הארץ — מתחת": אין ערדישע זאכען, בנוגע פרנסה און עשירות, זאלסטו תמיד קוקען אויף אזעלכע, וואס פערמאגען ווייניגער פון דיר און לעבען אין ערגערע בעדינגונגען — ממילא וועסטו דאן זיין צופרידען פון דיין גורל...

(אמרי שפר)

○

אנכי עומד בין ד׳ וביניכם... (ה. ה.)

דער „אנכי", דער „איך", דער מענשליכער עגאאיזם, דאס איז די מחיצה, וואס איז מפסיק „בין ד׳ וביניכם"!...

(רבי ישעיה׳לע פראגער)

○

אנכי... אשר הוצאתיך מארץ מצרים... (ה. ו.)

פארוואס הויבען-זיך-אן די עשרת-הדברות מיט יציאת-מצרים און נישט מיט בריאת-העולם, אז גאט האט בעשאפען די וועלט? — ווייל יציאת-מצרים האבען די אידען געזעהן מיט די אייגענע אויגען, אבער בריאת-העולם האבען זיי נישט געזעהן...

(כוזרי)

א צווייטער טעם:

די עשרת-הדברות הויבען-זיך-אן מיט יציאת-מצרים, אלס א זאך, וואס איז געטהון געווארען ספעציעל פאר אידען; בריאת-העולם אבער איז געוועי פאר דער גאנצער וועלט...

(רלב״ג)

○

אנכי... לא-יהיה לך... (ה. ז.)

„כל מה — זאגט דער מדרש — שישראל אוכלים בעולם הזה אינם אוכלים אלא בשביל האמונה".

פארוואס עפעס נאר „בשביל האמונה" און נישט צוליב די אנדערע מצוות? — ווייל עס ווערט געפרעגט, הלמאי איז „שכר מצוה בהאי עלמא

ליכא״,—עס איז דאָך אַ בפירוש׳ער געבאָט אין דער תורה: „לא תלין פעולת שכיר״? ענטפערט מען דערויף, ווייל די תורה איז געגעבען געוואָרען דורך אַ שליח — און אויב די אַרבייט ווערט איבערגעבען דעם פועל דורך אַ שליח, נישט דורכ׳ן בעל־הבית דירעקט, איז דאַן דער בעל־הבית, לויט׳ן דין, נישט עובר אויף „לא תלין״. דאָס אַלץ איז גערעדט געוואָרען בנוגע אַלע אַנדערע מצוות; דאַגעגען וועגען די ערשטע צוויי דברות ווערט דאָך געזאָגט, אַז „אָנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענו״, אַז מיר האָבען זיי געהערט נישט דורך אַ שליח, נאָר פונ׳ם בעל־הבית, פון השי״ת אַליין — איז פאַר זיי האָבען מיר טאַקע דאָס רעכט צו פאָדערן דעם באַלדיגען שכר, דען אויף זיי איז דאָך שוין חל דער איסור פון „לא־תלין״, און דעריבער — „כל מה שישראל אוכלים בעולם הזה אינם אוכלים אלא בשביל האמונה״, אַלס שכר פאַר׳ן אָבהיטען די מצוות פון „אָנכי״ און „לא יהיה לך״...

און דאָס, אַלזאָ, איז אויך דער זין פון פסוק אין קהלת (ד. ט.): „טובים השנים מן האחד אשר יש להם שכר טוב בעמלם״ — מיט אַ בעזונדערער גוטסקייט, מיט אַ בעזונדערער מעלה צייכענען־זיך־אויס „השנים״, די צוויי דברות, דער „אָנכי״ און „לא־יהיה לך״, וועלכע מיר האָבען גע־הערט „מן האחד״, דירעקט פון השי״ת אַליין: דערמיט, „אשר יש להם שכר טוב בעמלם״, וואָס זייער שכר ווערט אויסגעצאָהלט אויפ׳ן אָרט, בהאַי־עלמא...

(ארץ חמדה פון מלבי״ם)

○

שמור את־יום השבת לקדשו כאשר צוך... (ה. יב)

„כאשר צוך — במרה״... (רש״י)

„במרה״ — אויך אין די ביטערע צייטען; אויך דאַן, ווען דאָס היטען שבת איז פערבונדען מיט פערלוסט, מיט היזק אין פרנסה!...

(אוצר החיים)

○

לא תרצח... (ה. יז.)

נאָכ׳ן „לא תרצח״ איז אָוועקגעשטעלט אַ הפסקה, דאָסזעלבע נאָכ׳ן „לא תנאָף״ א. א. וו., ווייל — ווערט דערויף ערקלערט אין זוהר — עס זענען פאַרהאַן פאַר יעדען „לא״ געוויסע אויסנאַהמען: דער „לא־תרצח״, למשל, איז נישט חל אויף מיתת בית־דין; מיט׳ן „לא־תנאָף״ ווערט געמיינט נאָר אשת חברו א. א. וו.

און אַט דאָס איז דער פשט פונ'ם פסוק (מלאָכי ג. ו.): „אַני ד' לא שניתי ואתם בני-יעקב לא כליתם" — איך האָב געענדערט דעם „לא" און איהם מתיר געמאַכט בלויז אין אייניגע אויסנאַהם־פאַלען; איהר אָבער — „לא כליתם", איהר האָט גענומען דעם „לא" אוז איהם אינגאַנצען בעזייטיגט און אויסגעראָטען!...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

O

ובכל-נפשך ובכל-מאדך. (ו. ה.)

ובכל-מאדך" — מיט דיין געלד: אויך דאַמאָלס, ווען דו האָסט געלד, זאָלסטו נישט פערגעסען אינ'ם אויבערשטען!...

(פנים יפות)

„ובכל-נפשך ובכל-מאדך"... פאַרהאַן מענשען, וועלכע זענען גרייט צו טהון אַ דבר-מצוה מיט'ן גוף, נישט קאַרגענדיג דערביי זייערע כחות, זייער צייט און מיה; דאַגעגען אַליין אַרויסנעהמען געלד פון קעשענע און געבען — דאָס נישט!... פאַרהאַן ווידער אַנדערע, וואָס אַ נדבה געבען איז ביי זיי לייכט; דאַגעגען דעם גוף זייערען אַ ריהר צו טהון, מיטהעלפען און בעמיהען זיך פאַר יענעם, געהן אַ גאַנג — דאָס קאָן מען ביי זיי נישט פועל'ן... און דערפאַר איז דער בעפעהל: „ובכל-נפשך ובכל-מאדך" — עס מוזען זיין ביידע זאַכען צוזאַמען!...

(ספר הדרוש)

„כלבים אומרים בואו נשתחוה ונכרעה"... (פרק שירה)

פאַרהאַן צווישען די פרומע גבירים אַזעלכע כלבים, וועלכע זענען יוצא זייער חוב פאַר'ן אויבערשטען בלויז מיט'ן בויגען- און בוקען-זיך, און זייער פרומקייט דערגרייכט נאָר ביז צו דער קעשענע...

(רבי שמעון סופר)

עהנליכעס:

„בנן של קדושים — שלא הניח ידו למטה מאבנטו": די טבע פון אַ „בנן של קדושים" איז, על-פי-רוב, נישט אַריינצושטעקען די האַנד אין טאַש — שווער ביי אַזעלכען אַרויסצובעקומען אַ גראָשען!...

(פאָלקס-ווערטעל)

„ובכל מאדך — בכל ממונך... דבר אחר: בכל מדה ומדה שמודד לך"... (רש"י)

רבי אייזשע סלאָנימער איז אַמאָל געקומען צו אַ גביר און האָט איהם אַנגעבאָטען צו קויפען זיין ספר „מרבה תבונה". דער גביר, זעהענדיג פאַר

זיך אַ דין ספר׳ל מיט זעהר ווענינ בלעטלעך, האָט איהם דערלאַנגט אַ בישטיגע מטבע. רבי אייזשע האָט זיך דערפון געפיהלט שטאַרק בעליידיגט.

— אויפ׳ן פסוק „ובכל־מאדך״ — זאָגט ער צום גביר — דרש׳ענט דער תנא קמא: „בכל־ממונך״, דו זאָלסט זיך נישט רעכענען מיט׳ן געלד! דאַגעגען דבר אַחר, אַ צווייטער פשט זאָגט: „בכל מדה ומדה״, אַז מען דאַרף קוקען אויף דער גרויס און אויף דער וואָג... ווייזט־אויס, אַז איהר האַלט זיך אין דער שיטה פון „דבר אַחר״!...

O

ושננתם לבניך ודברת בם... (ו. ז.)

אויב דו וועסט לערנען מיט דיינע קינדער דאָס, וואָס דו און דיין טאַטע און דיין זיידע האָבען געלערנט, דאַן „ודברת בם בשבתך בביתך״, וועסטו האָבען אין שטוב וואָס צו רעדען מיט זיי; דאַגעגען אָבער ווען דו וועסט זיי לאָזען לערנען בלויז פרעמדע זאַכען, אַלע שבע חכמות, אַ חוץ תורה און אידישע לימודים, דאַן וועסטו זיצען מיט זיי ביים טיש ווי אַ פרעמ־דער און נישט קאָנען זיך מיט זיי צונויפשמועסען...

(בית־יצחק)

O

והיו לטוטפות בין עיניך. (ו. ח.)

„טט בכתפי — שתים; פת באַפריקי — שתים״. (רש״י)

און דאָס איז דער פשט אין פיוט פון שבת־נחמו, וואו עס ווערט געזאָגט: „דין נשמע שמע בכל לשון להתמלל, הלא נדעה באַרבעה אַשר פרשו זקנינו״. די מבארים מאַטערן זיך אויף פערשידענע אופנים צו ערקלע־רען דעם זין פון דידאָזיגע ווערטער; באמת אָבער איז עס גאַנץ איינ־פאַך: דער דרש פון „שמע — בכל־לשון שאַתה שומע״ איז געדרונגען פון דער תורה זעלבסט, פון דערזעלבער פרשת קריאַת־שמע, וואו מיר געפינען דאָס פרעמד־וואָרט „טוטפות״ אלס בעצייכנונג פאַר די פיער פרשיות פון תפלין...

(גאולת ישראל)

עֵקֶב

והיה עקב תשמעון... (ז. יב.)

„והיה עקב", דער סוף וועט דאָך זיין, „תשמעון", אַז סוף-כל-סוף וועט איהר מיך פאַרט מוזען הערען!...

(רבי מענדעלע קאָצקער)

○

ושמר ד' אלקיך לך את-הברית וכו' אשר נשבע לאבותיך. (ז. יב.)

בשעת אידען זענען זינדיג, לעבען זיי דאַמאָלס און עקזיסטירען נישט אין זייער אייגענעם זכות, נאָר אין דעם זכות פון די עלטערן, פון דער שבועה, וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבען צו די אָבות.

וואָרנט מען אונז אַלזאָ: זעה, אַז דער „ברית אֲשר נשבע לאֲבותיך" זאָל בלייבען אָבגעהיט און אונבעריהרט; זעה, אַז דו זאָלסט עקזיסטירען אין זכות פון דיינע אייגענע מעשים און נישט דאַרפען אָנקומען צו זכות-אבות!...

(חתם-סופר)

○

כי תאמר בלבבך רבים הגוים האלה... לא תירא מהם... (ז. יז. יח.)

אויב דו וועסט אָנערקענען און מודה זיין, אַז „רבים הגוים האלה ממני, איכה אוכל להורישם", אַז נישט מיט דיינע אייגענע כחות וועסט זיי מנצח זיין, נאָר דו מוזט אָנקומען צו דער געטליכער הילף — ערשט דאַן: „לא תירא מהם"!...

(של"ה)

○

כי כאשר ייסר איש את־בנו ד׳ אלקיך מיסרך. (ח. ה.)

אַ פאָטער, בשעת ער שלאָגט זיין קינד, טהוט איהם אַליין אויך גע־נוג וועה—און אַזוי איז עס אויך ביי השי״ת כביכול... „כשאָדם מצטער, שכינה מה אומרת? — קלני מראשי, קלני מזרועי״...

(רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער)

○

ואָכלת ושבעת וברכת את ד׳ אלקיך... (ח. י.)

נישט בלויז בשעת הונגער און אָרימקייט, נאָר אויך בעת זאַטקייט, ווען עס געהט דיר גוט, זאָלסטו געדענקען אינ׳ם אויבערשטען!...

(לב שמח)

„ואָכלת ושבעת״!... דער מענש—פלעגט זאָגען רבי ברוך מצזשיבוזשער—וואָס אָנשטאָט אויסצובעסערן ז׳יינע מדות, אָנשטאָט צו רייניגען און צו הייליגען זיינע מחשבות, פייניגט ער דעם גוף מיט תעניתים, איז געגליכען צו יענעם פויער, וואָס אַליין זיצט ער אין קרעטשמע און שכור׳ט און דאָס פערד האַלט ער אין דרויסען צוגעבונדען צו דער וואַנד און לאָזט עס הונגערן...

„ואָכלת ושבעת״... צו רבי יצחק וואָרקער איז אַמאָל געקומען זיינער אַ חסיד, אַ גרויסער עושר, אָבער נאָך אַ גרעסערער קמצן, וועלכער פלעגט לע־בען בצמצום גדול, אָבקומען די טעג מיט שוואַרץ ברויט און הערינג און נישט פערגינען זיך ממש דעם ביסען אין מויל.

דער וואָרקער רבי האָט מיט איהם פערפיהרט אַ שמועס און זיך אויף איהם שטאַרק געבייזערט:

— אַז השי״ת — זאָגט ער צו איהם — האָט דיר יאָ געהאָלפען, דאַרפ־סטו לעבען בהרחבה, עסען יעדען טאָג אַ גוטען מיטאָג, מיט פיש און עוף, און אַ גלעזעל וויין טרינקען!

די חסידים אַרום שטעהען און חידוש׳ן זיך: וואָס אַרט עס דען דעם רבי׳ן, אַז יענער עסט נ י ש ט אַזוי גוט?...

שפּעטער האָט זיי דער רבי ערקלערט:

— מיינט נישט, אַז ער אַליין טאַקע אַרט מיך אַזוי שטאַרק! מיך אַרט דער אָ ר י מ אַ ן: אַז ער וועט אַליין עסען פיש און פלייש און טרינקען אַ גלעזעל וויין, וועט ער כאָטש געבען דעם אָרימאַן אויף ברויט מיט הערינג; אָבער אַז ער אַליין עסט ברויט מיט הערינג — וואָס קאָן שוין דער אָ ר י־ מ אַ ן פון איהם האָבען?...

ואָכלת ושבעת וברכת"... אַנ'אָרימער פוילישער רב, ווע,כער איז פערוואָגעלט געוואָרען קיין אויסלאַנד און דאָרט אין אַ שטעדטעל געבליבען אָהן מיטלען צום לעבען, איז אַוועק ווענדען זיך נאָך שטיצע צום ראַבינער, צו וועלכען עס איז אָבער נישט אַזוי לייכט געווען אָנצוקומען. דער ראַבינער—האָט איהם דער סעקרעטאַר ערקלערט — נעהמט-אויף אינטערעסאַנטען בלויז צוויי מאָל אין וואָך, און דאָס אויך נאָר אין אַ ספעציעלער „שפרעך-שטונדע", צווישען 2—3 בייטאָג. אינ'ם בעשטימטען טאָג איז דער רב ענדליך אויפגענומען געוואָרען דורכ'ן ראַבינער, וועלכער האָט איהם געגעבען אַ נדבה און דערביי געבעטען, ער זאָל איהם זאָגען עפּעס אַ דבר-תורה. דער רב האָט עס איהם גלייך צוליב-געטהון.

— מיר זאָגען — מאַכט ער — אין בענשען: „שאַתּה זן ומפרנס אותנו תּמיד בכל-יום ובכל-עת ובכל-שעה". האָב איך קיינמאָל נישט פערשטאַנען, צו-וואָס דאַרפען מיר עס אַזוי גענוי אויסרעכענען: „בכל-יום", יעדען טאָג, „ובכל-עת", און אין יעדער צייט, „ובכל-שעה", און אין יעדער שעה, איז דען סתם „ומפרנס אותנו תּמיד" נישט גענוג? — נאָר איצט איז עס מיר שוין פערשטענדליך: מיר דאַנקען און לויבען השם-יתברך, וואָס ער האָט נישט איינגעפיהרט, ווי דער הערר ראַבינער, קיין ספעציעלע „שפרעך-שטונדע", נאָר מען קאָן שטענדיג אָנקומען צו איהם — „בכל-יום ובכל-עת ובכל-שעה"...

O

ובקרך וצאנך ירביון וכסף וזהב ירבה-לך וכל אשר-לך ירבה. (ח. יג.)

בשעת עס וואַקסט ביים מענש דאָס פערמעגען און עס מעהרט זיך ביי איהם דער כּסף וזהב, איז דאַמאָלס — „וכל אשר-לך ירבה", וואַקסט דאַן אויס ביי אַלעמען אין די אויגען אויך דער „לך", אויך זיין גאַנצער „איך": ער ווערט דאַן מיט איינמאָל ביי אַלעמען אַ חסיד, אַ למדן, אַ חכם—אַ מושלם בכל-המעלות!...

(של"ה)

„עשיר ורש נפגשו — עושה כלם ד'". (משלי כ"ב, ב')

דער עושר איז אָפט געוואוינט צו טראַכטען, אַז ער איז געקומען צום עשירות אַדאַנק זיין שכל און גרויסער חכמה. אויפ'ן אָרימאַן ווידער איז מען געוואוינט צו קוקען ווי אויף אַ שלימזל און לא-יוצלח, וועלכער קאָן זיך נישט דערשלאָגען צו אַ שטיקעל מעמד מחמת זיין אונפעהיגקייט.

באמת אָבער, בשעת „עשיר ורש נפגשו״, בעת עס קומט זיך צונויף דער עושר מיט׳ן אָרימאַן, דערזעהט מען דאַמאָלס גאַנץ אָפט, אַז דער קבצן איז בעצם נישט קיין קלענערער חכם פאַר׳ן עושר, און דער עושר – נישט קיין גרעסערער בריה פאַר׳ן קבצן; נישט מעהר – „עושה כלם ד׳״, עס איז אַ מזל-זאַך !...

(צבי-הירש בערלינער)

O

ורם לבבך ושכחת... (ח. יד.)

– די ערגסטע גאוה – פלעגט זאָגען רבי מענדעלע ליובאַוויטשער – איז די גאַוה פון פרומקייט...

– איהר זאָלט נישט טראָגען – פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפּשיצער צו זיינע חסידים – קיין בגד, וואָס זיין אויבערשלאַג בעשטעהט פון ג א ו ה, דער אונטערשלאַג – פון כ ע ס, געגייהט מיט פעדים פון מ ר ה-ש ח ו ר ה !...

O

ואמרת בלבבך כחי ועצם ידי... (ח. יז.)

צו רבי חיים וואָלאָזשינער איז אַמאָל געקומען אַ רייכער סוחר און האָט זיך געקלאָגט, אַז עס איז איהם אַ גרויס אונגליק געשעהען: ער האָט געשיקט אויפ׳ן וואַסער האָלץ קיין פּרייסען, לאָזט די גרעניץ-וואַך נישט-דורך דאָס האָלץ און עס שטעהט איהם פאַר בדיל-הדל צו ווערען.

– דאַגה׳ט נישט, – טרייסט איהם דער וואָלאָזשינער, – השי״ת וועט העלפען.

ביני לביני איז דער מקח פון האָלץ געשטיגען און דער סוחר האָט פערדיענט שווערע אַלפים. איז ער געקומען מיט אַ שמחה צו רבי חיים׳ן: רבי, – רופט ער אויס, – איצט זעה איך השגחה מן השמים !

– זעהט איהר, – זאָגט צו איהם דער וואָלאָזשינער, – אָט דאָס איז דער חילוק פון אַ נגיד ביז אַן אָרימאַן: דער אָרימאַן זעהט השגחה מן השמים יעדען טאָג; דער נגיד — בלויז איין מאָל אין יאָהרען !...

O

אל-תאמר בלבבך וכו׳ בצדקתי הביאני ד׳ לרשת את-הארץ... (ט. ד.)

– עס איז בעסער – פלעגט זאָגען דער רבי פון לובלין – אַ רשע,

וועלכער ווייסט, אַז ער איז אַ רשע — איידער אַ צדיק, וואָס ווייסט, אַז ער איז אַ צדיק!...

O

ועתה ישראל מה ד׳ אלקיך שואל מעמך... (י. יב.)

„מה ד׳ אלקיך" — וואָס דער אויבערשטער טהוט — „שואל מעמך" — דאָס פערלאַנגט ער פון דיר צו טהון: „מה הוא רחום — אף אתה רחום; מה הוא חנון — אף אתה חנון" וכו׳...

(רבי ברוך מעזשיבוזשער)

„מה" — וואָס אַזעלכעס האָסטו געטהון פאַר מיר, מיט וואָס בין איך עס ביי דיר „ד׳ אלקיך"? „שואל מעמך" — פרעגט גאָט ביי דיר...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

צו רבי הערש-לייב וואָלאָזשינער איז אַמאָל געקומען זיינער אַ געוועזענער תלמיד, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען אַ רייכער סוחר.

— וואָס מאַכסטו? — פרעגט איהם רבי הערש-לייב.

— געלויבט השי״ת, רבי! — ענטפערט יענער. — כ׳האָב מיך נישט חלילה וואָס צו בעקלאָגען, כ׳בין ב״ה געזונד, כ׳האָב פרנסה...

זיצט ער און שמועסט מיט איהם וועגען אַנדערע זאַכען. פּלוצלונג פרעגט ער איהם נאָכאַמאָל:

— וואָס מאַכסטו?

— כ׳זאָג דאָך אייך, רבי, כ׳בין ברוך-השם געזונד, פרנסה איז אויך פאַרהאַן....

געהט ווידער אַוועק אַ שמועס. אין עטליכע מינוט אַרום טהוט ער איהם ווייטער אַ פרעג:

— איז וואָס-זשע מאַכסטו?

— האָט קיין פאַראיבעל נישט, רבי, — ווערט יענער פערחידוש׳ט: — שוין דריי מאָל, ווי דער רבי פרעגט מיך די אייגענע שאלה!... איהר הערט דאָך, כ׳בין ב״ה געזונד, כ׳האָב פרנסה בשפע...

— ניין, — זאָגט רבי הערש-לייב, — דו ענטפערסט מיר אַלץ שלא ממין הטענה. איך פרעג דיך: וואָס מאַכסטו? ענטפערסטו מיר: געזונד, פרנסה!... גאַנץ שען, אָבער דאָס אַלץ מאַכט דאָך דער רבונו-של-עולם, נישט דו! זאָג מיר בעסער: וואָס דו מאַכסט? ביזטו קובע עתים לתורה? גיסטו צדקה? ווי האַלטסטו בכלל אין אידישקייט?...

„כי אם ליראה וכו׳... רבותינו דרשו מכאן: הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים". (רש"י)

אַלע מדות, וואָס ווערען פערלאַנגט פונ׳ם מענש, זענען אויך פאַרהאַן ביים אויבערשטען — אַהבה, רחמנות, סבלנות וכו׳... בלויז די מדה פון „י ר אָ ה, „יראַת-שמים", איז ביים אויבערשטען נישט שייך. און אָט דאָס איז די כונה: „הכל בידי שמים — חוץ מיראַת שמים"! ד אָ ס איז ביים רבונו-של-עולם נישט פאַרהאַן...

(תולדות יעקב-יוסף)

— אַ מאָדנע זאַך מיט די מענשען! — פלעגט זאָגען דער רבי ר׳ העניך פון אַלעקסאַנדער: — יראַת-שמים, וואָס דאָס איז דאָך ביי זיי אין די הענד, בעטען זיי ביים אויבערשטען; דאַגעגען פרנסה, וואָס דאָס גע-הערט צום אויבערשטען, רעדען זיי זיך איין, אַז עס איז „כחם ועצם ידם"!...

„מה ד׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה"... רבי ישראל סאַלאַנטער האָט אַמאָל אין אַ געשפּרעך מיט אַ געוויסען רב שטאַרק געלויבט דעם תלמיד זיינעם, רבי שמחה-זיסעל קעלעמער, אַלס גרויסען ירא־שמים און בעל־מדות. דער רב האָט דערויף בעמערקט, אַז ווען רבי שמחה וואָלט נישט אַריינגעלעגט אַזוי פיעל כחות און צייט אין לימוד־המוסר און וואָלט די צייט מעהר פערווענדעט אויף לערנען, וואָלט ער געקאָנט אויסוואַקסען אַ גדול־הדור... ענטפערט איהם דערויף דער סאַלאַנטער: דער דין איז אין שלחן-ערוך, אַז אויב מען האָט פאַר זיך צוויי חלות, איינע אַ קליינע און אַ גאַנצע און די צווייטע אַ גרויסע, נאָר נישט קיין גאַנצע, זאָל מען מאַ-כען די ברכה „המוציא" איבער דער ערשטער חלה; דערפון איז, אַלזאָ, צו זעהן, אַז גאַנצקייט איז וויכטיגער, איידער גרויסקייט!...

רבי צבי-הערש בערלינער פלעגט זאָגען: בערלין איז אַ שטאָדט, וואָס איז פול מיט יראַת-שמים — מחמת ווער עס קומט אַהער דערמיט, לאָזט ער עס דאָ איבער!...

○

ומלתם את ערלת לבבכם וערפכם לא תקשו עוד. (י טז.)

„לא תקשו עוד" — איהר וועט דאַן מעהר נישט פרעגען קיין קשיות אויפ׳ן רבונו-של-עולם!...

(רבי דוד׳ל לעלעווער)

○

את ד׳ אלקיך תירא... (י. כ.)

„את ד׳ אלקיך תירא — לרבות תלמידי־חכמים". (בבא קמא מ״א)

„לרבות תלמידי-חכמים" — אויך א תלמיד-חכם דארף מורא האבען פאר גאט...

(רבי אהרן קארלינער)

„לרבות תלמידי-חכמים"... צו רבי מענדעלע ליובאוויטשער זענען אמאל געקומען די בעלי-בתים פון א שכנות׳דיג שטעדטעל פרעגען ביי איהם א מיינונג וועגען א רב, וועלכען זיי האלטען ביי אויפנעהמען. רבי מענדעלע האט איהם זעהר געלויבט אלס גרויסען תלמיד-חכם און צדיק — און די בעלי-בתים האבען תיכף ארויסגעשיקט צו איהם א כתב-רבנות. ווי ערשטוינט איז אבער רבי מענדעלע געווארען, ווען אין א שטיקעל צייט ארום בעקומט ער א ידיעה, אז דער נייער רב, וואס ער האט דעם שטעדטעל רעקאמענ-דירט, האט דארט אויסצושטעהן גרויסע צרות — די בעלי-בתים דערגעהען איהם ממש די יאהרען!...

— איצט — זאגט רבי מענדעלע — איז ביי מיר רעכט געווארען דער מאמר: „אמר רבי עקיבא כשהייתי עם-הארץ אמרתי מי יתן לי תלמיד-חכם ואנשכנו כחמור". פארוואס האט ער עפעס געזאגט „מי יתן לי", מען זאל איהם געבען?—נאר די מעשה איז, וואס זייענדיג אנ׳עם-הארץ איז ער אליין קיין מבין נישט געווען, ווער עס איז א תלמיד-חכם, האט ער זיך דעריבער געווענדעט צו אנדערע און געבעטען: „מי יתן לי" — מען זאל איהם אנ-ווייזען, מען זאל איהם רעקאמענדירען, כדי צו זיין זיכער, אז יענער, וועל-כען ער וועט נעהמען פייניגען, איז טאקע אנ׳אמת׳ער תלמיד־חכם!...

— אמאל — פלעגט זאגען רבי יהושע׳לע קוטנער — האט יעדער עם־הארץ, וועלענדיג מקיים זיין דעם מאמר „מי יתן לי תלמיד־חכם ואנשכנו כחמור", זיך בעמיהט צו נעהמען אנ׳איידעם א בן־תורה און איהם מקצר־ימים זיין; שפעטער אבער, ווען מען האט זיך ארומגעזעהן, אז דאס איז א צו-טייערער ביסען, און וועלענדיג מקמץ זיין בהוצאות, האט מען זיך מיישב געווען און מען איז יוצא דערמיט, וואס אלע עמי־הארצים פון שטעד־טעל לעגען זיך צונויף, מען קויפט זיך בשותפות איין תלמיד־חכם — א רב — און מען פייניגט איהם!...

○

ואת כל-היקום אשר ברגליהם... (יא. ו.)

„זה ממונו של אדם שמעמידו על רגליו"... (רש"י)

דערפאַר ווערט דאָס געלד אָנגערופען מיט'ן וואָרט „יקום", פון לשון — „כאשר יקום איש על רעהו ורצחו נפש"... דאָס געלד הרג'עט אַוועק אינ'ם מענשען דאָס שענסטע און איידעלסטע איז איהם!...

(כלי יקר)

ולעבדו בכל-לבבכם ובכל-נפשכם. (יא. יג.)

דאָ שטעהט נישט „ובכל מאדכם", ווי אין דער פרשה פון „קריאת שמע": „בכל־לבבך ובכל־נפשך ובכל־מאדך"... ווייל אויפ'ן „ובכל־מאדך" ווערט גע'דרש'ענט: „לפי שיש לך אדם שממונו חביב עליו מגופו"; און אַזאַ ווילדע זאַך, אַז דאָס געלד זאָל זיין טייערער, ווי דאָס נפש, קאָן נאָר געמאָלט זיין ביי אַ יחיד, אָבער נישט ביי קיין רבים — אַ רבים איז נישט משוגע!...

(כלי יקר)

ושמתם את-דברי אלה... (יא. יח.)

„אף לאחר שתגלו היו מצוינים במצות, הניחו תפלין, עשו מזוזות, כדי שלא יהיו לכם חדשים כשתחזרו"... (רש"י)

וועגען דערדאָזיגער שטעלע אין רש"י, וועלכע איז גענומען פון ספרי, איז שוין אַ סך געשריבען געוואָרען. תפילין ומזוזות זענען דאָך חובות הגוף און נישט פון די מצוות התלויות באָרץ, טאָ וואָס איז שייך צו זאָגען אויף זיי: „שלא יהיו לכם חדשים כשתחזרו"? — נאָר ווי עס ווייזט־אויס, איז דאָ אַריינגעפאַלען אַ טעות־הדפוס: דער נוסח אין ספרי איז געווען „במצוות תו"מ". דאָס וואָרט תו"מ האָט דער מדפיס געלייענט: „תפילין ומזוזות"— און די ווערטער „הניחו" און „עשו" האָט ער מוסיף געווען מדעתו! באמת אָבער דאַרף זיין: „במצוות תרומות ומעשרות" — און אַזוי איז אויך אין מדרש איכה, אות נ"ה, אינ'ם דרש אויפ'ן פסוק „קראתי למאהבי המה רמוני".

(הכתב והקבלה)

ראה

ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה. (יא. כו.)

פאַרהאַן צוויי „היום'ס": אַ „היום" של ברכה און אַ „היום" של קללה; אַ „היום" פון „אם לא עכשיו – אימתי", און אַ „היום" פון „אכול ושתה כי מחר נמות"...

(רבי העניך מאַלעקסאַנדער)

○

את-הברכה אשר תשמעו וכו' והקללה אם-לא תשמעו וכו' וסרתם מן הדרך... (יא. כז. כח.)

„מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה" – איז דעריבער: „את־הברכה אשר תשמעו", פאַר'ן בלויזען הערען, פאַר דער בלויזער מחשבה און רצון מקיים צו זיין די מצוות... דאַגעגען „מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה" – און דעריבער: „והקללה אם־לא תשמעו... וסרתם מן הדרך" – ערשט דאַן, ווען עס וועט זיין „וסרתם", במעשה...

(פנים יפות)

דער דין איז אין שלחן-ערוך, אַז אויב מען האַלט אין מיטען שמונה-עשרה און מען הערט זאָגען קדושה, דאַרף מען זיך אָבשטעלען און אויס-הערען די קדושה אין געדאַנק, ביז זי ווערט פערענדיגט. פרעגט די וועלט: ממה-נפשך! אויב „מחשבה כדיבור דמי", און איינהערענדיג זיך אין דער קדושה איז פונקט ווי ער וואָלט געזאָגט מיט'ן מויל, הייסט ער דאָך אַ מפסיק – און אין מיטען שמונה-עשרה טאָר מען דאָך נישט מפסיק זיין? אלא „מחשבה לאו כדיבור דמי", האָט עס דאָך ווידער קיין בעדייטונג נישט, טאָ צו-וואָס זאָל ער זיך אָבשטעלען?... ענטפערט דערויף דער מעזריטשער מגיד: „מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה" – איז אַנטקעגען יוצא-זיין

די מצוה פון קדושה „מחשבה כדיבור דמי״; דאַגעגען „מחשבה רעה אין הקב״ה מצרפה למעשה״, און דעריבער איז לגבי דער עבירה פון הפסק — „מחשבה לאו כדיבור דמי״...

○

אַחרי דרך מבוא השמש... (יא. ל.)

די ברכה און די קללה, דעם שכר און דעם עונש, וועט דער מענש בעקומען פאַר זיינע מעשים ערשט שפעטער, נאָכ׳ן „מבוא השמש״, נאָך זיין זון-אונטערגאַנג, נאָך זיין אַוועקגעהן פון דער וועלט, דען — „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא״...

(כלי יקר)

○

השמר לך פן תעזוב את-הלוי... (יב. יט.)

רבי עזריה מן האדומים, דער בעל „מאור עינים״, איז אין אַ בריעף צו זיינע תלמידים זיי מעורר, אַז זיי זאָלען שטענדיג לערנען די הייליגע און קלוגע ספרים פון רבי יהודה הלוי. דידאָזיגע ווענדונג צו זיי ענדיגט ער מיט אַן׳אויסרוף: „השמר לך פן תעזוב את הלוי!״...

○

כי לא תוכל שאתו כי-ירחק ממך המקום... (יד. כד.)

וואָס מעהר דער מענש ווערט בעלאָדען מיט עשירות, אַלץ מעהר ווערט ער דערווייטערט פונ׳ם אויבערשטען!...

(אלשיך)

○

וצרת הכסף בידך... (יד. כה.)

דו זאָלסט בינדען דיין געלד און הערשען דערויף, נישט דאָס געלד זאָל דיך בינדען און איבער דיר הערשען!...

(רבי מאיר׳ל פרימישליאַנער)

○

אפס כי לא-יהיה בך אביון... (טו. ד.)

וואַרט נישט מיט דיין הילף אויף דער לעצטער מינוט, ביז יענער וועט ווערען אַן׳אביון: ווייל דאַן וועט שויז די הילף דיינע פאַר איהם קיין שום ווערט נישט האָבען!...

(תולדות יצחק)

○

ולא תקפוץ את-ידך...
כי-פתוח תפתח את-ידך... (טו. ז. ח.)

בשעת פטירתו של אדם, — זאָגען די חז״ל, — בעת דער מענש געהט אוועק פון דער וועלט, זענען זיינע הענד פונאַנדערגעעפענט, ווי וויי־זענדיג דערמיט: זעהט, איך נעהם גאָרנישט מיט מיט־זיך!... און דעריבער: „ולא תקפוץ את־ידך מאחיך האביון", האַלט נישט ביים לעבען געשלאָסען די הענד פאַר דיין אָרימען ברודער, דען — „כי־פתוח תפתח את־ידך", עס וועט דאָך קומען אַ טאָג, ווען דו וועסט בעל־כרחך מוזען עפענען די הענד... טאָ עפען זיי בעסער פריהער, ביים לעבען!

(אלשיך)

O

די מחסורו אשר יחסר לו. (טו. ח.)

„אפילו סוס לרכוב עליו ועבד לרוץ לפניו"... (רש״י)

צו רבי מנחם־מענדעל פון קאָצק איז אַמאָל געקומען אויף שבת עפעס אַ איד אין אַ ספּאָדיק, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ שטיקעל רבי, און דער קאָצקער האָט איהם במשך פונ'ם שבת'דיגען טאָג אָבגעגעבען גרויס כבוד. די חסידים, וועלכע האָבען גראָד געקענט דעמדאָזיגען איד אַלס נישט קיין גרויסען מר בר רב אַשי, האָבען זיך געוואונדערט און געפרעגט דעם קאָצקער, הלמאַי ער איז איהם אַזוי שטאַרק מכבד. דערויף האָט זיי דער קאָצקער געענטפערט: אויפ'ן פסוק „די מחסורו אשר יחסר לו" זאָגען די חז״ל: „אפילו סוס לרכוב עליו ועבד לרוץ לפניו"... איז, מילא, אַ „סוס לרכוב עליו" איז נאָך פערשטענדליך — אפשר איז דער אורח אַ חלוש און ער קאָן נישט געהן צו־פוס; אָבער צו־וואָס דאַרף מען איהם נאָך געבען אַן „עבד לרוץ לפניו"? — איז דערפון געדרונגען, אַז בשעת עס קומט צו אונז אַן־אורח אַ שוטה, מוז מען איהם אפילו זיינע נאַרישקייטען נאָכגעבען!... די גרעסטע זאַך, האָב איך געזעהן, מיט וואָס כ'קאָן דעמדאָזיגען איד מהנה זיין, איז „כבוד", וואָס ער האָט נעבעך שטאַרק ליעב, דען אַנדערש וואָלט ער דאָך קיין ספּאָדיק נישט אָנגעטהון און זיך נישט געמאַכט פאַר קיין רבי; און היות ווי ער איז מיין אורח, מוז איך עס איהם דעריבער צוליעב־טהון...

דעם בעריהמטען גאון רבי יום־טוב ליפּמאַן העלער (מחבר פון „תוספות יום טוב"), וועלכער איז געוועזען רב אין קראָקאָ, האָט מען קובר געווען נעבען פּלויט. — עס ווערט וועגען דעם דערצעהלט פאָלגענדע געשיכטע:

אין קראָקא האָט אין זיין צייט געוואוינט אַ גרויסער גביר מיט'ן נאָמען שמעון, וועלכען מען האָט גערופען „שמעון קמצן", מחמת ער האָט קיינמאָל אַנ'אָרימאַן קיין פרוטה נישט געגעבען און די גאַנצע שטאָדט פלעגט איהם דערפאַר שעלטען. אין דערזעלבער צייט זענען אין שטאָדט שטאַרק בעריהמט געווען צוויי פראָסטע אידען, איינער אַ קצב, דער צווייטער אַ בעקער, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע אָפענע הענד, טיילענדיג זעהר פיעל צדקה. ויהי היום, איז דער „שמעון קמצן" געשטאָרבען און מען האָט איהם, אַלס שטראָף און בזיון פאַר זיין קאַרגשאַפט, בעגראָבען ביים פלויט. נאָך זיין טויט האָבען פלוצים די צוויי אידען, דער קצב און דער בעקער, אויפגעהערט צו טיילען צדקה. דאָס האָט אין שטאָדט אַרויסגערופען גרויס פערוואונדערונג, די אָרימע-לייט האָבען מרעיש-עולם געווען: סטייטש, וואָס איז עס פלוצים געשעהן מיט זיי!? דער רעש איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט זיי געשיקט רופען צום רב. און דאָ, ביים רב, האָבען אָט די צוויי אידען ערקלערט, אַז די צדקה, וואָס זיי פלעגען שטענדיג געבען, איז נישט געווען פון זייער טאַש: דאָס געלד אויף צו טיילען צדקה פלעגט זיי געבען ר' שמעון, „שמעון קמצן", אונטער אַ שבועה, אַז זיי וועלען נישט אויסגעבען זיין נאָמען, מחמת ער האָט מורא געהאַט פאַר כבוד... כהיום אָבער, אַז ר' שמעון איז געשטאָרבען, האָבען זיי מעהר נישט פונוואַנען צו טיילען!... דידאָזיגע ערקלערונג האָט אויפ'ן בעל „תוספות יום טוב" אַ שטאַרקען רושם געמאַכט—און נאָך זיין פטירה האָט מען געפונען איינגעשריבען אין זיין צוואה, אַז ער פערלאַנגט, מען זאָל איהם קובר זיין ביים פלויט, נעבען קבר פון „שמעון קמצן"!... און זיין פערלאַנג איז ערפילט געוואָרען.

(אמונת התחיה)

O

ורעה עינך באחיך האביון וכו'... (טו. ט.)

אויב דו וועסט קוקען מיט קרומע אויגען אויפ'ן אָרימאַן און זוכען אין איהם חסרונות און חטאים אַלס תירוץ אויף נישט צו געבען, „וקרא עליך אל ד' והיה בך חטא", וועט דאַן השי"ת אויך דיך נעהמען שטרענג קאָנטראָלירען און ער וועט ביי דיר פיעל גרעסערע חטאים געפינען!...

(רבי שמעלקי מניקעלשבורג)

„ישראל קדושים הם, יש רוצה ואין לו ויש שיש לו ואינו רוצה". (חולין ז.)

פרעגט מען: וואָס פאַר אַ קדוש איז עס אַזאַ איינער, וועלכער איז אַ „יש לו ואינו רוצה"!? — נאָר דער פשט איז: בשעת מען קומט נאָך אַ

נדבה צו איינעם, וועלכער קאָן געבען און וויל נישט, ווערט ער פלוצים אַ „קדוש", אַ „צדיק", און ער הויבט-אָן בודק זיין די ציצית ביים מקבל, זוכענ-דיג חסרונות אין זיין פרומקייט און אידישקייט!...

(רבי מרדכי באַנעט)

„אַשרי משכיל אל דל"... (תהלים מ"א ב.)

בשעת עס קומט צו דיר אַן אָרימאַן, לעג דאַמאָלס אַוועק דאָס פרומ-קייט אָן אַ זייט, זיי אינ'ם דאָזיגען מאָמענט אַ „מ ש כ י ל", וועלכער איז נישט מדקדק אין יענעמס פרומקייט און יראַת-שמים...

(רבי אלעזר פלעקעלס)

O

נתון תתן לו ולא-ירע לבבך... (טו. י.)

„נתון תתן לו — אַפילו מאה פעמים"... (רש"י)

אויב דו ווערסט זיך צוגעוואוינען צו געבען אַ סך, וועט דאַן ממילא זיין „ולא ירע לבבך בתתך לו", דען „הרגל נעשה טבע"...

(לוח ארז)

O

ולא-ירע לבבך בתתך לו... (טו. י.)

„ולא ירע לבבך", דו זאָלסט נישט קרעכצען און זיפצען און אָנהויבען צו דערצעהלען וועגען דיינע שלעכטע געשעפטען גראַד דאַמאָלס „בתתך לו", בעת מען פערלאַנגט פון דיר צו געבען אַ נדבה!...

(עולת חדש)

און דאָס איז אויך דער פשט: „אני ראשון ואני אַחרון" (ישעיה מ"ד ו'): „א נ י ר א ש ו ן" — בשעת עס הויבט דיר אָן צו געהן שלעכט, בין א י ך דער ע ר ש ט ע ר צו דער רעדוקציע, דאָס ערשטע הויבט מען אָן מקמץ זיין און מאַכען עקאָנאָמיע אין די גייסטיגע בעדערפנישען, אין צדקה ומעשים טובים!... „ו א נ י אַ ח ר ו ן" — פערקעהרט דאָגעגען, ווען עס הויבט דיר אָן צו געהן גוט, דאַן בין א י ך דער ל ע צ ט ע ר צו געניסען דערפון!...

(ילקוט סופר)

O

ולא-ירע לבבך... כי בגלל הדבר הזה יברכך ד'... (טו. י.)

געבענשט ווערסטו ווערען נישט פאַר דער מצוה גופא, דען „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא", נאָר „ב ג ל ל ה ד ב ר ה ז ה", בלויז פאַר דער איי-בער זאַך, פאַר'ן „ו ל א - י ר ע ל ב ב ך", פאַר דער שמחה של מצוה...

(כתב סופר)

O

כי לא יחדל אביון מקרב הארץ... (טו. יא.)

און פריהער שטעהט: „אפס כי לא יהיה בך אביון"!... נאָר אמת הדבר, — זאָגט אונז די תורה, — אַז „כי לא יחדל אביון מקרב האָרץ"; דער־פון איז נאָך אָבער נישט געדרונגען, אַז אויף דיר ליעגט די „מצוה" מיט־צווירקען, עס זאָלען זיין וואָס מעהר אָרימעלייט אויף דער וועלט!... „אפס כי לא יהיה־בך אביון" — זאָל עס נאָר נישט זיין „בך", דורך דיר; זיי דו נאָר נישט, פון דיין זייט, דער גורם דערצו!...

(המדרש והמעשה)

○

והיית אך שמח. (טז. טו.)

„מכאן לרבות לילי יו"ט האחרון לשמחה"... (רש"י)

אין ערשטען טאָג סוכות זענען פאַרהאַן דריי מצוות: סוכה, אתרוג און שמחה („ושמחת בחגך"); אין די איבעריגע טעג — נאָר צוויי מצוות: סוכה און שמחה (דען די מצוה פון אתרוג איז מדאורייתא בלויז אינ'ם ערשטען טאָג — „ולקחתם לכם ביום הראשון"); דאַגעגען שמיני־עצרת בלייבט נישט מעהר ווי איין מצוה: שמחה — „והיית אך שמח"!...

(חתם־סופר)

שופטים

שופטים ושוטרים תתן-לך... ושפטו את-העם... (טז. יח.)

פריהער זאלסטו, דו שופט און דיין, זיך אליין משפט'ן, קודם-כל זאלסטו זיך זעלבסט אויפפיהרען ווי געהעריג — און דאן ערשט קאנסטו זיין ראוי צום „ושפטו את העם"!...

(כלי יקר)

„תתן-לך"... אזעלכע שופטים, וועלכע זאלען זיין גרייט, אויב עס וועט אויסקומען, אויך דיך, דעם מנהיג, צו משפט'ן; וועלכע זאלען קיינעם נישט חנפ'ענען און נושא-פנים זיין. בלויז מיט אזעלכע קאן מען זיין זיכער, אז — „ושפטו את־העם משפט צדק..."

(הנ"ל)

„שופטים ושוטרים תתן-לך — לך ולא לאומות העולם". (מדרש רבה)

אמאל, אז א קהלה האט אויפגענומען א נייעם רב, האט זי דער עיקר אכט געלעגט אויף זיין אידישקייט, ער זאל זיין א גרויסער למדן, א ירא-שמים, א בעל-מדות; היינט אבער, ביים אויפנעהמען א רב, האט מען קודם-כל אין זינען, ער זאל אויסנעהמען ביי די גוים, קענען שפראכען, האבען א טאלאנט צו רעדען, בעזיצען פיינע מאניערען...

זאגט דעריבער דער מדרש: „שופטים ושוטרים תתן לך — ולא לאומות העולם", א שופט און דיין זאלסטו נעהמען פאר אידען, נישט פאר גוים!...

(רבי נפתלי סופר)

O

ושפטו את-העם משפט-צדק. (טז. יח.)

שופטים, וועלכע זאלען זיך אויסצייכענען מיט דער מדה פון „צדק" און רחמנות, וועלכע זאלען דן-זיין יעדען איד לכף-זכות!...

(קדושת לוי)

„ושפטו את־העם משפט־צדק"... צום וואַרשאָווער רב, רבי בעריש מייזעלש, איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ איד מיט אַ געוויין:

— רבי, ראַטעוועט מיך, כ׳בין אומגליקליך!

— זיצט, ר׳ איד, -- בערוהיגט איהם דער רב. — דערצעהלט, וואָס איז געשעהען?

דערצעהלט דער איד אַזאַ מעשה:

— כ׳בין אַ פּראָווינצער איד, אַ סוחר, געקומען אַהער קיין וואַרשא איינהאַנדלען אַ ביסעל סחורה. היות כ׳בין אָנגעקומען ערב-שבת און געהאַט ביי זיך פינף טויזענד רובל, האָב איך מורא געהאַט איינצושטעהן אין אַנ׳-אַכסניא און בין פערפאָהרען צו מיינס אַ בעקאַנטען, אַנ׳אָנגעזעהענער וואַר-שאָווער בעל-הבית, און פאַר ליכט-בענשען האָב איך איהם געגעבען צו בע-האַלטען די פינף טויזענד רובל איבער שבת. זונטאָג אינדערפריה בעט איך ביי איהם דאָס געלד, קוקט ער מיך אָן כלומר׳שט תמ׳עוואַטע און ענטפערט: להד"ם! הויב איך דאָך אָן צו שרייען: ס׳טייטש, פרייטאָג פאַרנאַכט האָב איך דאָך אַליין אין אייערע הענד אַריין ס׳געלד געגעבען?! ער אָבער קוועטשט מיט די פּלייצעס און האַלט זיך ביי ס׳זייניגע: ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגען!... וואָס-זשע טהוט מען, רבי? ראַטעוועט מיך! פרעמד געלד...

דער רב בערוהיגט איהם, הייסט איהם אַריינגעהן אינ׳ם זייטיגען צימער און שיקט רופען דעם וואַרשאָווער בעל-הבית, אַז ער דאַרף איהם מכלומר׳שט האָבען וועגען אַ שטאָדטישען ענין. יענער איז געקומען און דער רב האָט איהם געבעטען זיצען און פערפיהרט מיט איהם אַ שמועס וועגען זייטיגע, קהל׳ישע ענינים — און דאַן האָט ער אַ וואונק געטהון צום משמש, און יענער האָט געעפענט די טהיר פונ׳ם זייטיגען צימער... און אַז דער פרעמדער איד האָט דערזעהן דעם בעל-דבר זיינעם, האָט ער אָנ-געהויבען שרייען:

— רבי, אָט דאָס איז ער! זאָל ער מיר אָבגעבען מיינע פינף טוי-זענד רובל!

— איהר קענט דעם איד? — פרעגט דער רב ביים וואַרשאָווער בעל-הבית.

— יאָ, — ענטפערט ער פלעגמאַטיש, — כ׳קען איהם, ער האָט ביי מיר געהאַלטען שבת, געגעסען, געטרונקען, איצט האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו מיר, אַז כ׳האָב זיינע פינף טויזענד רובל! נישט אַנדערש, דער איד איז געבעך נישט ביי די ריינע געדאַנקען!...

— געוואַלד! — רייסט איהם איבער דער איד. — איהר האָט דאָך ביי

מיר אַליין גענומען דאָס געלד פרייטאָג פאַר ליכט-בענשען און נאָך איבער-געצעהלט פאַר מיר אין די אויגען! ווי האָט עס אַ איד אַ האַרץ צו טהון אַזאַ נבלה?

— איהר זעהט דאָך — רופט-זיך-אָן דער רב צום וואַרשאָווער בעל-הבית — אַז דער איד וועט זיך פון אייך נישט אָבבינדען... גיט איהם עט-ליכע רובל און ווערט פון איהם פטור!

— מילא — מאַכט ער — אַז איהר, רבי, הייסט, פאָלג איך. כ'בין גרייט צו געבען איהם פינף-און-צוואַנציג רובל, אַבי ער זאָל זיך פון מיר אָבטשעפּען.

דער פרעמדער איד רייסט זיך די האָר פון קאָפּ:

— וואָס גיט ער מיר? — שרייט ער. — אויף אַ שטריק זיך אויפ-צוהענגען?!...

— גיט איהם נאָך אַ פּאָר רובל, — עצה'ט איהם דער רב.

— כ'פאָלג אייך, רבי, כ'גיב איהם פופציג רובל — און אַ סוף זאָל עס נעהמען!

דער פרעמדער איד הערט אָבער נישט אויף צו שרייען און צו גע-וואַלדעווען...

— איהר זעהט דאָך — זאָגט דער רב צום בעל-הבית — אַז איר זענט אַריינגעפאַלען, מיט אַ קליינינקייט וועט איהר דאָ נישט פטור ווערען, טאָ הערט מיין עצה און גיט איהם הונדערט רובל.

— כ'טהו אייך צוליעב, רבי, — איז דער בעל-הבית גלייך מסכים: — כ'גיב דעם פגע-רע הונדערט רובל, און אַ סוף, אַנ'עק!

דער פרעמדער איד וויל אָבער נישט הערען.

— ס'איז אייך נאָך ווייניג? — בייזערט זיך מכלומר'שט דער רב אויף איהם: — הונדערט רובל איז אַ גאַנץ שענע נדבה!

— כ'וויל נישט קיין נדבות! — צעוויינט זיך ווייטער דער איד. — כ'וויל מיין געלד!

— ווייסט איהר וואָס, — זאָגט דער רב צום בעל-הבית, — פּרובט נאָך דאָס איינע מאָל. גיט איהם פינף הונדערט רובל...

— אַז איהר הייסט, רבי, גיב איך... — איז מסכים דער וואַרשאָווער בעל-הבית און נעהמט זיך צו דער קעשענע.

דאָ האָט זיך דער רב אויפגעשטעלט און אַ געשריי געטהון אויף איהם:

— דו יונגאַטש! דו עוכר-ישראל! איצט ווייס איך אויף-קלאָר, אַז דו האָסט דעם איד בעראַבעוועט... איך קען דאָך דיך, איך ווייס דאָך, אַז דו

ביזט נישט אַזאַ פּזרן; כ'האָב ביי דיר אַנומעלט געבעטען צעהן רובל אַ נדבה, האָסטו נישט געגעבען, און איצט גיסטו מיט אַזאַ גרינגער האַנד פינף הונדערט רובל !?.. אָט נעהם איך און בין תיכף מודיע דער פּאָליציי... שוין זאָלסטו אָוועקגעבען דעם איד זיינע פינף טויזענד רובל !...

דער וואַרשאָווער בעל־הבית איז נעבעך געבליבען שטעהן אָהן לשון — און תיכף־ומיד האָט דער פרעמדער איד צוריק בעקומען זיין געלד...

ס

לא תטה משפט לא תכיר פנים ולא תקח שוחד... (טז. יט.)

דידאָזיגע ווערטער זענען געווענדעט צו די קהל'ישע מנהיגים, צו די, וועלכע האָבען די דעה ביים אויפנעהמען אַ דַיָן אין שטאָדט. צו זיי ווערט געזאָגט: „לא תטה משפט" — זאָלסט נישט אויסנוצען דערביי קיין זייטיגע, פּערזענליכע פניות, וועלענדיג בעזאָרגען מיט אַ פּאָסטען דיינעם אַ לייבליכען קרוב, אָדער אַ גוטען־פריינד ! „לא תכיר פנים" — ביים אויפנעהמען אַ דַיָן זאָל נישט דעצידירען ביי דיר זיין אויסערליך אויסזעהן, וואָס ער איז אַ שענער איד מיט אַ הדרת־פנים !... „ולא תקח שוחד" — דו זאָלסט נישט אויפנעהמען קיין דַיָן מיט דער הילף פון געלד, פון שוחד !...

(אדרת אליהו)

ס

ולא תקח שוחד כי השוחד יעור עיני חכמים... (טז. יט.)

און אין פ' משפטים שטעהט: „יעור פקחים". „חכמים" מיינט מען — אין תורה; „פקחים" — אין וועלט־זאַכען. אַ דַיָן דאַרף זיין בעהאָווענט סיי אין אידישע, סיי אין וועלטליכע ענינים...

(ווילנער גאון)

„ולא תקח שוחד"... בעת דער רבי ר' העשעל איז געווען רב אין קראָקא, האָבען אַמאָל צוויי גבירים געהאַט פאַר איהם אַ דין־תורה. דער סכסוך איז געגאַנגען אין שווערע אלפים. האָט זיך איינער פון די צוויי מקדים געווען, איז אַריין צום רב און האָט איהם געבעטען:

— היות, רבי, כ'האָב ביי אייך די טעג אַ דין־תורה, בעט איך אייך, איהר זאָלט זעהן, כ'זאָל נישט בע'עוול'ט ווערען...

און אַזוי רעדענדיג, נעהמט ער אַרויס הונדערט רענדלעך און לעגט אָוועק פאַר'ן רב, וועלכער נעהמט־צו דאָס געלד און הייסט דעם בעל־דין קומען מאָרגען.

ווי דער בעל-דין איז אַרויס, רופט ר' העשעל אַריין די רבי'צין און הייסט, זי זאָל צוגרייטען אויף ביינאַכט אַ גרויסע סעודה — און תיכף שיקט ער פערבעטען צו דער סעודה אַלע זיינע קינדער, די זיהן מיט די איידעמס.

ביי דער סעודה, בעת דער גאַנצער עולם איז געזעסען אַרום טיש, מ'האָט געגעסען, געטרונקען און געלאָזט זיך וואוילגעהן, נעהמט רבי העשעל אַרויס פון קעשענע די הונדערט רענדלעך, האַלט זיי אין האַנד, צעהלט-איבער איין מאָל, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל. דער עולם אַרום טיש קוקט און חידוש'ט זיך... רבי העשעל האַלט נאָך אַלץ אין איין צעהלען דאָס געלד, לעגט עס פון איין האַנד אין דער צווייטער, און דאַן ווענדעט ער זיך צום עולם און זאָגט:

— איר ווייסט, קינדערלעך, וואָס דאָס איז? — דאָס איז שוחד-געלד. איהר האָט שוין אַמאָל געזעהן, ווי אַזוי שוחד-געלד זעהט-אויס? קוקט-זיך-צו נעהענטער... אָט דאָס איז עס... טאַקע אמת'ע שוחד-געלד... און שוחד טאָר מען נישט נעהמען! מען טאָר נישט! — האָט ער זיך צושריען אויפ'ן קול און געקלאַפּט מיט די פויסטען אין טיש. — איהר הערט? מען טאָר נישט! „ולא תקח שוחד!"... כ'האָב אַייך טאַקע בפיוון גערופען, איהר זאָלט מיט אַייערע אויגען זעהן, ווי-אַזוי עס זעהט-אויס שוחד-געלד, און אַנטלויפען דערפון, ווי פון פייער!...

און תיכף האָט ער געשיקט רופען דעם בעל-דין, צוגעשליידערט איהם די הונדערט רענדלעך און איהם גוט אויסגעזידעלט...

„כי השוחד יעור עיני חכמים"... אין לעמבערג איז געווען אַ דיין, אויף וועלכען מען האָט געמורמעלט, אַז ער האָט נישט קיין „ריינע הענד"; דערביי אָבער פלעגט ער אַרויסווייזען גרויס פרומקייט ביים דאַווענען, און ביי „שמע ישראל" פלעגט ער מאריך זיין און לאַנג ציהען דאָס וואָרט „אחד"...

בעת מען האָט עס דערצעהלט דעם לעמבערגער רב, רבי יעקב אָרנשטיין, האָט ער געענטפערט, אַז דיביידע זאַכען האָבען צווישען זיך אַ גאַנץ פערשטענדליכע שייכות. די גמרא זאָגט: „כל הדן דין אמת לאמתו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית" — נו, איז היות ווי דערדאָזיגער דיין איז נישט מדקדק דערויף, האַלט ער דעריבער אין איין שרייען: „ג-ט אחד!", אַז ער איז, חלילה, קיין שום שותף נישט צום אויבערשטען...

○

צדק צדק תרדוף... (טז. כ.)

אויך אויף צו דערגרייכען דעם „צדק" דאַרף מען קעמפען מיט צדק, מיט עהרליכע און כשר'ע מיטלען...

(רבי בונם מפשיסכע)

o

לא תטע לך אשרה... ולא תקים לך מצבה... (טז. כא. כב.)

„אזהרה לממנה דין שאינו הגון". (סנהדרין)

פאַרהאַן אַזעלכע רבנים, וועלכע זענען בבחינת „מצבה", ווי אַ שטיין, וועלכע ריהרען זיך נישט פון אָרט און מישען זיך נישט אין קיין שום זאַך, וואָס איז נוגע דעם כלל; עס אינטערעסירט זיי גאָרנישט! און ווידער זענען פאַרהאַן רבנים, וועלכע זענען בבחינת „אשרה"-שאָקלען זיך, ווי אַ בוים, אויף אַלע זייטען, חנפ'ענען היינט דעם און מאָרגען יענעם צד, וואו דער ווינד בלאָזט!...ביידע טויגען נישט: דער אמת'ער רב דאַרף זיך אינ-טערעסירען און בעטייליגען אין אַלע כלל-ענינים און האָבען דערביי זיין קלאָרע, פעסטע מיינונג...

(אוצר החיים)

o

והגד-לך ושמעת ודרשת היטב וכו'... (יז. ד.)

„והוגד לך", אויב עס זאָגט דיר ווער אַ גוט וואָרט, אַ דבר-תורה, „ושמעת", און דו הערסט עס אויס, „ודרשת היטב", און נאָכדעם נעהמסטו עס דרש'ענען ברבים אין דיין נאָמען, אָבוואָהל „והנה אמת נכון הדבר", דו האָסט נאָכגעזאָגט די זאַך ריכטיג, אַזוי ווי דו האָסט עס געהערט, — דאָך „נעשתה התועבה הזאת בישראל", איז עס עקעלהאַפט, ס'איז מיאוס נאָכ-צוזאָגען פרעמדע זאַכען נישט בשם אומרם!..

(רבי יוסף תאומים בעל פרי-מגדים)

o

כי יפלא ממך דבר למשפט... (יז. ח.)

אויב דו וועסט זיך וואונדערן און זוכען אַנ'ענטפער אויף דער פראַ-גע פון „בין דם לדם", הלמאַי אידיש בלוט איז אַזוי ביליג און הפקר, „בין דין לדין ובין נגע לנגע", הלמאַי אידען ליידען פון אַזוי פיעל שווערע דינים און גזירות און פערשידענע נגעים, — זאָלסטו וויסען, אַז דאָס אַלץ

נעהמט זיך פון „דברי ריבות בשעריך”, פון די אונאויפהערליכע מחלוקת און שנאת-חנם, וואָס הערשט ביי אידען, און דאָס ברענגט צו אַלע צרות.

(רבי מרדכי באָנעט)

○

הזרוע והלחיים והקבה... (יח. ג.)

בעת דער מלבי"ם איז אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין בוקאַרעשט, האָט ער אין זיין ערשטער שבת'דיגער דרשה געזאָגט צום עולם: רבותי! בשעת דאָס בית-המקדש האָט עקזיסטירט, האָט דער כהן גענומען פון אידען דריי מתנות: „הזרוע והלחיים והקבה"... אין די היינטיגע צייטען איז דער רב בבחינת כהן: „ובאת אל הכהן ואל השופט אשר יהיה בימיך"... פערלאַנג איך דעריבער אויך פון אייך דידאָזיגע דריי מתנות: ערשטענס — „הזרוע", דעם אָרעם, אויף וועלכען איהר זאָלט יעדען טאָג לעגען תפילין; צווייטענס — „הלחיים", די באַקען: איהר זאָלט נישט גאָלען די בערד; דריטענס — „הקבה", דעם מאָגען: איהר זאָלט נישט עסען קיין טרפות!...

תמים תהיה עם ד' אלקיך. (יח. יג.)

זאָלסט זיין עהרליך אַפילו דאַן, ווען דו ביזט בלויז „עם ד' אלקיך", ווען קיינער זעהט נישט...

(אלשיך)

„תמים תהיה עם ד' אלקיך" — אינגאַנצען זאָלסטו זיין מיט גאָט: נישט אַמאָל דיענען גאָט, און אַמאָל — זיך!...

(רבי מנחם-מענדעל מקאָצק)

„תמים תהיה עם ד' אלקיך"... דען געוועהנליך טרעפט עס זעלטען, אַז ביידע זאַכען זאָלען זיין צוזאַמען גאַנץ: עפ"י-רוב איז אָדער דו ביזט „גאַנץ", אָדער דאָס אידישקייט איז „גאַנץ". אויב דו ביזט „גאַנץ" און עס פעהלט דיר גאָרנישט, דאַן איז דאָס אידישקייט צובראָכען און הינקט-אונטער; אויב ווידער דאָס אידישקייט איז „גאַנץ", איז אַ סימן, אַז דו ביזט מסתמא צובראָכען, און בשעת אַ מענשען געהט שלעכט, איז ער פרום... און דעריבער „תמים תהיה עם ד' אלקיך!"—עס זאָל הערשען אַ דאָפּעלטע שלמות, אַז אויך דאַן, ווען דו ביזט „גאַנץ" און מיט אַלעמען פערזאָרגט, זאָלסטו זיין צוזאַמען מיט גאָט!

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

כידוע, איז רבי נפתלי ראָפּשיצער געווען אַ גרויסער וויצלינג, אַ שאַרפער ווערטעל־זאָגער. האָט איהם איינמאָל דער רבי פון לובלין, דער „חוזה", פאַרגעהאַלטען, הלמאַי ער חכמה'ט זיך שטענדיג און זאָגט גלייכ־ווערטלעך.

— עס שטעהט דאָך — זאָגט צו איהם דער „חוזה" — „תמים תהיה עם ד' אלקיך", און נישט „חכם תהיה"... איז דאָך דערפון געדרונגען, אַז תמימות איז העכער פון חכמה!

— יאָ, רבי, — ענטפערט איהם ר' נפתלי, — מען דאַרף אָבער האָבען גרויס חכמה, כדי צו קענען זיין אַ תמים מיט'ן רבונו־של־עולם!...

(שיח שרפי־קדש)

ואתה לא כן נתן לך ד' אלקיך. (יח. יד.)

דיר האָט גאָט געגעבען אַ „לא כן", אַ „מען טאָר נישט"!...

(רבי בונם מפשיסכע)

„ואתה לא כן נתן לך ד' אלקיך"... די אידען זענען געבענשט געוואָרען מיט דער מדה פון „לא כן": וואָס איין איד זאָגט — זאָגט דער צווייטער פערקעהרט: „לא כן!"...

(דרשות אל עמי)

שלש ערים תבדיל לך... (יט. ב.)

דערויף זאָגט דער בעל־הטורים: „שלש ערים — לומר שחזקות היו וערי מבצר"...

אַ פּלאָ! די גמרא זאָגט דאָך בפירוש (מכות י'; ערכין ל"ג): „ערים הללו אין עושין אותן לא טירין קטנים ולא כרכים גדולים"!...

(כנסת הגדולה)

ואם־ירחיב ד' אלקיך את־גבולך וכו'... ויספת לך עוד שלש ערים... (יט. ח. ט.)

„שלש שבעבר־הירדן ושלש שבארץ־כנען ושלש לעתיד לבוא"... (רש"י)

איז דאָך עס אונפערשטענדליך: לעתיד לבוא, אין דער צייט, ווען געולה וועט קומען צו אונז, אַז עס וועט הערשען אַן אייביגער שלום צווישען אַלע מענשען און אַפילו צווישען אַלע בעשעפענישען, אַז עס וועט זיין „וגר

זאב עם כבש״ — דאַמאָלס וועט מען גאָר דאַרפען פערגרעסערן די צאָהל „ערי-מקלט״ און צובויען פרישע דריי שטעדט פאַר רוצחים? — היתכן!?...

(אמרי אמת)

○

ומי-האיש אשר ארש אשה ולא לקחה ילך וישב לביתו... (כ. ז.)

דען מיט צוויי זאַכען שטראָפט מען נישט: געגוג פאַר איהם די מלחמה, וואָס ער וועט דאַרפען פיהרען ביי זיך אין הויז!...

(רבי משה פּאָלאַק. בדרך-הלצה)

○

מי-האיש הירא ורך הלבב ילך וישב לביתו... (כ. ח.)

„רבי יוסי הגלילי אומר הירא מעבירות שבידו״... (רש״י)

די ערגסטע זאַך איז „הירא מעבירות שבידו״ — די עצבות, אין וועלכער דער מענש פאַלט אַריין נאָך דער עבירה... בשעת דער יצר-הרע רעדט-אָן דעם מענשען צום זינדיגען, איז ער נישט אויסען אַזוי די זינד, ווי די שפּעטערדיגע עצבות נאָך דער זינד, וואָס איז פיעל האַרבער, ווי די האַרבסטע עבירה...

(רבי נחמן בראַצלאַווער)

○

ועל-פיהם יהיה כל-ריב וכל-נגע. (כא. ה.)

„ועל-פיהם״, צוליב זיי און וועגען זיי, „יהיה כל-ריב וכל-נגע״ — ס׳רוב מחלוקת און קריגערייען אין די אידישע שטעדטלעך שפּילען-זיך-אָב צוליב און אַרום די „כלי-קדש״...

(רבי משה-נחום ירושלימסקי)

———

אויב די מנהיגי-הדור זענען זוכה און זיי פערדיענען דערויף, דאַן איז — „תלמידי-חכמים מרבים שלום בעולם״; אויב אָבער נישט, דאַן איז פערקעהרט — „ועל-פיהם יהיה כל-ריב וכל-נגע״...

(חתם-סופר)

———

„תלמידי-חכמים מרבים שלום בעולם״ — פלעגט זאָגען רבי יונתן אייבעשיץ — איז דער טייטש: די תלמידי-חכמים זענען אָפט גורם, אַז די גרעסטע געגנער זאָלען זיך די הענד דערלאַנגען און שלום שליסען, בכדי געמיינזאַם צו רודפ׳ן דעם תלמיד-חכם און מיט פעראייניגטע כחות צו פיהרען די מחלוקת געגען רב...

(אהבת יונתן)

———

איידער רבי יאָסעלע סלאָנימער איז געוואָרען רב, האָט ער געגעסען קעסט ביי זיין שווער, רבי אייזיל חריף.

— הער-זיך-איין, יאָשע, — זאָגט צו איהם איינמאָל רבי אייזיל: — כ׳וואָלט וועלען וויסען, ווער פון אונז ביידע איז סלאָנימער רב: איך, צי דו? אַז שאלות פסק׳ענען מיר ביידע נישט — אויף דעם איז דאָ דער מורה-הוראָה, ר׳ פייטעל; ביי אַ דין-תורה זיצען מיר ביידע; פון די שכירות לעבען מיר ביידע... טאָר ווער פון אונז איז פאָרט רב?

— דאָס קאָן מען זיך לייכט דערוויסען — שמייכעלט ר׳ יאָסעלע: — מען דאַרף בלויז אַרויסגעהן אין שטאָדט און זיך אונטערהערען, ועמען פון אונז מען בערעדט — דער איז רב!...

כי־תצא

כי-תצא למלחמה על-אויביך... (כא. י.)

עס שטעהט נישט „כי-תצאו", נאָר „כי-תצא", בלשון יחיד: דען מנצח זיין דעם שונא איז מעגליך נאָר דאַן, ווען עס הערשט אחדות, ווען דאָס גאַנצע פאָלק איז פעראייניגט, ווי איין מענש!...

(שושנת אברהם)

○

וראית בשביה אשת יפת-תאר... ולקחת לך לאשה. (כא. יא.)

„לא דברה תורה אלא כנגד יצר-הרע"... (רש"י)

דאָס, וואָס די תורה האָט אין דער מלחמה מתיר געמאַכט אַ „אשת יפת־תואר", איז „כנגד יצר־הרע" — איז עס צוליב דעם, כדי דער יצר-הרע זאָל דאַן זיין גענגען: דען דער יצר-הרע מאַכט דעם מענש גלוסטען נאָר צו אַזאַ זאַך, וואָס מען טאָר נישט; קוים אָבער מעג מען עס — וויל ער שוין נישט...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

„לא דברה תורה אלא כנגד יצר־הרע". די ווערטער „לא" און „אלא" זעהען דאָ אויס צו זיין איבריג; עס וואָלט דאָך גענוג געווען זיך אויסצודריקען קורץ: „דברה תורה כנגד יצר-הרע"? — נאָר צווישען די אויסגערעכענטע מעלות פון פרויען ווערט געזאָגט: „שהן מגדלות את בנינו ומצילות אותנו מן החטא" (יבמות), זיי ערציהען אונזערע קינדער און זיי פערהיטען אונז פון זינד; וועגען דער „אשת יפת-תואר" ווידער ווערט געזאָגט, אַז דער סוף וועט זיין, דאָס עס וועט אַרויסקומען פון איהר אַ „בן סורר ומורה". אויף איהר קאָן מען שוין, אַלזאָ, נישט זאָגען דעם שבח: „שהן מגדלות את בנינו" — און עס בלייבט בלויז איבער דער „מצילות אותנו מן החטא"...

און אָט דאָס איז דער זין: „לא דברה תורה אלא כנגד יצר-הרע" — דידאָ-זיגע „אשת יפת-תואר" איז בלויז אַ פּעולה געגען יצר-הרע, כדי מציל צו זיין מן החטא; דאַגעגען דעם „שהן מגדלות את בניכו" — צו האָבען פון איהר גוטע קינדער — דאָס קאָן מען פון איהר נישט ערוואַרטען!...

(פרח לבנון)

○

והיה ביום הנחילו את-בניו... (כא. טז.)

„והיה ביום הנחילו את-בניו" — וועלכעס פערמעגען האָט אַ קיום און געהט איבער בירושה צו די קינדער? — „את אשר-יהיה לו", דאָס, וואָס ער אַליין האָט אויסגעאַרבייט און ערוואָרבען ביגיע-כפיו; דאַגעגען קאַפּיטאַל, וואָס ווערט אָנגעזאַמעלט דורך נישט-עהרליכע מיטלען, דערויף ווערט געזאָגט: „עושה עושר ולא במשפט — בחצי ימיו יעזבנו"...

(כלי חמדה)

○

איננו שומע בקול אביו ובקול אמו... (כא. יח.)

„שיהא קולם שוה"... (סנהדרין)

אויב די עלטערן גלייכען זיך נישט אויס אין די מיינונגען און עס הערשט נישט צווישען זיי קיין שלום-בית, דאַן איז עס נישט די שולד פון זוהן, אויב ער וואַקסט-אויס אַ „בן סורר ומורה" — פון אַזאַ הויז קאָן מען קיין בעסערע קינדער נישט ערוואַרטען!...

(עוללות אפרים)

אויף אַנ'אַנדער אופן:

צווישען די עלטערן דאַרף הערשען אַנ'איינשטימיגע מיינונג בנוגע דער ערציהונג פון זייערע קינדער. ווען אָבער יעדער פון זיי שלעפּט דאָס קינד אין אַנ'אַנדער זייט, דער פאָטער שרייט: אַ איד זאָל ער זיין! און די מוטער: אַ מענש זאָל ער זיין! דער פאָטער פערלאַנגט וואָס מעהר קודש, און די מוטער — וואָס מעהר חול... דאַן איז נישט דאָס קינד שולדיג, אויב עס וואַקסט פון איהם אויס סוף-כל-סוף אַ „בן סורר ומורה"; פעראַנטוואָרטליך זענען די עלטערן!...

(מגד-ירחים)

○

לא-יבא פצוע-דכה וכרות שפכה בקהל ד'. (כג. ב.)

דער טעם, פאַרוואָס מ'האָט אויף דידאָזיגע בעלי-מום אַרויפגעלעגט אַזאַ שווערען איסור, אַז מען זאָל נישט טאָרען מיט זיי הייראַטען, איז פשוט

דערפאַר, ווייל זייענדיג אונפעהיג קינדער צו האָבען, וועלען זיי ברענגען דערצו, אַז זייערע פרויען זאָלען זינדיגען מיט אַנדערע...

(אלשיך)

○

לא יבא ממזר בקהל ד׳... (כג. ג.)

פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז „ממזר" איז דער נאָמען פון אַ פאָלק (פונקט ווי „לא יבא עמוני ומואבי"). אַ בעוויז: „וישב ממזר באַשדוד" (זכריה ט׳)...

(אבן־עזרא)

„רוב ממזרים — פקחין" (דאָס רוב ממזרים זענען קלוג)... (ירושלמי קידושין פ"ד, י"א). ווייל — ערקלערט דערויף דער „נחלת־יעקב" — זיי זע־נען געראָטען אין די טאַטעס, די בעלי־עָרמה, וועלכע זענען פעהיג איבער־צורעדען פרעמדע פרויען און צו פערבאָרגען זייערע מעשים פון זייטיגע מענשען...

„כסף מטהר ממזרים"... (קידושין ע"א)

די כונה דערפון איז: וועגען אַנ׳עזות־פנים דריקען־זיך־אויס די חז"ל: „מדחציף כולי האי – שמע מינה ממזר הוא". ווי איז אָבער, אַז דער עזות־פנים איז גראָד אַנ׳עושר? איז מען דאָן תולה, אַז די חוצפה זיינע נעהמט זיך צוליב׳ן עשירות, ווייל — „עשיר יענה עזות"... קומט דאָך ממילא אויס, אַז — „כסף מטהר ממזרים"!...

(רבי העשעל אַפּטער)

בשעת רבי אַייזיל איז געווען רב אין סלאָנים, האָט זיך דאָרט אַמאָל אַרויפגעכאַפּט אויפ׳ן בענקעל אַלס ראש־הקהל אַ פּראָסטער מענש און דערצו אַ גרויסער מחוצף, פון וועלכען די שטאָדט האָט שטאַרק געליטען. איינמאָל האָט ער אויך גראָב בעליידיגט דעם רב; האָט זיך רבי אַייזיל אָוועקגעזעצט און איהם דערצעהלט אַ מעשה:

— צום רבונו־של־עולם זענען אַמאָל געקומען דריי בעלי־דינים צו האָבען מיט איהם אַ דין־תורה: דער „עלינו", דער „שלש־סעודות" און אַ „ממזר". דער „עלינו" האָט געהאַט אַ טענה, הלמאַי מען האָט איהם אָוועקגעשטעלט צום סאַמע סוף פון דאַווענען און צוליב־דעם ווערט ער דורכ׳ן עולם, וועל־כער יאָגט זיך שוין אַהיימצוגעהן, אָבגעכאַפּט על־רגל־אַחת, שטעהענדיג שוין מיט איין פוס אין דרויסען!... מיט אַנ׳עהנליכער טענה איז געקומען דער „שלש־סעודות" — אויך איהם איז מען נישט נוהג־כבוד: די אַנדערע שבת־

דיגע סעודות ווערען געפּראַוועט מיט פּאַראַד, מיט די בעסטע און שענסטע מאַכלים, מיט בשר־ודגים, און איהם פּערשטאָפּט מען דאָס מויל מיט שהי-פּהי, מיט אַ כזית חלה מיט הערינג!... דער „ממזר" ווידער האָט זיך געקלאָגט, הלמאַי ער איז גע'אַסר'ט געוואָרען „לבוא בקהל", פּאַרוואָס קומט עס איהם צו ליידען פּאַר די זינד פון זיינע עלטערן?... אויפהערענדיג זייערע גע-רעכטע טענות, האָט דער רבונו-של-עולם בעשלאָסען איטליכען פון זיי מפייס צו זיין: דער „עלינו", אויף וועלכען מען קוקט זיך אַ גאַנץ יאָהר נישט אום, פּערנעהמט דערפאַר דעם חשוב'סטען אָרט צווישען די תּפילות פון ראש-השנה און יום-כפּור — אַז עס קומט צו „עלינו", פאַלען דאַן אַלע „כורעים". „שלש-סעודות" בעקומט, אַנשטאָט דער אַכילה, אַ סאַטיספאַקציע דערמיט, וואָס די חסיד'ישע רביים זאָגען דאַמאָלס אַ סך תּורה, אַ סך מעהר, איידער ביי די איבריגע שבת'דיגע סעודות. און ווידער דו, ממזר, דיך וועט מען מאַכען פּאַר אַ „דאָזאָר", פּאַר אַ ראש-הקהל — און אַנשטאָט דעם, וואָס דו טאָרסט נישט קומען צו קהל, וועט קהל מוזען קומען צו דיר!...

O

לא-יבא עמוני ומואבי בקהל ד'... (כג. ד.)

אין אַ רעליגיעזען דיספּוט, וואָס אַ געוויסער כומר האָט אַמאָל געהאַט מיט'ן „נודע-ביהודה", האָט ער איהם צווישען אַנדערעס פאָרגעוואָרפען, אַז די אידישע אמונה פּלאַנצט-איין אין איהרע אָנהענגער אַן'אונאויפהערליכע שנאה צו די גוים, אַזוי ווייט, אַז יעדער איד איז מחויב צו מאַכען יעדען פריהמאָרגען אַ ברכה „שלא עשני גוי"...

דערויף האָט איהם דער „נודע-ביהודה" ערקלערט, אַז דידאָזיגע ברכה האָט גאָר אַן'אַנדערע בעדייטונג און דערמיט ווערט כלל נישט געמיינט, אַז מען דאַרף די גוים פיינט-האָבען; והראיה — אָט מאַכען מיר דאָך אויך גלייכצייטיג יעדען טאָג אַ ברכה „שלא עשני אשה", נו, בעדייט דאָס דען, אַז די אידען ווערען אויפגעפאָדערט, זיי זאָלען פיינט-האָבען זייערע ווייבער?...

O

על-דבר אשר לא-קדמו אתכם בלחם ובמים... ואשר שכר עליך את-בלעם... (כג. ה.)

ווען עס וואָלט געווען בלויז „אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים", וואָלט מען זיי געקאָנט פערענטפערן, אַז אפשר איז עס געווען מחמת אָרימ-

קייט, אפשר זענען זיי מאַטעריעל נישט אימשטאַנד געווען מכבד צו זיין די דורכוואַנדערנדע אידען מיט לחם ומים... מיר האָבען דאָך אָבער גלייך דערנאָך געזעהן „ואשר שכר עליך את-בלעם בן-בעור — לקללך", אַז זיי האָבען געדונגען בלעמ'ן און איהם צוגעזאָגט „כבד אכבדך מאד וכל אשר תאמר אעשה"; איז אויף צו שעלטען די אידען האָבען זיי יאָ געהאַט געלד, נאָר אויף ברויט-און-וואַסער — נישט?...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

○

לא-תביא אתנן זונה ומחיר כלב בית ד'... (כג. יט.)

בשעת איינער פון די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין ארץ-ישראל, מיט אַ צוויי צעהנדליג יאָהר צוריק, האָט מען געפונען אַ געצענדיענערישען טעמפעל פון פאַר טויזענדער יאָהרען און, צוזאַמען מיט פערשידענע אינטע-רעסאַנטע זאַכען, אויך אַ רשימה מיט נעמען פון „קְדֵשׁוֹת" און „קְדֵשִׁים", וועלכע האָבען אָנגעהערט צום טעמפעל, אויספיהרענדיג, וואָהרשיינליך, גע-וויסע פונקציעס פון דער דאַמאָלסדיגער געצענדיענישער עבודה. דערביי זענען די מענער, די „קדשים", בעצייכענט געווען מיט'ן נאָמען „כלב"... און דאָס, משמעות, זאָל זיין דער זין פון'ם פסוק: „לא-תביא אתנן זונה ומחיר כלב"...

(ד"ר ש. בערנפעלד)

○

לנכרי תשיך ולאחיך לא תשיך... (כג. כא.)

„לנכרי תשיך — זו מצות עשה"... (ספרי)

וועגען דער כונה פון דערדאָזיגער אַזהרה און איבערהויפּט וועגען דער ערקלערונג פון ספרי, אַז „לנכרי תשיך" איז נישט קיין רשות, נאָר ממש אַ ח ו ב, אַ מ צ ו ה, איז אין פערשידענע ספרים פון די ראשונים און אחרונים שוין זעהר פיעל געשריבען געוואָרען. עס ווערט אָנגעוויזען, אַז די ווערטער פון ספרי זענען אין בפירוש'ער סתירה צו די פערשידענע שטעלען אין תלמוד, ווי, למשל, אין מכות כ"ב: „כספו לא נתן בנשך — אפילו רבית עכו"ם"; אין בבא-מציעא ע"א: „מרבה הונו בנשך ותרבית — אפילו רבית עכו"ם", און אין סנהדרין כ"ה: „מלוי ברבית מאימתי חזרתן וכו' דאפילו לנכרי לא מוזפי ברבית"... מען וואונדערט זיך, פאַרוואָס ווערט אין רמב"ם דידאָזיגע ערקלערונג פון ספרי ווערטליך איבערגעגעבען אַלס הלכה? — און ס'רוב פון די מפרשים מיט'ן רמב"ן בראש קומען דעריבער צום אויספיהר, אַז די ווערטער פון ספרי „זו מצות עשה" דאַרפען פערשטאַנען ווערען אין

דעם זין, אַז אַ מלוה-ברבית איז עובר אויף צוויי איסורים, אויף אַ לאַ-תעשה און אַן עשה, און דער פשט איז אַלזאָ אַזוי: „לנכרי תשיך — אַבל לא לישראל", און „לאו הבא מכלל עשה — עשה"!

אָריגינעל איז די ערקלערונג פון ספורנו, לויט וועלכען די אַזהרה פון „לא-תשיך" בעקומט גאָר אַ גאַנץ אַנדערע בעדייטונג.

לויט דערדאָזיגער ערקלערונג איז דאָס וואָרט „תשיך" אַ פועל-יוצא און געהט אַרויף נישט אויפ'ן מלוה, נאָר אויפ'ן לוה, דען לויט'ן דין איז פונקט ווי עס איז אָסור צו נעהמען רבית, אַזוי איז אויך אָסור צו געבען... דער פסוק רעדט אַלזאָ צום לוה: „לנכרי תשיך" — אויב דו האָסט געבאָרגט געלד ביי אַ נכרי און דו האָסט אָבגעמאַכט מיט איהם צו צאָהלען רבית, מוזטו דיין צוזאָג מקיים זיין און בעצאָהלען; אָבער „לאָחיך לא תשיך" — אויב דו האָסט געבאָרגט געלד ביי אַ איד און מיט איהם אָבגעמאַכט צו צאָהלען רבית, טאָרסטו דעם אָבמאַך נישט האַלטען, דען נישט בלויז ער טאָר נישט נעהמען נאָר אויך דו טאָרסט נישט געבען!...

אַ זעהר שאַרפזיניגען ענטפער וועגען דעם זין פון דערדאָזיגער אַזהרה האָט אַמאָל געגעבען דער לעמבערגער רב, רבי יעקב אָרנשטיין, אַ געוויסען קריסטליכען געלעהרטען, וועלכער האָט איהם פאָרגעוואָרפען, אַז דערדאָזיגער דין פון תורת-משה איז באַרבאַריש און געגען די עלעמענטאַרע בעגריפען פון יושר און גערעכטיגקייט.

— פערקעהרט, — האָט איהם רבי יעקב אָרנשטיין געענטפערט: — דוקא דער יושר איז מחייב דערצו, און דאָס צוליב אַ גאַנץ איינפאַכען טעם: ביי אידען איז דער איסור פון רבית חל אויף אַלעמען אָהן אויסנאַהם. קיין איין איד ביים צווייטען טאָר נישט נעהמען און נישט געבען קיין רבית, איז דעריבער: „לאָחיך לא תשיך" — קיינער טאָר נישט! נישט דו ביי יענעם, נישט יענער ביי דיר... ביי גוים אָבער, אין זייערע געזעצען, עקזיסטירט דאָך נישט קיין איסור אויף צו נעהמען רבית ביי אידען, טאָ וואָס איז עס פאַר אַ יושר, אַז זיי ביי אונז זאָלען יאָ מעגען נעהמען פראָצענט, און מיר ביי זיי — נישט? איז דערפאַר טאַקע: „לנכרי תשיך" — ווייל ער ביי דיר נעהמט דאָך אויך פראָצענט...

O

וכתב לה ספר כריתות... (כד. א.)

דעריבער ווערט דער „ספר-כריתות" אָנגערופען מיט'ן נאָמען „גט", ווייל דידאָזיגע אותיות זענען שטענדיג צושיידט און דערווייטערט צווישען זיך;

בישטאָ אין גאַנץ תנ"ך קיין איין וואָרט, אין וועלכען „ג" מיט „ט" זאָלען שטעהן צוזאַמען, איינס נעבען צווייטען...

(אגרת הטיול)

„בית-שמאי אומרים לא יגרש אָדם את אשתו אלא אם כן מצא בה ערות דבר, ובית-הלל אומרים אַפילו הקדיחה תבשילו"... (גיטין צ.)

געוועהנליך ווערט געטייטשט „הקדיחה תבשילו" (און אַזוי ווייזט אויך אויס פון רש"י), אַז אויב זי האָט איהם איבערגעזאַלצען דאָס עסען, מעג ער שוין אויף דעם גרונד געבען דעם ווייב אַ גט!... וואָס דאָס איז דאָך ווירקליך אונפערשטענדליך.

עס איז דעריבער אָנצונעהמען, אַז דער אויסדרוק „הקדיחה תבשילו" האָט דאָ דיזעלבע בעדייטונג, ווי דער בעקאַנטער תלמוד'ישער זאַץ: „שלא יהא לך בן או תלמיד מקדיח תבשילו ברבים", פון וועלכען דער זין איז: שלעכטע אויפפיהרונג, אַראָבגעהן פון דרך-הישר. און דאָס זאָל, אַלזאָ, זיין דער אונטערשיעד פון בית־שמאי און בית־הלל: די ערשטע האַלטען, אַז צווינגען די פרוי צו אַ גט קאָן מען נאָר אין דעם פאַל, ווען עס איז ווירקליך בעוויזען געוואָרען דורך עדות, אַז זי איז בעגאַנגען אַ פעררעאַט, „ע ר ו ת ד ב ר"... דאַגעגען בית־הלל האַלטען „אַפילו הקדיחה תבשילו" — ווען איהר אויפפיהרונג איז בכלל אַזעלכע, וואָס גיט דעם מאַן אַ גרונד צו צווייפלען אין איהר עהרליכקייט...

(דבר בעתו)

צום ראַדזינער רבי'ן, רבי גרשון־העניך, איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ פרוי, אַ גרושה, פרעגען אַן'עצה. היות ווי זי האָט תנאים געשריבען מיט אַ בחור, וועלכער איז נאָכנישט אינגאַנצען בעפרייט פון מיליטער־דינסט, נאָר ער האָט אַ „גרינעם בילעט", קאָן זי זיך נישט בעשליסען: צי זאָל זי אײ־בערוואַרטען, ביז ער וועט אינגאַנצען בעפרייט ווערען, אָדער זי זאָל שוין איצט מיט איהם חתונה האָבען — מחמת זי האָט מורא, מען זאָל איהם נישט נעהמען איבעראַיאָהר צום מיליטער און זי וועט דאַמאָלס בלייבען אַ וויסטע עגונה. רבי גרשון-העניך האָט נישט לאַנג געטראַכט און איהר געענטפערט: שטעלט מיט איהם אַ חופה! מען וועט איהם צום מיליטער נישט נעהמען — אויף מיין אַחריות!...

נאָכדעם ווי די פרוי איז אַרויסגעגאַנגען, בעמערקט רבי גרשון-העניך, ווי די חסידים קוקען-זיך-איבער שטאַרק פערוואונדערט, רופט ער זיך-אָן צו זיי:

— וואָס חידוש'ט איהר זיך אַזוי, איהר מיינט עס איז רוח-הקודש? ס'איז אַ גאַנץ פשוט'ע זאַך. פאַרוואָס האָט מען דעם בחור געגעבען אַ „גרי-

נעם בילעט״? — דערפאַר מסתמא, ווייל ער איז אַ חלוש, אַ קראַנקער; בע-שליסט דעריבער די קאָמיסיע אָבצוּוואַרטען אַ יאָהר צייט, טאָמער וועט ער ביני־לביני געזונד ווערען. און ווי קומט עס, וואָס אַזאַ יונגע פרוי זאָל שוין זיין אַ גרושה? — איז דאָך עס מסתמא דערפאַר, ווייל זי איז אַ גרויסע מרשעת; איז אויב אַזוי, מעג זי גאַנץ דרייסט מיט איהם שטעלען אַ חופּה — אויב ער איז שוין איצט אַ חלוש, וועט ער אָבוואוינענדיג מיט איהר אַ יאָהר צייט אודאי נישט פעהיג זיין צו ווערען אַ זעלנער!...

○

ושמח את-אשתו אשר-לקח — לא-יחבול רחים ורכב... (כד. ה. ו.)

ביי אידען איז ליידער איינגעפיהרט, אַז ווען מען מאַכט חתונה אַ קינד, פערשולדיגט מען זיך און מען פער׳משכונ׳ט זיך, ווי גרויס מען איז, שטעלענדיג זיך ממש בדיל-הדל... וואָרנט אונז, אַלזאָ, די תורה: „ושמח את-אשתו אשר לקח״ — אודאי דאַרף מען זיך משמח זיין, אודאי איז פראַ-ווען אַ חתונה אַ דבר-גדול; אָבער — „לא יחבול רחים ורכב״, מען דאַרף זיך פונדעסטוועגען נישט צוליב-דעם פער׳משכונ׳ען און ווערען אַ בעל-חוב!...

(מלאכת מחשבת)

○

ולך תהיה צדקה... (כד. יג.)

גיב צדקה ביים לעבען, ווען דאָס געלד איז נאָך „לך״, דיינס, נישט ווי עס זענען זיך נוהג געוויסע עשירים, וועלכע וואַרטען-אָב מיט דער צדקה און פערשרייבען עס ערשט אין דער צוואָה צו פערטיילען עס נאָכ׳ן טויט!...

(כלי יקר)

○

לא-יומתו אבות על-בנים... (כד. טז.)

דער אבן-עזרא זאָגט דערויף: „ותועי רוח ישאלו, איך אמר הכתוב לא יומתו אָבות על בנים, ובמקום אחר אומר פוקד עון אָבות על בנים, ושאלתם תהו״...

דידאָזיגע שאלה ווערט דאָך געפרעגט אין דער גמרא (ברכות ז׳). ווי-זשע קומט עס, וואָס דער אבן־עזרא זאָל זיך אויסדריקען וועגען די חז״ל מיט אַזעלכע שאַרפע ווערטער?...

(בית-המדרש החדש)

○

ולא תחבול בגד אַלמנה — וזכרת כי עבד היית... (כד. יז. יח.)

ווער נישט אין כעס, בייזער דיך נישט: היתכן? רק מען הייסט מיר געבען: דעם — גיב, יענעם — גיב, דעם יתום זאָלסטו נישט קווע̇לען, דער אַלמנה זאָלסטו קיין עוולה נישט טהון, און אַזוי כסדר, אָהן אויפהער! ווי קאָן מען עס פון אַ מענשען אַזוי פיעל פערלאַנגען? — דענערוויר זיך נישט: „וזכרת כי עבד היית במצרים", געדענק, אַז דו ביזט אַמאָל אַליין, נישט היינט געדאַכט, געוועזען אויף גרויסע צרות — אַ קנעכט, אַנ׳אָרימער, געפייניגטער קנעכט אין מצרים...

(פנים יפות)

○

אַרבעים יכנו לא יוסיף... (כה. ג.)

בשעת דער חדושי-הרי"ם איז געוועזען אַ אינגעל און געַ׳שמ׳ט אַלס עלוי, האָט אַ בעריהמטער גביר איהם געוואָלט נעהמען פאַר אַ חתן. דער גביר, ווי דער שטייגער איז, האָט געשיקט צו איהם אַ „פּרובער", אַ גרויסען למדן, ער זאָל איהם פערהערען אין לערנען, און דער „פּרובער" האָט איהם נעשטעלט פאָלגענדע שאלה: אין דער גמרא (מכות כ"ב) איז אַ פּלוגתא צווישען צוויי תנאים, צווישען תנא קמא און ר׳ יהודה, וועגען דער צאָהל מלקות. דער תנא קמא האַלט, אַז מען דאַרף שלאָגען נישט-מעהר ווי ניין-און-דרייסיג מלקות, „אַרבעים חסר אַחת", און ר׳ יהודה זאָגט — גאַנצע פיערציג. פרעגט זיך: וואו איז מעגליך אַזא פאַל, ווען מען זאָל קאָנען יוצא זיין לויט ב י י ד ע תנאים, ווען סיי לויט׳ן תנא קמא, סיי לויט ר׳ יהודה, זאָל מען שלאָגען יענעם דיזעלבע צאָהל מלקות?

— עס איז מעגליך — האָט דער עלוי מניה וביה געענטפערט — אויף פאָלגענדען אופן: איינער, וועלכער איז אַליין געוועזען אַ שליח-בית-דין, האָט עובר געוועזען אויף ניין-און-דרייסיג לאו׳ן, פאַר וועלכע עס קומט איהם צו שלאָגען ניין-און-דרייסיג מאָל מלקות. ביני-לביני האָט איהם בית-דין געשיקט מקיים-פסק צו זיין אַ צווייטען, וועלכער האָט עובר געוועזען אויף אַ לאו, ער זאָל שלאָגען יענעם מלקות; אָבער אָנשטאָט צו שלאָגען יענעם ניין-און-דרייסיג מלקות, האָט ער איהם געשלאָגען פיערציג. אַלזאָ, לויט׳ן תנא-קמא, וועלכער האַלט „אַרבעים חסר אַחת", האָט דערדאָזיגער שליח-בית-דין עובר געוועזען אויף אַ פרישען לאו: „לא-יוסיף" — און עס קומט איהם שוין דעריבער צו שלאָגען פאַר פיערציג לאו׳ן, ס׳הייסט פיערציג מאָל צו ניין-און-דרייסיג מלקות. לויט ר׳ יהודה דאַגעגען האָט דער שליח בית-דין דאָסמאָל טאַקע

ריכטיג געהאַנדעלט און נישט עובר געווען אויף „לא-יוסיף“, און עס קומט איהם בלויז צו שלאָגען פאַר די פריהערדיגע ניין-און-דרייסיג לאַוו'ן, ס'הייסט ניין-און-דרייסיג מאָל צו פיערציג מלקות. אַלזאָ — דער תנא קמא און ר' יהודה גלייכען זיך דאָסמאָל אויס, דען פיערציג מאָל ניין-און-דרייסיג און ניין-און-דרייסיג מאָל פיערציג בעטרעפען דאָך דיזעלבע צאָהל — 1560...

○

כי ישבו אחים וכו' ולקחה לו לאשה ויבמה. (כה. ה.)

דער טעם, פאַרוואָס מען האָט שפּעטער מבטל געמאַכט די מצוה פון יבום, איז, ווייל די דורות זענען געוואָרען זינדיג און ס'איז דעריבער נישטאָ מעהר די זיכערקייט, צי דער ברודער, וועלכער איז געשטאָרבען אָהן קינדער, האָט נישט ערגעץ אַן'אונלעגאַל לעבעדיג קינד...

(אהל אברהם)

○

זכור את אשר-עשה לך עמלק... לא תשכח. (כה. יז. יט.)

צוליב-וואָס געפינט די תורה פאַר נויטיג צו וואָרענען אַזוי פיעל מאָל וועגען דער פערניכטונג און אויסראָטונג פון עמלק'ן, אויף וועלכען מען זאָל קיין שום רחמנות נישט האָבען? —

דערפאַר, ווייל עס ווערט דערמיט געפאָדערט פון אידען אַ זאַך, וואָס איז געגען זייער נאַטור...

(מגלת ספר)

כִּי־תָבוֹא

ולקחת מראשית כל־פרי האדמה וכו׳ ושמת בטנא... (כו. ב.)

דער שיעור פון בכורים, פסק׳ענט דער רמב״ם, איז א זעכציגסט־חלק, „אחד מששים״. וואונדערן זיך דערויף די מפרשים: פונוואנען, פון וועלכען מקור האט עס דער רמב״ם גענומען? אין דער גמרא ווערט דאך וועגען בכורים קיין שום שיעור נישט אנגעוויזען און עס ווערט דארט אריינגערעכענט אינ׳ם כלל פון די „דברים שאין להם שיעור״! —

ערקלערט עס דער ווילנער גאון:

אין מס׳ כלים פרק י״ב משנה ג׳ זאגט דער ברטנורא, אז „טנא מחזיק חצי סאה״; אין כתובות קי״א, אויפ׳ן פסוק „ולשרקה בני אתונו״, ווערט גע׳דרש׳ענט, אז „אין לך כל אילן סרק שבארץ־ישראל שאינו מוציא משוי שתי אתונות״; אין בבא־מציעא ווידער געפינען מיר, אז די משא פון א חמור איז ט״ו סאה. הייסט עס, אלזא, אז די פירות פון אנ׳ארץ־ישראל־בוים, וועלכער איז דאך א „מוציא משוי שתי אתונות, ווערען אבגעשאצט דורכשניטליך אויף דרייסיג סאה — און היות ווי ביים ברענגען בכורים זאגט די תורה „ושמת בטנא״, און א טנא איז דאך א חצי־סאה, נמצא, קומט־אויס, אז מען דארף אראבגעבען א זעכציגסט־חלק, „אחד מששים״...

○

הגדתי היום לד׳ אלקיך... (כו. ג.)

עס שטעהט נישט „אלקינו״, נאר „א ל ק י ך״: ווייל די אמת׳ע געטליכקייט פיהלט דער איד נאר אין ארץ־ישראל, און משה רבינו איז דאך קיין ארץ־ישראל נישט אריינגעגאנגען...

(זוהר)

○

ארמי אובד אָבי וירד מצרימה... (כו. ה.)

די שנאָה פון די ברידער צו יוסף׳ן, די מעשה פון „מכירת-יוסף״, וואָס האָט אַלס רעזולטאַט געבראַכט דערצו, אַז די בני-ישראל זאָלען פּער-וואָגעלט ווערען קיין מצרים — דאָס אַלץ האָט זיך גענומען צוליב קנאת-אחים, צוליב דעם, וואָס יעקב האָט ליעבער געהאַט יוסף׳ן פון אַלע זיינע קינדער, כאָטש ער איז געווען צווישען זיי דער יונגסטער. ווען, אַלזאָ, לבן הארמי וואָלט נישט אָבגענאַרט יעקב׳ן, און יעקב וואָלט, ווי דער מדובר איז געווען, חתונה געהאַט פריהער מיט רחל׳ען, דאַן וואָלט דאָך יוסף געווען דער בכור, ממילא וואָלט דאָך קיין סיבה נישט געווען צו דער קנאָה-שנאָה פון די ברידער, און ממילא וואָלט נישט געקומען צו „מכירת-יוסף״, צו דער הויפּט-סיבה, וואָס האָט גורם געווען צום „וירד מצרימה״...

(תורת משה)

O

ויהי-שם לגוי... (כו. ה.)

„גוי״ איז אַ העכערע מדרגה, ווי „עם״, און דערויף שטיצט זיך דער דרש: „ויהי שם לגוי — מלמד שהיו ישראל מצוינים שם״... אַ בעוויז: „הגוי גם צדיק תהרוג״...

(מקור ברוך)

O

לא-אָכלתי באוני ממנו... ולא-נתתי ממנו למת... (כו. יד.)

פאַרהאַן אַזעלכע אידען, וועלכע האַלטען פון אידישקייט נאָר בשעת „אנינות״ און „אבלות״ נאָך אַ מת. עס איז דער בעקאַנטער טיפּ פון „קדיש- און יאָהרצייט-אידען״... די תורה וואָרנט פאַר אַזאַ מין אידישקייט: „ולא נתתי ממנו למת״! — די אידישע תורה איז אַ תורת-חיים, אַ תורה פאַר לעבעדיגע, נישט פאַר טויטע!...

(חדשות אל עמי)

O

השקיפה ממעון קדשך... (כו. טו.)

„עשינו מה שגזרת עלינו״. (רש״י)

מיר האָבען געפאָלגט די גזירה, אַוועקצושטעלען זיך און אויסצורו-פען: „שמעתי בקול ד׳!״ „עשיתי ככל אשר צויתני!״ — ווי שווער דאַרף עס זיין פאַר אַ איד צו זאָגען אַליין אויף זיך, עפענטליך, בקול רם, אַזעלכע לויב-ווערטער!...

(רבי דוד׳ל לעלעווער)

„השקיפה ממעון קדשך"... פון די זיעבען נעמען, וואָס עס האָבען די שבעה רקיעים, האָט יעדער נאָמען אַ בעזונדערע בעדייטונג. דער אויס־דרוק „מָעוֹן" בעדייט אַלס מקור און שפע פון די הימלישע ברכות, ווי: „מעון אַתה היית לנו בכל דור ודור" (תהלים צ"א) און „מעונה אלקי קדם" (דברים ל"ג, כ"ז)... און לויט דעם איז אויך אָנצונעהמען, אַז אין דער תפילה פון „מגן אָבות", וואָס מיר זאָגען פרייטאָג־צו־נאַכטס, איז אין די ווערטער „ונודה לשמו בכל יום תמיד מעין הברכות" אַריינגעפאַלען אַ טעות־הדפוס: אַנשטאָט „מעין הברכות", וואָס האָט קיין שום פשט און קיין שום בינדונג נישט מיט די פריהערדיגע ווערטער. דאַרף זיין „מ ע ו ן הברכות" (מיט אַ ו'). נאָך די ווערטער „בכל יום תמיד" קומט אַלזאָ אַ ה פ ס ק ה, און דאַן הויבט־זיך־אָן אַ בעזונדערער זאַץ — „מעון הברכות, אל ההודאות, אדון השלום" וכו'. און אַזוי איז עס טאַקע געדרוקט אין אַן ארץ־ישראל'די־גען סדור „נוסח ארצות תימן".

(תורה תמימה)

○

ועשית את־מצותיו ואת־חקיו... (כז. י.)

דער, וואָס לערנט תורה און איז זי נישט מקיים — איז זיין שטראָף האַרבער, ווי דער, וואָס לערנט אינגאַנצען נישט; אַ משל צו אַ מלך, וועל־כער האָט אַריינגעזעצט צוויי אַגראַנאָמען אין זיין גאָרטען; איינער האָט געפלאַנצט בוימער און נאָכדעם זיי אונטערגעהאַקט, און דער צווייטער האָט אינגאַנצען נישט געפלאַנצט. אויף וועמען איז דער מלך מעהר אין כעס? צי נישט אויף דעם, וועלכער האָט געאַרבייט און געשאַפען און נאָכדעם מיט די אייגענע הענד די שאַפונגען פערדאָרבען?...

(דברים רבה)

○

ברוך אתה בעיר וברוך אתה בשדה. (כח. ג.)

די שטאָדט האָט איהרע מעלות: מען לעבט קאָנצענטרירט אין אַ גרעסערן קיבוץ, עס איז אַן אָרט פון תורה וחכמה, מען געניסט פון פער־שידענע בעקוועמליכקייטען. דאָס דאָרף ווידער האָט זיינע מעלות: דאָס לע־בען איז רוהיגער, די לופט איז ריינער, די בעציהונג פון מענש צו מענש איז פריינדליכער און פריינדליכער. דער וואונש איז אַלזאָ: „ברוך אתה בעיר וברוך אתה בשדה" — זאָלסט זיין געבענשט מיט דער ברכה פון שטאָדט און מיט דער ברכה פון דאָרף!...

(חתם־סופר)

○

ברוך אתה בבאך... (כח. ו.)

„ברוך אתה בבאך — שיהא ביתך סמוך לבית־הכנסת". (מדרש)

פאַראַן מענשען, וואָס זייער גאַנץ אידישקייט ליעגט בלויז אין שוהל: דאָרט זענען זיי פרום און גוט, פריינדליך און היימיש מיט יעדען, פול מיט ענוות און מיט דרך־ארץ פאַר יעדען תלמיד־חכם. גאַנץ אַנדערש אָבער זענען זיי ביי זיך אין הויז, וואו זענען זיי נישט מעהר דיזעלבע: דאָרט זענען פאַר זייער פרומקייט און גוטסקייט די טהירען געשלאָסען... און דאָס איז דער זין: „שיהא ביתך סמוך לבית־הכנסת" — פיהר־זיך־אויף אין דער היים, ווי דו פיהרסט זיך אין שוהל!...

(מגד ירחים)

○

ובאו עליך כל-הקללות האלה... (כח. טו.)

די תוכחה אין ויקרא איז געזאָגט געוואָרען, לויט דער ערקלערונג פון רמב"ן, אויפ'ן חורבן ראשון, דאַגעגען די תוכחה אין דברים געהט אויפ'ן חורבן שני — און דעריבער ווערט די ערשטע תוכחה געשריבען בלשון־רבים: „ונתתי את־עריכם חרבה", „והשמותי את־מקדשיכם" א. א. וו., און די צווייטע תוכחה — בלשון־יחיד. דען דער חורבן בית־שני איז פאָרגעקומען צוליב שנאת־חנם, צוליב אינטריגעס און אַמביציעס פון פערזענליכען כאַראַקטער, ווען מען האָט אויפגעהערט צו פיהלען דעם צער פון פאָלק און די זאָרגען פאַר זיין גורל און יעדער האָט בלויז אין זינען געהאַט זיינע אייגענע, קליינליכע אינטערעסען...

(ילקוט מרגליות)

○

והיית משגע ממראה עיניך אשר תראה. (כח. לד.)

משוגע אויף — „מראה עיניך אשר תראה": צו גלוסטען צו אַלעם, וואָס די אויגען זעהען ביי יענעם, נאָכצוגעהן די מאָדע, מיטצומאַכען דעם לוקסוס... דאָס וועט זיין די הויפט־קללה, וועלכע וועט גורם זיין צו אַלע פריהער־אויסגערעכענטע קללות, ווי: „אשה תארש ואיש אחר ישכבנה" און „בית תבנה ולא תשב בו" וכו', ביז — „והיית רק עשוק ורצוץ כל־הימים"!...

(אור תורה)

„והיית משגע ממראה עיניך"!... „מ מ ר א ה ע י נ י ך" — פון די אָנ־פיהרער, די „עיני העדה". עס וועט דיך אַרומנעהמען אַ שרעק אָנצוקוקען, ווער דיינע פיהרער און מנהיגים זענען!...

(רבי שמעון סופר)

O

הגר אשר בקרבך יעלה עליך מעלה מעלה... (כח. מג.)

אַן'אויפגעקומענער גביר, וועלכער ווערט רייך איבער נאַכט, רופט נישט אַרויס צו זיך די אַכטונג און דעם כבוד, וואָס מען פיהלט צו איי־נעם, וועלכער האָט דערגרייכט צו זיין עשירות לאַנגזאַם, שטופּענווייז. פּער־קעהרט ווידער, אַ גביר, וועלכער האָט מיט איינמאָל, פּלוצלינג זיין גאַנץ פערמעגען פערלוירען, דערוועקט צו זיך מעהר מיטגעפיהל און מען קומט איהם גיכער צו־הילף, ווי איינעם, וועלכער נידערט אַראָב לאַנגזאַם, פּאַמע־ליך. צו אַ לאַנגזאַמער ירידה ווערט מען צוגעוואוינט, אַזוי אַז בשעת עס ווערט יענעם גאָר שלעכט, קוקט מען שוין דאַמאָלס אויף איהם, ווי אויף אַ ג ע ב ו י ר ע נ ע ם קבצן... און דאָס איז די קללה פון דער תוכחה: „הגר אשר בקרבך יעלה עליך מעלה מעלה ואתה תרד מטה מטה" — יע־נער, דער פרעמדער, וועט ווערען אַ לאַנגזאַמער ג ב י ר, און דו — אַ לאַנג־זאַמער י ו ר ד!...

(תורת משה)

O

ובאו עליך כל-הקללות... כי לא שמעת בקול ד'... (כח. מה.)

אין בוסק האָט אַמאָל אויסגעבראָכען אַן'עפּידעמיע. ווי דער שטייגער איז, האָט זיך דער עולם פערזאַמעלט אין שוהל און מתפלל געווען און געזאָגט תהלים — און דאַן האָט דער ועד־הקהלה בעשלאָסען, אַז עטליכע חשוב'ע בעלי־בתים זאָלען זיך אַרויסלאָזען איבער דער שטאָדט חוקר־ודורש זיין, צי איז נישט ווער פון די איינוואוינער עפּעס אַ שווערע זינד בעגאַנגען און צוליב דער שולד פון דיזאָזיגע חוטאים ווערט די שטאָדט אַזוי שווער בעשטראָפט... דער רב, רבי מרדכי עליאַשבערג, האָט אָבער דערויף נישט מסכים געווען, זאָגענדיג: אמת, אודאי זענען מיר עפ"י התורה מחויב צו גלויבען, אַז ס'איז נישטאָ קיין שטראָף אָהן זינד; אָבער זוכען דאַרף מען די זינד נישט ביי אַנדערע, נאָר ביי זיך אַליין!...

O

תחת אשר לא-עבדת את ד׳ אלקיך בשמחה... (כח. מז.)

נישט בלויז וואס „לא-עבדת את ד׳ אלקיך״, נאָר דו ביזט נאָך נאָר צופרידען געווען דערפון, געהאַט שמחה פון נישט-דינען דעם אויבערשטען!...

(רבי ר׳ בונם)

○

ואָכלת פרי-בטנך בשר בניך ובנותיך... (כח. נג.)

אַ קללה פאַר די עלטערן, זיי זאָלען דארפען אָנקומען און עסען ביי די קינדער!...

(מעדני מלך)

○

וכל-מכה אשר לא כתוב בספר התורה... (כח. סא.)

די געשריבענע קללות זענען פאַר די, וועלכע זענען נישט מקיים די מצוות, וואָס שטעהען געשריבען; און די „מכה אשר לא כתוב״ — פאַר די, וועלכע זענען מוסיף אייגענע „מצוות״, וואָס שטעהען נישט געשריבען, ווי למשל: — „דעם איז אַ מצוה צו רודפ׳ן״, „יענעם איז אַ מצוה אָנצוזלערגען״!...

(לוח ארז)

„וכל מכה אשר לא כתוב — זו מיתת צדיקים״.

צדיקים שטאַרבען פאַר די זינד פון דור („כי מפני הרעה נאסף הצדיק״), — הגם לויט׳ן דין וואָלט אַזוי נישט געדאַרפט זיין; דען לויט׳ן דין, אַז מען געהט אויפמאָהנען אַ חוב, דאַרף מען נעהמען דאָס ערגסטע, נישט דאָס בעסטע: „בעל-חוב דינו בזבורית״... און דאָס איז „אשר לא כתוב בספר התורה הזאת״ — עס איז געגען דעם אָנגענומענעם דין...

(רבי יחזקאל לאַנדוי)

מען האָט געפרעגט דעם בעריהמטען גאון רבי ישעיה פיק, וועלכער איז געווען אַ וואונדערבאַרער בקי אין ש״ס, וואו עס געפינט זיך אין תלמוד דער דערמאָהנטער מאמר „וכל מכה אשר לא כתוב — זו מיתת צדיקים״, וואָס איז ביי אַלעמען אָנגענומען אַלס מאמר חז״ל; האָט ער געענטפערט, אַז דאָס גופא טאַקע איז אַ „מכה אשר לא כתוב״, דען אַזאַ מאמר געפינט זיך כלל נישט אין גאַנץ ש״ס!...

○

והיה כאשר-שש וכו' כן ישיש וכו'. (כח. סג.)

אויפ'ן דאָזיגען פסוק גיט דער אבן-עזרא אין זיין „פירוש הארוך" (וועלכער איז געדרוקט נאָר אין אייניגע אַלטע חומשים) פאָלגענדע, לאַקאָ-ניש-קורצע בעמערקונג: „כאשר שמענו כן ראינו"...

געוועהנליך טייטשט מען, און אַזוי טייטשען טאַקע די פערשידענע מבארים, אַז דער אבן-עזרא מיינט דערמיט צו זאָגען, אַז די אַלע אויס-גערעכענטע צרות האָבען זיך ליידער בעשטעטיגט, מיר האָבען וועגען זיי געהערט און מיר האָבען זיי געזעהן!... באמת אָבער ענטהאַלטען דידאָזיגע ווערטער אַ שאַרפזיניגע, סאַרקאַסטישע בעמערקונג, נעמליך: „כ א ש ר ש מ ע נ ו" — דעם „כאשר", די הבטחה פון „כאשר-שש ד' עליכם להיטיב אתכם ולהרבות אתכם", דאָס האָבען מיר, ליידער, בלויז ג ע ה ע ר ט, אָבער נישט געזעהן, צו זיין פערווירקליכונג האָבען מיר נאָך, ליידער, ביז היינט נישט זוכה געווען; דאַגעגען „כ ן ר א י נ ו"—דעם „כן", די שטראָף פון „כן ישיש ד' עליכם להאביד אתכם", דאָס האָבען מיר ליידער ג ע ז ע ה ן, דאָס איז פאַר אונזערע אויגען מקוים געוואָרען!...

(פרח לבנון)

ונתן ד' לך שם לב רגז... (כח. סה.)

„שם לב רגז — שם ב ב ב ל, אבל בארץ-ישראל לא". (נדרים כ"ב)

דען די מדה פון כעס קומט צוליב דער שליטה פון יצר-הרע — און אין חוץ-לאָרץ איז דער יצר-הרע מעהר שולט, ווי אין ארץ-ישראל...

(מהרש"א)

ואין קונה. (כח. סח.)

דער סיום, דער פינאַל פון דער תוכחה איז: „ואין קונה!"... דען „אין משיח בן-דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס"...

נִצָּבִים

אתם נצבים היום כֻּלכם לפני ד׳ אלקיכם... (כט. ט.)

„כֻּלכם לפני ד׳ אלקיכם" — ביים אויבערשטען זענט איהר אַלע אי־דען גלייך; די „ראשיכם", „זקניכם" און „שוטריכם" זענען ביי איהם נישט קיין גרעסערע מיוחסים פאַר'ן איינפאַכען „חוטב עציך" און „שואב מימיך", פאַר'ן האָלץ־העקער און וואַסער־טרעגער...

(כלי יקר)

○

ויתשם ד׳ מעל אַדמתם... (כט. כז.)

„עשרת השבטים אין להם חלק לעולם הבא, שנאמר ויתשם ד׳ מעל אַדמתם".

(סנהדרין ק״י)

און דאָס איז דערפאַר, ווי עס ערקלערען אונז די חז״ל אין אַ צווייט אָרט (סנהדרין צ״ד), ווייל — „ספרו בגנותה של ארץ־ישראל", ווייל זיי האָבען זיך אויסגעדריקט נישט־אָנשטענדיג וועגען ארץ־ישראל!...

○

הנסתרות לד׳ אלקינו והנגלות לנו ולבנינו... (כט. כח.)

„הנסתרות לד׳ אלקינו" — פאַרהאַן אידען, וועלכע בעהאַלטען זיך מיט זייער אידישקייט און פרומקייט, אַז קיינער, אויסער דעם אויבערשטען, זאָל עס נישט זעהן. דאָס איז אָבער ווייניג; עס דאַרף אויך זיין „והנגלות לנו ולבנינו" — אַז דאָס אידישקייט אין שטוב זאָל זיין אַנ׳עפענטליכע, אויך פאַר די קינדער!...

(דרשות אל עמי)

○

ושב ד׳ אלקיך וכו׳ וקבצך מכל-העמים... (ל. ג.)

רבי מענדעל וויטעבסקער איז אזוי טיעף געווען דורכגעדרונגען מיט דער אמונה אין משיח׳ן, אויף וועלכען ער פלעגט זיך ממש ריכטען יעדען טאָג, איטליכע רגע, אַז פאר׳ן שלאָף פלעגט ער אָוועקשטעלען נעבען זיך אַ מענשען, כדי ווי-נאָר ער וועט דערהערען דעם שופר של משיח, זאָל ער איהם תיכף אויפוועקען!

„אין משיח בן-דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס״... (סנהדרין צ״ח)

ווען עס וועט אויפהערען דאָס „פ ר ט י ו ת״ פון אידישען הארץ, ווען יעדער איד וועט נישט אין זינען האָבען בלויז זיך, נאָר אויך זאָרגען פאר׳ן כ ל ל...

(ישמח משה)

אַ מיניסטער, אַ שונא-ישראל, האָט אַמאָל געזאָגט צו רבי יונתן אייבעשיץ:

— משיח, שטעהט בּיי אייך געשריבען, וועט קומען צו רייטען אויף אַנ׳אייזעל, אויך אייערע עלטערן האָבען געריטען אויף אייזלען, טאָ פאר-וואָס פאָהרען אייערע היינטיגע אידען אויף פערד?

— מיר האָבען נעבעך קיין ברירה נישט, — זאָל איהם רבי יונתן האָבען צוריק-געענטפערט מיט אַ שטאָך: — פונוואַנען, אדוני פּריץ, זאָלען מיר היינט נעמען אייזלען, אַז די אייזלען זענען געוואָרען מיניסטאָרען!...

○

ולא מעבר לים היא... (ל. יג.)

„אינה מצויה בתגרנים״... (מדרש)

„בתגרנים״ — בּיי די, וואָס האַנדלען מיט דער תורה...

(רבי יעקב-יצחק ריינעס)

○

ראה נתתי לפניך היום את-החיים ואת-הטוב... (ל. טו.)

דער „חיים״ זאָל זיין צוליב׳ן „ט ו ב״ און נישט פערקעהרט; נישט דו זאָלסט טהון גוטס, כדי דו זאָלסט לעבען — נאָר דו זאָלסט לעבען, כדי צו טהון גוטס!...

(רבי מנחם-מענדעל מקאָצק)

○

וחיית ורבית וברכך... (ל. טז.)

די דריי זאַכען, אויף וועלכע עס בעט יעדער מענש: „בּ נ י (ורבית), ח י י (וחיית) ו מ ז ו נ י (וברכך)"...

(דגל מחנה אפרים)

לאהבה את ד' אלקיך וכו' ולדבקה־בו... (ל. כ.)

— רבונו של עולם, — פלעגט דער „רב", רבי שניאור־זלמן לאַדיער, אויסשרייען בעת דבקות, — כ'וויל נישט דיין גן־עדן, כ'וויל נישט דיין עולם־הבא, כ'וויל ד י ך א ל י י ן!...

— אויב — פלעגט זאָגען דער רבי ר' אלימלך — בית־דין של־מעלה וועט מיר צו־פּסק'ענען גיהנם, וועל איך מיט'ן גאַנצען כח אריינשפּרינגען אין גיהנם אַריין, כדי צו טהון דעם רצון פון בורא!...

א חסיד'ישער יונגערמאַן איז אַמאָל געקומען צו רבי מרדכי לעכעוויטשער „מקבל־השפעה" זיין.

— וואָס איז דיין בקשה? — פרעגט איהם רבי מרדכי.

— כ'וויל — זאָגט דער יונגערמאַן — דינען דעם רבונו־של־עולם.

— דעם רבונו־של־עולם — ענטפערט מיט התלהבות דער לעכעווי־טשער — בעדאַרף מען נישט דינען! ער איז זעהר דין, דק מן הדק, לית מחשבה תפיסא ביה... דו זעה ד י ך צו דינען, זאָלסט נישט זיין אַזוי פערגרעבט!...

צו רבי אַברהם־העשעל, דעם אַפּטער, איז אַמאָל געקומען צו פאָהרען אַ ליטווישער למדן, אַ מתנגד, וועלכער איז טשעקאווע געווען צו זעהן דעם אַפּטער'ס הנהגה, אין וואָס עס ליעגט זיין גדלות.

אינדערפריה איז ער אַריינגעגאַנגען אין קלויז דאַוונען, זעהט ער, ווי דער אַפּטער זיצט פער'מוח'ט און רויכערט אַ ציבּיק. דער ליטווישער למדן דאַוונט־אָב, לערנט זיין שיעור: אַ פּרק משניות, אַ בלאַט גמרא, עט־ליכע סעיפים שלחן־ערוך; ס'איז שוין באַלד האַלבער טאָג — דער אַפּטער זיצט נאָך אַלץ און רויכערט דעם ציבּיק. קאָן ער עס נישט מעהר פער־טראָגען און ווענדעט זיך צום אַפּטער:

— ס'טייטש, רבי, ס'איז דאך שוין נאכ'ן זמן-תפילה! פארוואס זאלט איהר נישט דאווגען גלייך מיט אלע אידען?...

— כ'וועל דיר זאגען – ענטפערט איהם דער אפטער: — דו, אז דו ביזט אויפגעשטאנען, האסטו זיך תיכף געשטעלט דאווגען; נאכ'ן דאווגען — האסטו זיך געזעצט לערנען. אודאי איז דאס זעהר גוט. וואס זאל איך אבער טהון?... איך, אז איך בין אויפגעשטאנען און האב אנגעהויבען צו זאגען: „מודה אני לפניך", האב איך א טראכט געטהון: אוי וועה!... ווער איז דער „אני" און ווער איז דער „לפניך"? — אזוי שטעה איך נאך און קאן ווייטער נישט געהן!...

וַיֵּלֶךְ

לעיני כל-ישראל — חזק ואמץ... (לא. ז.)

געוויס דאַרף אַ מנהיג קיין בעל-גאוה נישט זיין, געוויס דאַרף ער אויף איין רגע נישט פערגעסען אינ׳ם „לבלתי רום לבבו״; דאָס הייסט אָבער נישט, אַז ער דאַרף זיך לאָזען אַרומפיהרען פאַר דער נאָז און זיך ערנידריגען און מכניע זיין פאַר יעדען אָדם מן השוק. אויסערליך, אינ׳ם בעצוג צום המון, „לעיני כל-ישראל״, איז — „חזק ואמץ״, דאַרף ער פיהרען זיין התמנות שטרענג, ענערגיש, ביד-רמה; אַנדערש וועט מען פאַר איהם קיין דרך-ארץ נישט האָבען...

(בינה לעתים)

○

הקהל את-העם... (לא. יב.)

דאָס שמיטה-יאָהר איז אַממעהרסטען מסוגל צו שלום און אַחדות, דען עס ווערען דאַמאָלס אין אַ געוויסער מאָס אָבגעשוואַכט די שאַרפע געגענזאַצען צווישען די צוויי פיינדליכע קלאַסען, צווישען אָרים און רייך; אינ׳ם דאָזיגען יאָהר זענען אַלע גלייך. קיינער איז דאַמאָלס קיין בעל-הבית נישט איבער זיין פעלד און תבואָה, און דעריבער איז דאַן די בעסטע צייט צום — „הקהל את-העם!״...

(כלי יקר)

○

ומצאוהו רעות רבות וצרות... (לא. יז.)

„רעות שנעשו צרות זו לזו״... (חגיגה ה.)

רעות, וועלכע זענען זיך סותר איינע די צווייטע און פון וועלכע ס׳איז גאָר קיין אויסוועג נישטאָ, מחמת יעדע פון זיי פערלאַנגט פון אונז אַ פערקעהרטע, להיפוך׳דיגע אויפפיהרונג... שטעהען די אידען, למשל, אָן

אַ זייט און מישען זיך נישט אין דער לאַנד־פּאָליטיק — בעשולדיגט מען זיי, אַז זיי זענען נישט קיין פּאַטריאָטען, אַז דאָס מלוכה־געפיהל איז זיי פרעמד, אַז זיי זענען נישט צוגעבונדען צום לאַנד און עס געהט זיי קיין זאַך נישט אָן!... פערקעהרט ווידער, פּרובען זיי זיך יאָ מישען — ווערט אַ פרישער געוואַלד און געשריי אויף דער אידישער „חוצפה" צו וועלען זאָגען אַ דעה אין די אַלגעמיינע מלוכה־פראַגען, צו מישען זיך אין פרעמדע געשעפטען!... אָ, מיר קאָנען גאָר קיינמאָל נישט יוצא זיין! „רעות שנעשו צרות זו לזו"...

(כנסת ישראל)

○

ועתה כתבו לכם את־השירה הזאת... (לא. יט.)

מיט דער מצוה צו שרייבען ספרי־תורה, צו פראַוזען התחלת־הספר'ס און סיום־הספר'ס פערנעהמען זיך עפ״י־רוב די נגידים; אָבער לערנען די תורה און מקיים זיין וואָס אין איהר שטעהט געשריבען — דאָס לאָזען זיי איבער פאַר די אָרימעלייט, פאַר די אָרימע אידישע קינדער, פאַר די תלמוד־תורה־ און ישיבה־בחורים: זיי אַליין זענען פטור דערפון, זייערע אייגענע קינדער לאָזען זיי לערנען אַנדערע זאַכען!... צו דידאָזיגע נגידים ווענדעט זיך, אַלזאָ, דער פּסוק: „ועתה כתבו לכם את־השירה הזאת" — שרייבט דידאָזיגע תורה נישט בלויז פאַר יענעם, נישט בלויז פאַר די אָרימעלייט, נאָר „לכם", אויך פאַר זיך און אויך פאַר אייערע אייגענע קינדער!...

(ספר הדרשות)

○

והיה כי־תמצאן אותו רעות רבות וצרות... (לא. כא.)

פאַרנאַכט, בשעת דער גאַסען־הענדלער, וועלכער שטעהט מיט קוישלעך פרוכטען אויפ'ן מאַרק, האָט שוין אויספערקויפט די סחורה, פון וועלכער עס איז איהם געבליבען בלויז אַ קלייניגקייט, און ער אײלט זיך שוין צו געהן אַהיים — נעהמט ער דאַן די איבערגעבליבענע רעשטלעך, דאָס ביסעל באַרנעס פון איין קוישעל, דאָס ביסעל עפּעל פון צווייטען קוישעל, דאָס ביסעל פלוימען פון דריטען קוישעל און מישט עס צונויף צוזאַמען, אין איין „קראַם", פערקויפענדיג עס בחצי־חנם, וועלענדיג דערפון וואָס שנעלער פּטור ווערען... און דעריבער — „והיה כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות", אויב דו וועסט זעהן, אַז עס הויבט־זיך־אָן צו שיטען עפּעס אַ געמישטע קראַם מיט צרות פון גאָר מאָדנע פערשידענע מינים — איז אַ סימן,

אַז מ'האָט שוין די סחורה אָבגעלייזט און מען האַלט שוין בײַ די רעשט־לעך, אַז דאָס איז דער סאַמע סוף, די „עקבתא דמשיחא", אַז מען אײַלט זיך שוין צו גײן אַהיים...

(דובנער מגיד)

○

ממרים הייתם עם ד'... (לא. כז.)

עס שטעהט נישט „נ ג ד ד'", נאָר „ע ם ד'": צו יעדער געמיינהייט און צו יעדער נידערטרעכטיגקייט, וואָס זיי בעגעהען, נעהמען זיי דעם רבונו־של־עולם פאַר אַ שותף און מאַכען עס נאָך גאָר פאַר אַ מ צ ו ה!...

(לקוטים)

הַאֲזִינוּ

שִׁחֵת לוֹ לֹא בָּנָיו מוּמָם... (לב. ה.)

„שחת לו", ווי פערדאָרבען אַ מענש זאָל נישט זיין, איז „לא בניו", וואָלט ער פונדעסטוועגען נישט וועלען, אַז אויך זיינע קינדער זאָלען געהן אינ'ם זעלבען שלעכטען וועג און זיין אַזוי, ווי ערן...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

„בניו — מומם"!... אָט דער יחוס און די שטאָלצקייט, אַז זיי זענען „בנים למקום", דעם אויבערשטענס קינדער — אָט דאָס מאַכט זיי אַפּט קאַליע, איינרעדענדיג זיך, אַז אַ קינד איז אַלץ ערלויבט!...

(כלי יקר)

○

וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן וַיִּבְעָט... (לב. טו.)

און דאָס איז דער פשט: „קודם שלא אָכל אָדם ושתה יש לו שני לבבות, לאַחר שאוכל ושותה אין לו אלא לב אחד" (בבא-בתרא י"ב) — בשעת דער מענש איז הונגעריג, פיהלט ער דאַמאָלס נישט-בלויז זיין הארץ, נאָר אויך דאָס האַרץ פון צווייטען, פון אָרימאַן; אָבער „לאַחר שאוכל ושותה", קוים איז ער זאַט, „אין לו אלא לב אחד", האָט ער דאַן בלויז איין האַרץ — יענעמס האַרץ פיהלט ער שוין נישט מעהר!...

(רבי מרדכי באַנעט)

און דאָס איז אויך דער טייטש: „איגרא דתעניתא — צדקתא". דער שכר און די מעלה פונ'ם תענית איז, וואָס בשעת דער נגיד פאַסט און פיהלט איין טאָג אַליין דעם טעם פון הונגער, איז איהם דאַמאָלס לייכטער צו בעגרייפען דעם מצב פון אָרימאַן און די פליכט צו העלפען איהם און צו געבען צדקה...

(כתב סופר)

רבי ישראל סאַלאַנטער, זייענדיג אַמאָל אין פראַנקפורט, איז ער פערבעטען געוואָרען דורכ'ן דאָרטיגען פרומען באַראָן ראָטשילד צו בעזוכען

זיין פאלאץ. גרויסגעהענדיג פון דארט, נאכדעם ווי ער האט אלץ בעטראכט און זיך געגוי צוגעקוקט צו דער התנהגות פון הויז, רופט-זיך-אן רבי ישראל סאלאנטער צום באראן:

— האט קיין פאראיבעל נישט, נאר איך מוז אייך זאגען דעם אמת, אז די אויפפיהרונג אין אייער הויז איז נישט אינגאנצען על-פי התורה...

— מיט וואס, רבי? — פרעגט פערוואונדערט און דערשראקען דער פרומער באראן.

— גאנץ פשוט... — שמייכעלט רבי ישראל. — אין דער תורה שטעהט: „וישמן ישורון ויבעט”, אז ווען א איד ווערט רייך, בריקעוועט ער זיך און פערגעסט אינ'ם אויבערשטען; און ביי אייך איז פונקט פערקעהרט: כאטש איהר זענט, אהן ע"ה, אזוי רייך, דאך פיהרט זיך ביי אייך אנ'אמת פרום כשר הויז, אויפ'ן אלטען אידישען שטייגער! נו, איז דאך עס נישט על-פי התורה...

○

צור ילדך תשי ותשכח אל מחוללך. (לב. יח.)

בעשאפענדיג דיך, האט דער אויבערשטער אין דיר איינגעפלאנצט „תשי”, די מדה פון שכחה, כדי צו פערגעסען און מסיח-דעת צו זיין פון די הבלי עולם הזה; און לסוף — „ותשכח אל מחוללך”, בענוצטו זיך גאר מיט דער שכחה אויף צו פערגעסען אינ'ם אויבערשטען!...

(רבי מנחם-מענדעל מקאצק)

○

וירא ד' וינאץ מכעס בניו ובנותיו. (לב. יט.)

ווען דער מענש אליין זינדיגט, קאן ער נאך ווי-עס-איז האבען א תירוץ, פערענטפערנדיג זיך, אז ער האט נישט געקאנט גובר-זיין דעם יצר; אבער ווען ער נעהמט זיינע קינדער און פיהרט זיי בידים אין שלעכטען וועג, דא קאן שוין קיין שום תירוץ נישט גילטען — אזא איינער איז שוין נישט אנדערש, נאר א להכעיס'ניק!...

(אמרי שפר)

„וירא ד' וינאץ מכעס בניו ובנותיו”... דער אויבערשטער צארנט צו-ליב'ן „כעס בניו ובנותיו” — צוליב דעם, וואס די אידישע קינדער זענען צוריסען, צוקריגט און מלא-כעס איינער אויפ'ן צווייטען. ווען אידען זענען צווישען זיך ברוגז, איז אויך השי"ת מיט אונז ברוגז...

(רבי משה פאלאק)

○

אראה מה אחריתם... (לב. כ.)

אויב איהר, דער עלטערער דור, זינדיגט, טאָ קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ פנים עס וועלען האָבען די שפּעטערדיגע דורות, ווי-אַזוי אייערע קינדער און אייניקלעך וועלען אויסזעהן!...

(פנים יפות)

○

כי דור תהפוכות המה... (לב. כ.)

אַ פערקעהרטער דור: אָנשטאָט די עלטערן זאָלען מדריך זיין די קינדער — זענען די היינטיגע קינדער גאָר מדריך און לערנען דרך-ארץ די עלטערן!...

(כתב סופר)

„כי דור תהפוכות המה"!... איהר פרעגט איינעם, וואָס איז די מעשה, וואָס ער קומט אַ גאַנצע וואָך נישט אין שוהל אריין דאַווענען — ענטפערט ער אייך, אַז ער האָט ליידער קיין צייט נישט, ער איז שטאַרק פערריאַגט אין געשעפטען; קומט איהר אָבער אריין צום זעלבען נאָך אַ נדבה, מאַכט ער אַ רחמנות-פנים און ענטפערט, אַז עס איז אַ שלעכטע צייט, ער פיהרט היינט נישט קיין שום מסחרים!...

אריינקומענדיג צו איהם אין אַ תענית-טאָג, טרעפט איהר איהם עסען, פרעגט איהר דאָך: ס'טייטש? הלמאי פאַסט ער נישט? ענטפערט ער אייך, אַז פאַר אַ מענש פון היינטיגען דור איז שווער צו פאַסטען, מחמת די היינטיגע דורות זענען נעבעך זעהר אָבגעשוואַכט... בשעת-מעשה אָבער עפענט זיך די טהיר און אַן אָרימאַן קומט אריין בעטען אַ נדבה — דאָ פערגעסט ער תיכף וועגען דער „שוואַכקייט פון די היינטיגע דורות" און ער ביי-זערט זיך אויפ'ן אָרימאַן, אַז ער איז נישט קראַנק צו געהן אַרבייטען!... אָט דאָס איז דער פשט: „כי דור תהפוכות המה" — ווי עס לויטעט, אַזוי דרעהט מען מיט דער צונג!...

(מנחת עני)

דער רבי ר' בונם פון פשיסכע איז אַמאָל, זייענדיג אין דאַנציג, גע-זעסען פרייטאָג צונאַכטס אין זיין אַכסניא, וואו ס'איז געווען אויך ווייך צו פערקויפען. קומט אריין אַ איד און הייסט זיך דערלאַנגען אַ גלאָז ווייך פון בעסערן סאָרט, וואָס מען האָט געדאַרפט ספּעציעל אַרויפברענגען פון קעלער. געווען זענען אין דער אַכסניא צוויי משרתים, אַ איד און אַ גוי; געהען זיי ביידע אַראָב אין קעלער אריין — און אַרויסקומענדיג פון דאָרט, דערזעהט ער, ווי דער איד טראָגט דאָס אָנגעצונדענע ליכט, און דער גוי—

דעם ווײַן... אָט דאָס — בעמערקט דערויף דער רבי ר' בונם — איז דער טײַטש: „כי דור תהפוכות המה"! ווען זיי וואָלטען בלויז דאָסזעלבע געטהון פערקעהרט, וואָלט דאָך אַלץ געווען אין אָרדנונג...

○

כי דור תהפוכות המה... הם קנאוני בלא-אל... (לב. כ. כא.)

עס איז אַ „דור תהפוכות" דערמיט, וואָס זיי זענען מהפך דעם „אל" אויף „לא"!...

(קומץ המנחה)

○

אָמרתי אַפאיהם אַשביתה מאנוש זכרם. (לב. כו.)

דער רמב"ן — ווערט דערצעהלט — האָט געהאַט אַ תלמיד, מיט'ן נאָמען אַבנר, וועלכער איז אַרויס לתרבות-רעה און האָט זיך גע'שמד'ט. איינמאָל האָט זיך דער רמב"ן מיט איהם בעגעגענט און איהם געפרעגט די סיבה, וואָס עס האָט איהם בעוואויגען צום דאָזיגען שענדליכען טריט. האָט דערויף דער געוועזענער תלמיד געענטפערט, אַז דאָס איז ער, דער רמב"ן אַליין, שולדיג דערין: דען ער האָט איינמאָל געהערט, ווי דער רמב"ן האָט גע'דרש'ענט, אַז אין דער שירה פון פרשת האַזינו איז מרומז דער נאָמען פון יעדען מענש און וואָס עס וועט פּאַסירען מיט איהם; ער האָט דאָס דאַן בעטראַכט אַלס אונגלויבליכע און אונמעגליכע זאַך — און פון-דאַמאָלס-אָן האָט ער אָנגעהויבען צו לייקענען אין דער אידישער תורה און אין דער גאַנצער אידישער רעליגיע...

דערויף האָט איהם דער רמב"ן געענטפערט, אַז דאָס, וואָס ער האָט דאַן געזאָגט אינ'ם דרוש, איז דורכאויס אמת און אַז אין דער שירה פון פ' האַזינו איז מרומז אויך זײַן נאָמען און דער סוף, וואָס עס ערוואַרט איהם: אינ'ם פסוק „אַפאיהם אַשביתה מאנוש זכרם" בעקומט זיך פון די דריטע אותיות פון יעדען וואָרט דער נאָמען „אַבנר"...

דער ווילנער גאון איז אַמאָל געזעסען בײַ זײַנעם אַ קרוב אויף אַ „פדיון-הבן". בשעת דער סעודה איז פערפיהרט געוואָרען אַ שמועס וועגען דערמאָהנטען רמב"ן, ווי אויך וועגען דעם, וואָס עס ווערט געזאָגט אין די ספרי-קבלה, אַז אין פרשת בראשית זענען מרומז אַלע מצוות פון דער תורה. איינער פון די אָנוועזענדע האָט זיך דאַן געווענדעט צום גאון מיט אַ פראַגע: וואו איז אין פרשת-בראשית מרומז די מצוה פון „פדיון-הבן"? דער גאון האָט איהם דערויף מניה־וביה געענטפערט: באַלד אין ערשטען וואָרט „ב ר א ש י ת"! — „בראשית" מאַכט: „בן ראשון אַחר שלשים יום תפדה"...

○

כי ידין ד׳ עמו... ואפס עצור ועזוב. (לב. לו.)

„ואפס עצור ועזוב — אין בן־דוד בא עד שירבו המסורות, דבר אחר עד שית־עטו התלמידים, דבר אחר עד שתכלה פרוטה מן הכיס, דבר אחר עד שיתיאשו מן הגאולה״... (סנהדרין צ״ז)

רבי נפתלי ראָפּשיצער האָט זיך משדך געווען מיט׳ן סטאָבניצער רבי׳ן. בעת דער ראָפּשיצער איז געקומען צו פאָהרען אויף דער חתונה, איז איהם דער סטאָבניצער אַנטקעגענגעגאַנגען מיט אַ פּ׳עשעל בראָנפען:

— מחותן־לעב, — זאָגט ער צו רבי נפתלי׳ן, — אויך ווען משיח־צדקנו וועט קומען, וועלען מיר איהם אַנטקעגענגעהן מיט אַ פלעשעל בראָנפען; זאָל ער זעהן, מיט וואָס מיר האָבען זיך מחיה געווען אינ׳ם ביטערן גלות!

— ניין, — ענטפערט איהם רבי נפתלי, — מיר וועלען איהם אַנטקעגענגעהן מיט אַזעלכע רביים, ווי מ י ר זענען; זאָל ער זעהן, מיט וועמען אידען האָבען זיך מחיה געווען אין ביטערן גלות...

רבי יעקב אָרנשטיין, דער בעל „ישועות־יעקב״, איז געווען, כידוע, אַ גרויסער מתנגד. איינמאָל איז אין דער שוהל, וואו ער האָט געדאַווענט, ענטשטאַנען אַ שטיקעל מחלוקת צוליב דעם, וואָס אַ איד, וועלכער האָט גראָד געהאַט יאָהרצייט, האָט דאַווענדיג פאַר׳ן עמוד געזאָגט אינ׳ם קדיש „ויצמח פורקניה״, לויט׳ן ספרד׳ישען נוסח, און די גבאים האָבען איהם דערפאַר געמאַכט אַ סקאַנדאַל... דער „ישועות־יעקב״ האָט דערפון געהאַט גרויס צער און ער האָט אויסגעשריען אַ פערביטערטער: — רבונו של עולם! עס איז שוין די העכסטע צייט, משיח זאָל קומען און מיר זאָלען שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל פטור ווערען פונ׳ם „ויצמח פורקניה״!...

○

„ראו עתה כי אני אני הוא ואין אלקים עמדי״... (לב. לט)

וואָס עפּעס צוויי מאָל „אני״? — נאָר ווי בעקאַנט, איז דער שם „הויה״ מרמז אויף ר ח מ י ם, און דער שם „אלקים״—אויף ד י ן. ביי פער־שידענע מצוות, סיי ביי עשה׳ס, סיי ביי לא־תעשה׳ס, ווערען אין דער תורה אָפט צוגעגעבען די ווערטער „אני ד׳״. אין ערשטען פאַל ווערט עס גע־דרש׳ענט: „אני ד׳ — לשלם שכר״; אין צווייטען פאַל: „אני ד׳ — נאמן ליפרע״. איז דאָך אין פלוג אַביסעל קשה: מילא ביי „לשלם שכר״ איז פערשטענדליך, וואָס עס שטעהט „אני ד׳״, דער שם „הוי״ה״, ווייל דאָס איז דאָך מרמז אויף ר ח מ י ם; אָבער ביי „נאמן ליפרע״, וואו עס רעדט

זיך וועגען ע ו נ ש, וואָלט דאָך געדאַרפט שטעהן דער שם „אלקים“, וועלכער איז מרמז אויף ד י ן, נישט דער שם־הרחמים? איז דער תירוץ: אַפילו בשעת עונש, בשעת׳ן אָנווענדען מדת־הדין, איז דער אויבערשטער פול מיט רחמים צום מענשען, מיינענדיג דערמיט בלויז זיין טובה... און דאָס איז דער פשט פון פסוק: „כי ידין ד׳ עמו“ — אַפילו ביי „כי ידין“, בשעת דער אויבערשטער איז מ ע נ י ש די אידען, איז ער משתף דערביי דעם שם „הוי״ה“, די מדה פון רחמים; והראַיה: „ראו עתה“ — בעמערקט, אַדרבה, און זעהט — „כי אני אני הוא“, אַז סיי ביי די מצוות־עשה, ביי דער הבטחה „לשלם שכר“, סיי ביי די מצוות לא־תעשה, ביי דער דראָהונג פון „נאמן ליפרע“, שטעהט אַלץ „אני ד׳“, דער שם „הוי״ה“, וועלכער איז מרמז אויף ר ח מ י ם — „ואין אלקים עמדי“, נישט דער שם „אלקים“, וועלכער איז מרמז אויף ד י ן!..

(רבי שלמה קלוגער)

○

וכפר אדמתו עמו. (לב. מג.)

„וכפר אדמתו עמו — כל היושב בארץ־ישראל ארץ־ישראל מכפרת עליו“.. (ספרי)

רבי מרדכי עליאַשבערג, דער בויסקער רב, האָט ליעב געהאַט ביי יעדער געלעגענהייט צו שמועסען וועגען ארץ־ישראל, ווי גוט עס וועט זיין אין יענע טעג, בעת אידען וועלען זיך אומקעהרען אין הייליגען לאַנד און זיצען, ווי אַמאָל, „איש תחת גפנו ותחת תאנתו“!

— רבי, — פרעגט איהם אַמאָל איינער בעת אַזאַ שמועס, — ווי וועט זיין מיט קרבנות? וועט מען טאַקע מקריב זיין רינדער און שעפסען, גאָר ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען?... היתכן?

— אַי, ר׳ איד, — קרעכצט רבי מרדכי, — ווען איהר זאָלט וויסען, וויפיעל דאגות עס זענען פאַרהאַן, ביז מיר וועלען דערלעבען יענע שעה, וואָלט איהר פערשטאַנען, אַז ד י ד אָ ז י ג ע דאגה קאָן מען איבערלאָזען אויף שפעטער!...

וזאת הברכה

אשר ברך משה איש האלקים וכו׳ לפני מותו. (לג. א.)

ערשט „לפני מותו״, ווען ער האט שוין אלע חשבונות מיט׳ן לעבען געענדיגט, ווען ער האט שוין מעהר קיין שום נסיונות נישט דורכ-צוגעהן—ערשט דאמאלס קאן מען איהם שוין אנרופען „איש האלקים״...

(פנים יפות)

„איש האלקים״!... זיין הימליש, געטליך, און גלייכצייטיג זיך אויך פערנעהמען מיט ערדישע, מענשליכע ענינים, מיט די גשמיות׳דיגע אינטערעסען פון פאלק — דאס איז א רבותא!...

(עוללות אפרים)

o

תורה צוה-לנו משה וכו׳ ויהי בישורון מלך... (לג. ד. ה.)

די געזעצען פון יעדען לאנד זענען צוגעפאסט און אבהענגיג פון דער מלוכה-פארם און מלוכה-ארדנונג; מיט׳ן מאמענט, ווען עס בייט זיך אינ׳ם לאנד די ערשטענדע ארדנונג, ווערען אויך די געזעצען אין א גע-וויסער מאס איבערגעמאכט און געענדערט. אנדערש זענען די געזעצען אין א לאנד פון אנ׳אבסאלוטער מאנארכיע; אנדערש — ווען עס ווערט איינ-געפיהרט א קאנסטיטוציאנעלע ארדנונג; און אנדערש — אין א סאציאליס-טישער רעפובליק.

נישט אזוי איז עס אבער מיט תורת משה! „תורה צוה-לנו משה — מורשה קהלת יעקב״: איהרע געזעצען זענען א פעסטע ירושה, פערפליכ-טענד פאר אלע צייטען און דורות; זיי לאזען זיך נישט ענדערן אונטער קיין שום אומשטענדען — סיי ווען „ויהי בישורון מלך״, ביי א מאנאר-כיסטישער ארדנונג, סיי „בהתאסף ראשי עם״, ביי א פארלאמענטא-טישער ארדנונג, און סיי ווען „יחד שבטי ישראל״, ביי א רע-פובליק!...

(הכתב והקבלה)

o

בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל. (לג. ה.)

קודם־כל דארפען איינינ זיין צווישען זיך די „ראשי עם", די מנהיגים — און ערשט דאן קאן מען ערווארטען דעם „יחד שבטי ישראל", אז אויך צווישען פאלק זאל הערשען אחדות...

(תולדות יעקב־יוסף)

○

יחי ראובן ואל־ימות... (לג. ו.)

וואס עפעס דאפעלט: „יחי" און „ואל־ימות"? — עס זאל זיין נישט קיין געשטארבען לעבען: דען פארהאן אפט, ליידער, אזא לעבען, ווען דער לעבעדיגער איז מקנא די געשטארבענע...

(דבר טוב)

○

ויהי מתיו מספר. (לג. ו.)

אמבעסטען לאזט זיך דערדאזיגער פסוק פערטייטשען מיט'ן פשט פון אבן־עזרא און רמב"ן, וועלכע ערקלערען, אז עס דארף דא צוגעגעבען ווע־רען דאסווארט „ואל" פון ערשטען האלבען פסוק, און עס לייענט זיך, אלזא, אזוי ווי עס וואלט געשטאנען: „יחי ראובן ואל ימות, ואל יהי מתיו מספר"!... אנדערש זענען דידאזיגע ווערטער דא אונפערשטענדליך...

○

האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו וכו' כי שמרו אמרתך... (לג. ט.)

דער שבט לוי האט נישט געהאט און נישט געטארט האבען קיין שום חלק ונחלה אין לאנד, זיי זענען פריי געווען פון דאגות־פרנסה, לע־בענדיג פון „שלחן גבוה"... „האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו" — זיי הא־בען נישט געדארפט אויסקוקען און ווארטען אויף א ירושה פון די על־טערן... „ואת־אחיו לא הכיר" — זיי האבען נישט נויטיג געהאט אנצוקומען צו ברידער און קרובים... „ואת־בניו לא ידע" — זיי האבען פערשפארט צו ארבייטען און צו פערזארגען די קינדער... און ממילא: „כי שמרו אמרתך ובריתך ינצורו" — האבען זיי געהאט צייט און זיך געקאנט פער־גינען צו זיין פרום און עוסק צו זיין במצוות...

(מלאכת־מחשבת)

○

וימת שם משה... (לד. ה.)

„הקב"ה אומר ומשה כותב בדמע"... (רש"י)

נישט צוליב'ן „וימת שם משה" האָט ער פערגאָסען די טרעהרען, נאָר צוליב־דעם, וואָס ער האָט אַליין געדאַרפט וועגען זיך שבּ־ים שרייבען...

(תפארת שלמה)

○

ולא ידע איש את-קבורתו עד היום הזה. (לד. ו.)

און עס ווייסט נישט קיין מענש זיין קבורה ביז'ן היינטיגען טאָג; קיין שום מענש ווייסט נישט, וואו ער וועט שטאַרבען און וואו זיין קבר וועט זיך געפינען...

○

ויתמו ימי בכי אבל משה. (לד. ח.)

דאַגעגען ביי יעקב'ן שטעהט: „ו י ע ב ר ו ימי בכיתו"... דאָרט זענען די בני־ישראל אריבער פון איין בכיה צו דער צווייטער; נאָך יעקב'ס טויט האָט זיך אָנגעהויבען פאַר זיי דער שווערער שעבוד, דער ביטערער גלות־מצרים. דאָ אָבער איז געווען „ו י ת מ ו ימי בכי", די געוויין־טעג האָבען זיך פולקאָם געענדיגט און עס האָבען זיך אָנגעהויבען די טעג פון פרייד, די טעג פון „כבוש הארץ", צוטרעטענדיג צו ערווערבען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד — ארץ־ישראל...

(ישועות יעקב)

○

לעיני כל-ישראל. (לד. יב.)

רבי ירוחם־לייב, דער מינסקער „גדול", דערצעהלט מען, האָט אַמאָל, זייענדיג אויף אַ חתונה, שטאַרק פאַראיבעל געהאַט בעת ער האָט דער־זעהן, ווי חתן־כלה האָבען זיך נאָך דער חופה צוקושט.

— רבי, — פרובט מען איהם בערוהיגען, — מאַי כולי האי? ס'איז דאָך שוין נאָך דער חופה... מאַן און ווייב...

— יאָ, — ענטפערט ער, — אַלץ ריכטיג... אָבער „לעיני כל־ישראל" איז אַ סוף פון דער תורה!...

חָמֵשׁ מְגִלּוֹת

שִׁיר הַשִּׁירִים

שיר השירים אשר לשלמה. (א. א.)

בעת דער עולם האָט דערהערט ג ע ז א נ ג, „שיר השירים", כאָטש עס איז דערביי נישט אָנגעגעבען דער יחוס פון מחבר און עס ווערט גע־זאָגט סתם: „אשר לשלמה" — האָט עס פונדעסטוועגען ביי איהם שטארק אויסגענומען און ער האָט גלייך אָבגעענטפערט: „ישקני מנשיקות פיהו, כי טובים"!...

אָבער ווען דערזעלבער מחבר איז געקומען צו זיי מיט מוסר, מיט שטראָף־רייד, מיט'ן ספר ק ה ל ת, כאָטש עס ווערט דערביי אָנגעוויזען זיין גרויסער יחוס: „קהלת בן־דוד", און זיין הויכער שטאַנד: „מלך בירושלים" — האָט איהם דער עולם אויפגענומען קאַלט, מיט ביטול, ענטפערנדיג: עט!... „הבל הבלים אָמר קהלת, הבל הבלים, הכל הבל"!...

(רבי ישראל סאַלאַנטער)

○

שחורה אני ונאוה... (א. ה.)

דערויף דרש'ענען די חז"ל: „שחורה אני במעשי ונאוה במעשי־אָבות"...

אין דער אידישער אויפפיהרונג בעמערקט מען אָפט שרייענדע קאָנ־טראַסטען: פון איין זייט — מעשים־טובים, זעלטען־איידעלע מעשים, וואָס מען זעהט נישט ביי קיין שום אומה ולשון; און פון דער צווייטער זייט, גלייכצייטיג — מדות מגונות, וועלכע פערשאַפען אונז גאָר קיין כבוד נישט... אין פלוג זעהט עס אויס אונפערשטענדליך: ווי־אַזוי פּאָרט זיך עס דאָס? ווי קומט צו דיזעלבע מענשען אַזאַ „תרתי דסתרי"?... דערויף ערקלערען אונז די חז"ל: וואונדער זיך נישט — „שחורה אני במעשי ונאוה במעשי־אָבות"; די גוטע מעשים האָבען מיר בעקומען בירושה פון די עלטערן, די־דאָזיגע ירושה איז אַזאַ רייכע געווען, אַז עד־היום ערנעהרען מיר זיך פון איהר; דאַגעגען די מעשים־רעים — דאָס איז שוין אונזער א י י ג ע נ ע אַרבייט!...

(דובנער מגיד)

○

ודגלו עלי אַהבה. (ב. ד.)

„אל תקרי דגלו, אלא ד ל ו ג ו". (מדרש)

צו רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער איז אַמאָל געקומען אַ מתנגד'ישער רב, כדי צו בעקענען זיך מיט דער חסיד'ישער התנהגות. אריינגעהענדיג אינדערפריה אינ'ם רבי'ס בית־המדרש צום דאַווענען, זעהט דער רב, ווי די חסיד'ישע מתפללים לויפען אַרום אין טלית ותפילין אַהין און צוריק, ווי אויף אַ יריד, און דאַווענען אײַלענדיג, כאַפּענדיג, שלינגענדיג די ווערטער, וועלכע קומען אַרויס צודרעהט, צוקריפּעלט, און איידער מען קוקט־זיך־אַרום האָבען זיי שוין אָבגעדאַווענט.

פערדריסט עס דעם רב און ער געהט־צו צו עטליכע פון די מתפללים און קרימט זיי איבער:

— מאַ־מאַ־מאַ, וואַ־וואַ־וואַ...

— וואָס זאָגט איהר? — קוקען איהם די אידען אָן פער'חידוש'ט.

דער רב ענטפערט זיי נישט און מאַכט נאָכאמאָל דיזעלבע העויות:

— באַ־באַ־באַ, טאַ־טאַ־טאַ...

הויבען די אידען מיט די פּלייצעס. נישט אַנדערש — טראַכטען זיי זיך — דערדאָזיגער פרעמדער רב איז עפּעס נישט מיט אַלעמען!...

— וואָס? — זאָגט דער רב צו זיי. — איהר פערשטעהט נישט, וואָס איך רעד צו אײַך? אָט אַזוי האָט איהר דאָך געדאַווענט, אויך צום רבונו־של־עולם האָט איהר דאָך פּונקט אַזוי גערעדט!...

רבי לוי־יצחק, וועלכער האָט זיך צוגעקוקט פונדערווייטענס צו אָט דער גאַנצער סצענע, געהט־צו אַ שמייכלענדיגער צום רב און בערוהיגט איהם:

— נעהמט נישט — זאָגט ער — פאַר אומגוט. אויפ'ן פסוק „ודגלו עלי אַהבה" זאָגט דער מדרש: „אל תקרי דגלו, אלא ד ל ו ג ו" — דער אויבערשטער, הייסט עס, האָט אונז ליעב אפילו ווען מיר כאַפּען און היפּערן ביים דאַווענען... למה הדבר דומה? צו אַ קינד, וואָס ליעגט אין וויעגעל און מאַכט „מאַ־באַ"; די גרעסטע חכמים אין דער וועלט וועלען דאָסדאָזיגע לשון נישט פערשטעהן, אָבער טאַטע־מאַמע, ווי נאָר זיי געהען־צו צום קינד, פערשטעהען זיי תיכף, וואָס עס וויל — צי עס בעט עסען, צי עס וויל טרינקען. מיר, אידען, זענען דעם רבונו־של־עולם'ס קינדער, „בנים למקום", און דער טאַטע אין הימעל פערשטעהט אונז און ער ווייסט, וואָס מיר ווילען...

○

הראיני את מראיך... (ב. יד.)

ווייז מיר דיין געזיכט — און איך וועל דיר זאָגען, ווער און וואָס דו ביזט. דאָס פנים פונ'ם מענשען איז זיין גרעסטער מסור — „בפָני נכתב ובפָני נחתם"...

(רבי ברוך מעזשיבוזשער)

O

השמיעיני את־קולך... (ב. יד.)

די עקזיסטענץ פון א פאָלק איז אָבהענגיג פון זיין לשון — און דאָס איז דער פשט: „החיים והמות ביד הלשון". כל־זמן א פאָלק האָט נאָך זיין שפראַך, זיין לשון נישט פערלוירען, האָט עס האָפנונג צו בלייבען לעבען, און דעריבער — „השמיעיני את־קולך", לאָמיך הערען דיין קול, צי בענוצטו זיך נאָך מיט דיין לשון? צי רעדסטו נאָך אויף דיין שפראַך?...

(רבי משה־חיים לוצאַטי)

O

דודי לי ואני לו... (ב. טז.)

אַזוי ווי איך וועל זיין צו גאָט, אַזוי וועט גאָט זיין צו מיר...

(חדושי הרי"ם)

O

בשוָקים וּברחובות אבקשה את שאָהבה נפשי... (ג. ב.)

אין שוהל, אין בית־המדרש, זענען אַלע אידען וואוילע, ליעבע אידען; איך זוך אָבער און וואָלט וועלען געפינען דידאָזיגע ליעבע אידען אויך אין גאַס, אין האַנדעל, אין די ענינים „שבין אָדם לחברו"!...

(צרור המור)

O

כפלח הרמון רקתך... (ד. ג.)

„ריקנים שבך מלאים מצוות כרמון". (מדרש)

דער אמת'ער למדן און דער אמת'ער ירא־שמים געהט תמיד ארום מיט'ן געדאַנק, אַז עס פעהלט איהם נאָך גאָר אַ סך, אַז ער איז נאָך גאַנץ ווייט פון שלמות; דאַגעגען די „ריקנים שבך", די נישטיגע און פוסטע פּאַרשוינען, זיי דוקא זענען שטענדיג „מלאים מצוות כרמון", זיי זענען ביי זיך פולקאָם פאַרטיג, פולקאָם אין אָרדנונג!...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

O

עורי צפון ובואי תימן... (ד. טז.)

דעריוף ווערט געזאָגט אין מדרש: „הרוחות עתידין להתוכח. צפון אומר: א נ י אָביא את הגליות! ודרום אומר: א נ י אָביאו וד׳ עושה שלום ביניהם ונושבות כאחד״...

די כונה פונ׳ם דאָזיגען מאמר איז: „ד ר ו ם״, ווי בעקאַנט, איז מרמז אויף חכמה („הרוצה להחכים – ידרים״), „צ פ ו ן״ איז דער סימבאָל פון עשירות („מצפון זהב יאתה״); צווישען זיי ביידע קומט פאָר, אַלזאָ, אַ ויכוח, ווער פון זיי עס וועט מקרב זיין די גאולה. „צפון״ זאָגט: „אני אָביא את הגליות!״—צו שיבת ציון איז נויטיג עשירות, געלד, אונאויפהערליכע נתינות, וואָס מעהר נדבות, דען „ציון במשפט תפדה ושביה ב צ ד ק ה!״... דאַגעגען „דרום״ זאָגט: „אני אָביא!״ – די אויסלייזונג פון גלות וועט קומען דער־עיקר דורך דער גייסטיגער דערהויבונג פון פאָלק, דורך תורה, אמונה, טהרת־המדות... אָבער „ד׳ עושה שלום ביניהם ונושבות כאחד״ — די גאולת־ישראל נויטיגט זיך אין ב י י ד ע זאַכען, אין ביידע זאַכען צוזאַמען און גלייכצייטיג — „עורי צפון ובואי תימן״...

(עין אליהו)

○

דודי שלח ידו מן־החור... (ה. ד.)

דער אויבערשטער שטרעקט־אויס, כביכול, זיין האַנד און איז מקבל פון אונז די תשובה אויף אונזערע חטאים — „מן־ה ח ו ר״, ווייל ער ווייסט, אַז „לאו עכברא גנב, אלא חורא גנב״, אַז נישט מ י ר זענען שולדיג, נאָר די בעדינגונגען, די צרות אַרום...

(מגלת ספר)

○

עיניו כיונים על אפיקי מים רוחצות בחלב... (ה. יב.)

אין פרשת נח (ח. יא.), אויף „והנה עלה־זית טרף בפיה״, ברענגט רש״י אַ ראיה פון פסוק אין שיר־השירים „כיונים על אפיקי מים רוחצות בחלב״, אַז יונה איז לשון־נקבה, דען דאָס וואָרט „רוחצות״ געהט־אַרויף אויפ׳ן „כיונים״. דאַגעגען אויפ׳ן זעלבען פסוק דאָ, אין שיר־השירים, זאָגט רש״י: „לפי שקראן עינים, והעין לשון נקבה היא, אָמר רוחצות לשון־נקבה״; דאָס הייסט, אַז דער אויסדרוק „רוחצות״ בעציהט זיך נישט אויפ׳ן „כיונים״, נאָר אויפ׳ן „עיניו״... אַלזאָ—אַנדערש פון דער ערקלערונג דאָרט, אין פ׳ נח, און ממילא פאַלט דאָך אויך אָב פון דאַנען די ראיה, אַז יונה איז לשון־נקבה... ווי־זשע קומט עס, וואָס רש״י זאָל זיך אַליין סותר זיין?

אַלס ענטפער אויף דערדאָזיגער ווירקליך האַרבער פראַגע ווערט אָנ־געוויזען אויפ'ן „שם הגדולים" פון חיד"א, וועלכער ערקלערט, אַז דער פירוש־רש"י אויף שיר־השירים, דברי־הימים און איוב שטאַמט נישט פון רבי שלמה יצחקי.

אַ ראיה דערצו זעגען פיעל אַנדערע ווידערשפּרעכענדע שטעלען אין רש"י. למשל: אין מלכים א', אויפ'ן פסוק „ואיש משך בקשת לתמו", זאָגט רש"י: „זה נעמן"; דאָסזעלבע אויך אין מלכים ב', אויפ'ן פסוק „כי בו נתן ד' תשועה לארם", זאָגט רש"י: „הוא משך בקשת לתמו". דאַגעגען אין דברי־הימים ב', אויפ'ן זעלבען פסוק „ואיש משך בקשת לתמו", ערקלערט רש"י: „איש ישראלי מתכוון לירות במחנה ארם". אַלזאָ — נ י ש ט נעמן!...

O

שפתותיו שושנים נוטפות מור עובר. (ה. יג.)

דערויף דרש'ענען די חז"ל: „כל תלמיד שיושב לפני רבו ואין שפתותיו נוטפות — מר תכוינה, שנאמר „נוטפות מור עובר", אל תקרא מור, אלא מר עובר". (שבת ל.)

די מפרשים, ווי בעקאַנט, מאַטערן זיך צו פערשטעהן דעם זין פונ'ם דאָזיגען מאמר. וואו איז דאָ מרומז אין פסוק דער דרש פון „תכוינה"? — אונפערשטענדליך איז אויך די ערקלערונג פון מהרש"ל, וועלכער ענטפערט אויף דערדאָזיגער פראַגע: „ויש לומר דסמיך אַסיפה דקרא ידיו גלילי זהב, והמבין יבין". דערדאָזיגער פירוש פון מהרש"ל איז פאַר אַלעמען אַ חידה סתומה.

עס איז דעריבער אַנצונעהמען, אַז אינ'ם דערמאָהנטען מאמר־חז"ל האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ טעות־הדפוס און אַז באמת בעציהט זיך דער „אל־תקרא" נישט בלויז אויפ'ן וואָרט „מור", נאָר אויך און הויפּטזעכליך אויפ'ן צווייטען וואָרט — „עובר". עס דאַרף נעמליך זיין: „אל תקרא מור עובר, אלא מר בוער". פונקט ווי עס ווערט אויף אַנ'עהנליכען אופן גע'דרש'ענט: „אל תקרא צדקת פרזונו, אלא פזרונו" (פסחים פ"ז), אָדער: „קרבם בתימו, אל תקרא קרבם, אלא קברם" (מועד קטן ט.) וכדומה.

((מקור ברוך)

O

מה־יפית ומה־נעמת אהבה בתענוגים. (ז. ז.)

עס איז קיין רבותא נישט, ווען מען דיענט דעם אויבערשטען בשעת מען איז אָרים און מען וואַרט אויף זיין הילף; אַ רבותא איז איהם צו דיענען און ליעב צו האָבען בעת עס געהט ג ו ט און מען באָדט זיך אין תענוגים!...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

און דאָס איז דער זין פונ׳ם מאמר: „צדיק וטוב לו — צדיק גמור; צדיק ורע לו — צדיק שאינו גמור; רשע וטוב לו — רשע שאינו גמור רשע ורע לו — רשע גמור״ (ברכות ז.):

אויב אַ מענש איז אַ „צדיק וטוב לו״, כאָטש עס געהט איהם גוט, דאָך איז ער אַ צ ד י ק — אַזעלכער איז אונבעדינגט אַ „צדיק גמור״; אויב אָבער ער איז אַ „צדיק ורע לו״, עס געהט איהם שלעכט, ער לעבט אין אָרימקייט — אויף אַזעלכען איז קיין רבותא נישט, וואָס ער איז פרום, און דעריבער איז ער אַ „צדיק שאינו גמור״... דאַגעגען ווידער אויב „רשע וטוב לו״, אויב דער רשע לעבט אין וואוילטאָג — איז קיין חידוש נישט, וואָס ער איז אַ רשע, הייסט ער דעריבער אַ „רשע שאינו גמור״; אויב אָבער „רשע ורע לו״, אויב ער איז אַ רשע, כאָטש עס איז איהם אַליין שלעכט — דאָס איז שוין דער אמת׳ער „ר ש ע ג מ ו ר״!...

(נחפה בכסף)

רות

„המגילה הזו (מגילת רות) — ווערט געזאָגט אין מדרש — אין בה לא טומאָה ולא טהרה, לא איסור ולא היתר. ולמה נכתבה? להודיעך כמה גדול שכר של גומלי חסדים".

און דעריבער לייענען מיר דידאָזיגע מגילה אום שבועות, אין טאָג פון מתן־תורה, כדי אויפמערקזאַם צו מאַכען, אז תורה אַליין, אָהן גמילות־חסדים, גענוגט נישט, דען „כל האומר אין לו אלא תורה — אפילו תורה אין לו"!... (ראשי בשמים)

○

ויהי בימי שפוט השופטים ויהי רעב בארץ... (א. א.)

„שפוט השופטים — דור ששופט את שופטיו". (בבא בתרא ט"ו)

„ויהי" איז אַ לשון־צרה. און דעריבער שטעהט דאָ אין פסוק צוויי מאָל „ויהי": לא־די, וואָס קהל האָט געפייניגט און מבזה געוועזן זיינע רבנים און דיינים, איז געווען אויך „ויהי רעב בארץ", האָט מען זיי נאָך דערצו געלאָזט הונגערן און אויף קיין חיונה זיי נישט געגעבען, קיין שכירות נישט געצאָהלט... (תקון משה)

בעת רבי חיים־לייב, דער סאָסנאָוויצער עלוי, איז געווען רב אין סמאַרגאָן, איז דאָרט געווען אַ געוויסער גביר, אַ מורא'דיגער קמצן,ביי וועלכען עס איז אָנגעקומען שווער און ביטער מוציא צו זיין אַ גראָשען אויף קהל'שע הצטרכות'ן.

איינמאָל איז דער גביר געזעסען ביים רב, און שמועסענדיג וועגען פערשידענע קהל'שע ענינים, טהוט ער איהם דרך־אַגב אַ פרעג: ווי־אַזוי, רבי, איז ביי אייך מיט חיונה?

— מאַ, — ענטפערט איהם רבי חיים־לייב, — ווען כ'זאָל האָבען אַ פיער־פינף בעלי־בתים, ווי איהר, וואָלט איך מיט חיונה קיין דאגה נישט געהאַט.

— אָ, אַ דאַנק! — ענטפערט דער גביר, פיהלענדיג זיך זעהר צו־פרידען פונ׳ם רב׳ס קאָמפּלימענט.

— ניין, — שלאָגט איהם איבער רבי חיים־לייב, — איהר האָט מיך שלעכט פערשטאַנען... כ׳מיין: ווען כ׳זאָל האָבען בלויז אַ פיער־פינף קאַר־גע בעלי־בתים, ווי איהר זענט, וואָלט מיט חיונה קיין דאגה נישט געווען; די צרה איז אָבער, וואָס כ׳האָב צוויי הונדערט בעלי־בתים אַזעלכע, ווי איהרן...

רבי אַייזיל חריף, איידער ער איז געווען רב אין סלאָנים, איז גע־ווען רב אין אַנ׳אָרימער קהלה. נישט האָבענדיג פונוואַנען צו צאָהלען איהם שכירות, האָט קהל צונויפגערופען אַנ׳אסיפה און עס איז געבליבען במוסכם, מען זאָל אָבגעבען דעם רב דאָס קהל׳שע מרחץ. ער זאָל דאָרט אַריינזע־צען זיינס אַ מענש, און וויפיעל עס וועט בלייבען ריינע הכנסה, זאָל עס געהערען צו איהם.

איינמאָל, ערב שבת, בעגעגענט רבי אַייזיל אין גאַס דעם ראש־הקהל, אַ איד אַ גביר און אַ גרויסער דבר־אַחר, בעת יענער געהט פון מרחץ.

— איהר ווייסט, רבי, — זאָגט צו איהם דער ראש־הקהל, — כ׳בין היינט נישט צופרידען געווען פון מרחץ... ס׳איז געווען ווייניג וואַסער און נישט־גענוג וואָרים...

— אַזוי? — גיט אויף איהם רבי אַייזיל אַ בייזען קוק: — אַ בע־דער בין איך שוין ביי אַייך; ווילט איהר נאָך, כ׳זאָל זיין ביי אַייך אַ באָד־גוי אויך?...

○

והלכנה בדרך לשוב... (א. ז.)

דערויף זאָגט דער מדרש: „מלמד שהלכו ביחף״...

געוועהנליך טייטשט מען „שהלכו ביחף״ — זיי זענען געגאַנגען באָר־וועס, און די מפרשים מאַטערן זיך צו ערקלערען, וואָס די חז״ל זענען דערמיט אויסען. פערשידענע פּשטים ווערען וועגען דעם געזאָגט; אָבער אַמ־ריכטיגסטען און איינפאַכסטען זעהט־אויס דער פּשט, וואָס ווערט געגעבען דערויף אין ספר „עבודת הלוים״, נעמליך: אין משניות מסכת מכשירין (פרק ג׳, משנה ח׳) געפינען מיר: „בשעת היחף והדיש לעולם טמא״. דערויף בע־מערקט דאָרט דער ברטנורא: „בשעת היחף — בשעת הקציר״. דאָס הייסט, אַז „יחף״ בעדייט שניט־צייט.

אֵיכָה

בכו תבכה בלילה ודמעתה על לחיה... (א. ב.)

„בלילה — לילה של בכית מרגלים בתשעה-באב גרמה להם... (מדרש)

די טרעהרען, וואָס די מרגלים האָבען פערגאָסען אין מדבר, נישט וועלענדיג געהן קיין ארץ-ישראל, דיזעלבע טרעהרען רינען נאָך איצט אויף איהרע באַקען; עד-היום איז נאָך נישט גענוג שטאַרק ביי איהר דער רצון און די אַהבה לארצנו הקדושה!...

(רבי יעקב מליסא)

○

גלתה יהודה מעני... (א. ג.)

„וכי אומות-העולם אינם גולים"? זענען דען נישט אויך אַנדערע פעלקער פערטריבען געוואָרען פון זייער היים? — נאָר די אומות-העולם, וועלכע עסען פון פרעמדען ברויט און טרינקען פון פרעמדען וויין (אַסימילירענדיג זיך מיט די שכנים), איז זייער גלות קיין גלות נישט; דאַגעגען די אידען, וועלכע עסען נישט פון פרעמדען ברויט און טרינקען נישט פון פרעמדען וויין — ז י י ע ר גלות איז גלות!...

(מדרש רבה)

○

כל-רודפיה השיגוה בין המצרים. (א. ג.)

עס איז נישט קיין שווערע זאַך צו זיין אַנ'אַנשטענדיגער, לייטישער מענש בעת מען זיצט זיך במנוחה, אָהן דאגות, פערזאָרגט מיט אַלעם נויטיגען. אַ רבותא איז, ווען מען איז בכח צו בלייבען אַנשטענדיג און עהרליך בעת מען איז פסדר אַרומגערינגעלט מיט דאגות און צרות אָהן אַ שיעור, בעת מען האָט קיין איינציגען רוהיגען טאָג נישט, בעת מען ווערט פון אַלע זייטען גע'רודפ'ט!... „כל-רודפיה השיגוה — ב י ן ה מ צ ר י ם": דעם כח און די גדלות פון פאָלק ישראל זענען אונזערע רודפים און שונאים אימשטאַנד משיג צו זיין ערשט דאַמאָלס, אין

יענע מאָמענטען, בעת אידען געפינען זיך „בין-המצרים״, ראַנגלענדיג זיך מיט די אָהן אַ שיעור צרות און ליידען... זיי, אויף אונזער אָרט, וואָלטען דאָס שוין לאַנג נישט געווען איבערטראָגען; זיי, אין אונזערע בעדינגונגען, וואָלטען שוין לאַנג דאָס מענשליכע פּנים פערלוירען און אין חיות-רעות פערוואַנדעלט געוואָרען...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

○

וילכו בלא-כח לפני רודף. (א. ו.)

דאָס ערגסטע אומגליק אונזערס איז, וואָס מיר געהען אליין צום רודף, וואָס מיר קריכען אַליין צום וואָלף אין מויל אַריין, אָהן שום כח און צוואַנג פון זיין זייט; מיט'ן אייגענעם ווילען שלעפּען מיר זיך-נאָך נאָך איהם, בעמיהענדיג זיך צו געהן אין זיינע וועגען און איבערצונעהמען זיינע מדות און זיין לעבענס-שטייגער!...

(דובנער מגיד)

○

ראוה צרים שחקו על-משבתיה. (א. ז.)

זיי לאַכען פון דער רוהיגקייט און גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכע די אידען בעציהען זיך צו זייערע צרות, נישט-פיהלענדיג מעהר דאָס גרויסע אומגליק, וואָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט, צוגעוואוינענדיג זיך און זייענדיג צופרידען מיט'ן גלות...

(בינה לעתים)

○

חטא חטאה ירושלים על-כן לנידה היתה... (א. ח.)

די שטראָף אויף ירושלים פאַר איהרע זינד איז נישט קיין „איסור-עריות״, וואָס איז אַן איסור-עולם; נאָר ווי אַ נידה, אויף וועלכער דער איסור איז בלויז אַ צייטווייליגער, אַ פאַראיבערגעהענדער...

(רבי יוסף-שאול נאַטאַנזאָהן)

○

פרש רשת לרגלי... (א. יג.)

„אם ראית ספסלים מלאים בבליים מונחים בא״י, צפה לרגליו של משיח, דכתיב פרש רשת לרגלי״. (מדרש רבה)

בשעת מיר וועלען זעהן אַ התעוררות ביי די בבליים, די בני-הגולה, צווישען וועלכע עס וועט זיך אָנהויבען אַ מאַסען-עליה קיין ארץ-ישראל — איז עס אַ סימן, אַז עס דערנעהנטערן זיך די טריט פון משיח'ן...

(תורה תמימה)

○

על-אלה אני בוכיה עיני עיני יורדה מים... (א. טז.)

דערויף וויין איך אַממעהרסטען — דערויף, וואָס בלויז איך אַליין דאַרף גיסען מיט טרעהרען, וואָס נישט אַלע פיהלען דעם צער און דעם חורבן!...

און דאָס איז אויך דער פשט: „אֵבל יחיד עשי-לך מספד תמרורים" (ירמיה ו׳, כ״ו) — אַמביטערסטען דאַרף מען קלאָגען דערויף, וואָס דער טרויער איז בלויז אַן „אבל יחיד", וואָס בלויז יחידים פיהלען און טרויערן אויף דעם גרויסען אומגליק!...

(לוח ארז)

○

צוה ד׳ ליעקב סביביו צריו, היתה ירושלים לנדה בניהם. (א. יז.)

ווייל ירושלים איז „לנדה ביניהם", ווייל די אידען דערווייטערן זיך פון ירושלים און זענען מסיח-דעת פון איהר, דעריבער „צוה ד׳ ליעקב סביביו צריו", בעפעהלט השי״ת די שונאים, זיי זאָלען יעקב׳ן ביי יעדער געלעגענהייט דערמאָהנען וועגען דעם...

(רבי מרדכי באַנעט)

און דאָס איז אויך דער פשט: „שאלו שלום ירושלים יהי שלום בחילך" — אינטערעסירט זיך און זאָרגט פאַר ירושלים, וועט דאַן אויך זיין „שלום בחילך", וועט איהר פערשפּאָרען, אַז עשו זאָל אייך וועגען דעם דערמאָהנען!...

(כתב סופר)

○

כי-גדול כים שברך מי ירפא-לך. (ב. יג.)

בעת עס געשעהט אַ חורבן אויף דער יבשה, בלייבט דער רושם אויף לאַנגע צייטען, די איבערגעבליבענע חורבות זענען דורות-לאַנג עדות אויף דעם געשעהענעם אומגליק. דאַגעגען אויפן ים, ווען עס פּאַסירט די מורא׳דיגסטע קאַטאַסטראָפע, ווען עס געהט-אונטער אַ שיף מיט טויזענדער מענשען, בלייבט נישט איבער פון דעם אַלעם אין פערלויף פון אייניגע מינוטען דער מינדעסטער צייכען... אויך דער גורל פון אידישען פאָלק איז עהנליך צו די אומגליקען אויפ׳ן ים: די אַלע צרות און חורבנות, וואָס אידען לעבען-איבער, ווערען זעהר שנעל אָבגעווישט, זעהר שנעל פערגעסען... „כי גדול כים שברך!"

(רבי יעקב-יצחק ריינעס)

○

לְמִי עֹלְלֵת כֹּה אִם-תֹּאכַלְנָה נָשִׁים פִּרְיָם... (ב. כ.)

ביי מתן־תורה איז געזאָגט געוואָרען: „כה תאמר לבית יעקב" — „אלו הנשים", מען זאָל פריהער רעדען און ווירקען א ו י ף ד י פ ר ו י ע ן, ווייל זיי האָבען דעם איינפלוס אויפ׳ן הויז, אין זייערע הענד ליעגט די ערציהונג פון די קינדער... לסוף — „למי עוללת כ ה", וואָס פאַר אַ תועלת האָבען מיר פונ׳ם דאָזיגען „כה", פונ׳ם „כה תאמר לבית יעקב", וואָס פאַר אַ פעולה האָט דאָס געבראַכט — „אם־תאכלנה נשים פרים", אויב פאַקטיש זעהען מיר גאָר פערקעהרט, אַז דוקא די פ ר ו י ע ן, צו וועלכע מען האָט זיך די ערשטע געווענדעט בעת מתן־תורה, דוקא ז י י עסען־אויף און מאַכען אַ תל פון אונזערע קינדער, ערציהענדיג זיי אין פרעמדען, נישט־אידישען גייסט!...

(כנסת ישראל)

○

וַתִּזְנַח מִשָּׁלוֹם נַפְשִׁי נָשִׁיתִי טוֹבָה. (ג. יז.)

דערפאַר איז „נשיתי טובה", ווייל „ותזנח משלום נפשי", ווייל ס׳איז ביי אונז קיין שלום און אחדות נישטאָ!...

(חתם־סופר)

●

זָכוֹר תִּזְכּוֹר וְתָשׁוֹחַ עָלַי נַפְשִׁי וכו׳ עַל-כֵּן אוֹחִיל... (ג. כ. כא.)

אַ פאָלק, וואָס געדענקט אָהן אויפהער און הערט נישט אויף צו פערגיסען טרעהרען אויפ׳ן חורבן פון זיין לאַנד — אַזאַ פאָלק האָט דאָס רעכט צו האָפען און צו זיין זיכער, אַז זיין האָפנונג איז נישט פערלוירען!...

(בינה לעתים)

○

נִשָּׂא לְבָבֵנוּ אֶל-כַּפָּיִם... (ג. מא.)

פאַרהאַן מענשען מיט „גוטע הערצער", זי האָבען דעם בעסטען ווילען, די בעסטע כונות, זיי זענען מסכים אויף אַלע גוטע זאַכען, נאָר — אָהן ד י ה ע נ ד: די הענד ווילען זיי דערביי נישט צוריהרען!... אַ „גוט הארץ" אַליין איז אָבער ווייניג: „נשא לבבנו א ל כ פ י ם" — צום הארץ זענען נויטיג אויך ד י ה ע נ ד!...

(ספר הדרוש)

○

נחלתנו נהפכה לזרים בתינו לנכרים. (ה. ב.)

„נחלתנו נהפכה לזרים, בתינו לנכרים" — אונזערע הייזער ווערען פער'גוי'אישט, מיר פיהלען זיך אין זיי ווי פרעמדע... „יתומים היינו ואין אָב" — די קינדער האָבען אַ פנים ווי יתומים, וועלכע האָבען קיין טאַטען נישט... ער עקזיסטירט נישט פאַר זיי, מען איגנאָרירט איהם און מען שעמט זיך מיט איהם!

(קול יהודה)

קֹהֶלֶת

דברי קהלת בן-דוד... (א. א.)

„קהלת" — אַ זאַמלונג פון כל מיני חרטות... דען געוועהנליך איז דער שטייגער ביי יעדען מענשען, אַז בשעת ער קומט אויף דער עלטער און ער הויבט-אָן צו מאַכען מיט זיך אַ שטיקעל חשבון-הנפש, דוכט זיך איהם, אַז בלויז ע ר האָט געהאַט אַ טעות אין חשבון, בלויז ע ר האָט שלעכט געלעבט; דאַגעגען י ע נ ע ר, דער צווייטער, האָט אַודאַי געלעבט קליגער און גליקליכער פון איהם. דאָסזעלבע טראַכט אויך י ע נ ע ר, און אַזוי יעדער איינער... אין „קהלת" זענען, אַלזאָ, צונויפגעזאַמעלט די חרטות פון כל מיני טיפען מענשען, פון יעדען אַרט און שטייגער לעבען... משל למה הדבר דומה? צו אַ חברה בלינדע בעטלער, וועלכע שטעהען אין גאַס און בעטען אַ נדבה. געהט פאַרביי איינער אַ לץ און רופט-אויס: נאַט אייך, בלינדע, נעהמט! אַט האָט איהר דאָ צעהן גילדען!... יעדער פון די בלינדע איז זיכער, אַז דאָס האָט אַודאַי דער צווייטער, דער חבר זיינער, דידאָזיגע גראָבע מטבע בעקומען; אָבער באמת איז „לא דובים ולא יער"! — ק יי-נ ע ר פון זיי האָט נישט!...

(דובנער מגיד)

○

כל-הנחלים הולכים אל-הים והים איננו מלא... (א. ז.)

און אַזוי איז אויך דער מ ע נ ש: וויפיעל עשירות דער מענש זאָל נישט ערווערבען, וויפיעל ער זאָל נישט פערמאָגען און וויפיעל ער זאָל נישט נאָכגעבען זיינע תאוות — שטענדיג וועט ער בלייבען אונבעפרידיגט...

(עוללות אפרים)

○

ואין כל-חדש תחת השמש... (א. ט.)

אין די אַלטע, פאַרצייטישע ספרים און אויך אין תלמוד — ווי מערק-ווירדיג דאָס זאָל נישט אויסזעהן — געפינען מיר דייטליכע רמזים וועגען אַ גרויסען טייל פון די מאָדערנע טעכנישע ערפינדונגען.

וועגן טעלעגראַף ווערט אָנגעוויזען אין אַן אַלט ספר „מנחת יהודה", אין וועלכען עס ווערט געזאָגט:

„ויש לזה רמז גדול בטבע, בענין אבן מגניטיזם השואבת ברזל, כי כשתחזיקנה היטב ותסיר מעליה סיגיה ואח"כ תשבר אותה לשתים, ותשים החתיכה האחת בקרן זוית אחד והחתיכה השניה בקרן אחר, ואפילו מרוחקות זה מזה אלף מלין, ותניח הברזל סמוך לאחת החתיכות האלה, תמצא כי כל תנועה שעושה אותה החתיכה, באותה שעה עושה האחרת תנועה זו"...

געדרוקט איז דאָסדאָזיגע ספר אין יאָהר שי"ח, אַלזאָ מיט דריי הונ־דערט פינף און זיעבציג יאָהר צוריק!...

וועגן טעלעפאָן געפינען מיר אין „שבות יעקב" אַ שאלה-ותשובה, צי מען מעג רעדען אום שבת אויף אַ ווייטען מרחק, צי עס איז נישט פאַרהאַן דערביי קיין איסור תחומין. וועגן דעם ווערט דאָרט געזאָגט:

„וביחוד ע"י כלים המיוחדים לדבר ומשמיעים קול, על כמה וכמה מילין ברחוק-מקום יכול אָדם לדבר עם חבירו"...

דער „שבות-יעקב" איז געדרוקט אין תפ"ב, אַלזאָ מיט איבער צוויי הונדערט יאָהר צוריק!...

וועגן כעמיע ווערט אָנגעוויזען, אַז שוין דער מקובל רבי חיים ווי־טאַל האָט זיך בעשעפטיגט מיט דערדאָזיגער וויסענשאַפט. אינ'ם ספר „שבחי ר"ח וויטאַל" ווערט בפירוש געזאָגט: „לרמז על שתי שנים ומחצה שבטלתי מן התורה ועסקתי בכימי"...

אַז מ'האָט זיך שוין פאַרצייטענס אָבגעגעבען מיט אַטלעטיק און גימנאַסטישע איבונגען, דאָס זעהען מיר דאָך דייטליך אין פסוק, אין שמואל ב': „יקומו נא הנערים וישחקו לפנינו... ויקומו... שנים עשר לבנימין ולאיש־בושת... ויחזיקו איש בראש רעהו ויפלו יחדו"... און אין בראשית-רבה: „משל לשני אתליטין שהיו עומדים ומתגוששים לפני המלך"...

וועגן זשאָנגלעריי און אַקראָבאַטיק געפינען מיר אין מסכת סוכה, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגן רבי שמעון בן-גמליאל, אַז בעת שמחת בית-השואבה „היה נוטל שמונה אבוקות של אור וזורק אחת ונוטל אחת ואין נוגעות זו בזו"...

אָבער דער עיקר איז, וואָס אַפילו די ערפינדונג פון „אונטערוואַסער־שיפען", מיט וועלכע דייטשלאַנד האָט זיך צום ערשטען מאָל בענוצט אין דער לעצטער וועלט-מלחמה, אַפילו ד אָ ס איז שוין דאַמאָלס קיין נייעס נישט געווען... פאַרהאַן אַ בפירוש'ער „מדרש שוחר טוב", וואו עס ווערט

דערצעהלט וועגען אדריאנוס קיסר, אז „עשה תיבה של זכוכית והושיב בני־אדם לתוכה והורידם לעומק אוקינוס"...

מיט איין ווארט: נישטא קיין נייעס אונטער דער זון!...

(מקור ברוך)

○

ויוסיף דעת יוסיף מכאוב. (א. יח.)

— איז מאי כולי האי? — האט דערויף אויסגעשריען רבי מענדעלע קאצקער: — זאל אפילו וועה טהון — אבי וואס־מעהר דעת!...

○

וזה־היה חלקי מכל־עמלי. (ב. י.)

„חד אמר מקלו וחד אמר קידו, מקידה של חרס ששותין בה"... (רש"י)

וואס עפעס גראד „מקלו" און „קידו"? — דען די גמרא זאגט (עירובין כ"א), אז שלמה האט מתקן געווען עירובין (עירובי־חצרות) און נטילת־ידים — און דאס, אלזא, איז דער זין: „מקלו" — עירובי־חצרות, און „קידו" — נטילת־ידים...

(רבי אליה גריידיצער)

○

וראיתי אני שיש יתרון לחכמה מן־הסכלות... (ב. יג.)

דען דער חכם קאן זיין א נאר, אויב ער וויל; אבער דער נאר קאן נישט זיין קיין חכם...

(רבי לייבוש חריף)

○

לכל זמן... (ג. א.)

אין אלעם מאכען די מענשען שולדיג די צ י י ט. אויף אלע עוולות און אונרעכטען, וואס זיי בעגעהען, האבען זיי שטענדיג א פארטיגען תירוץ: — די צייט נעבעך, די צייט איז שולדיג!...

(חתם־סופר)

○

עת ספוד ועת רקוד. (ג. ד.)

„ספוד" און „רקוד" האבען צווישען זיך די עהנליכקייט, וואס אין ביידע פאלען איז מען שטארק מגזם: סיי ביי „עת רקוד", ווען מען איז

משמח חתן וכלה, סיי ביי „עת ספוד", ווען מען איז מספיד אַ נפטר, האַלט מען אין איין זאָגען שבחים, וועלכע שטימען זעלטען מיט'ן אמת...

(הרב סאָגאַלאָוויטש ממלאַווע)

„עת ספוד ועת רקוד"... ר' יו"ט ליפּמאַן צונץ האָט צו זיינע ספרים, וואָס ער האָט געדרוקט אין העברעאיש, אַ סך געלד דערלעגט, דאַגעגען האָט ער גוט פערדינט פון די ביכער, וואָס ער האָט געדרוקט אין דייטש. אין אַ בריעף צו אַ פריינד האָט ער זיך וועגען דעם אויסגעדריקט: „עת ספוד ועת רקוד"... ספוד איז די אותיות דפוס, און רקוד — די אותיות דרוק: אויב מען דרוקט לשון-קודש'דיגע ספרים און אויפ'ן שער-בלאַט געפינט זיך דאָס וואָרט „דפוס", דאַמאָלס איז פאַר'ן מחבר — „עת ספוד"; אויב אָבער דאָס ספר ווערט אַרויסגעגעבען אין אַ פרעמדער שפּראַך און אויפ'ן פאָדער-בלאַט ווערט אָוועקגעשטעלט דאָס וואָרט „דרוק", דאַן איז — „עת רקוד"...

O

עת לחשות ועת לדבר. (ג. ז.)

בשעת דער מלבי"ם איז געווען אין בערלין, האָט ער געהערט אין סינאַגאָגע אַ דרשה פון אַ ראַבינער, וועלכע האָט געדויערט איינינע שעה און האָט קיין שום אינהאַלט און טעם נישט געהאַט. אַרויסגעהענדיג פון דאָרט, זאָגט דער מלבי"ם צו זיינע מקורבים: אין אַלע אַכט-און-צוואַנציג „עתים", וואָס קהלת רעכענט-אויס, איז ביי יעדער פון זיי פאַרהאַן אַ מי-טעלוועג. למשל: „עת לאהוב ועת לשנוא", איז דער מיטעלוועג — גלייכ-גילטיגקייט, נישט ליעב און נישט פיינט האָבען. „עת לבכות ועת לשחוק", איז דער דרך הממוצע — נאָרמאַלקייט, נישט וויינען און נישט לאַכען. א. אַ. וו. א. אַ. וו. וואָס פאַר אַ מיטעלוועג אָבער, איז מיר שטענדיג קשה געווען, איז פאַרהאַן צווישען „עת לחשות ועת לדבר"? — איצט איז עס מיר קלאָר געוואָרען: דער מיטעלוועג צווישען זיי איז אַ ראַבינערשער „פּרעדיגט" — עס איז נישט געשוויגען און נישט גערעדט!...

O

ומותר האָדם מן-הבהמה אָין... (ג. יט.)

די מעלה פונ'ם מענש איז, וואָס ער קאָן געוועלטיגען איבער זיך און זאָגען: „אָ ! ן" — נ יי ן!...

(בינה לעתים)

O

ממלך זקן וכסיל... (ד. יג.)

אליין איז ער דוקא, דער יצר-הרע, א חכם-מחופם — און „כסיל" הייסט ער בלויז דערפאר, ווייל ער האנדעלט מיט נאראנים...

(חדושי הרי"ם)

○

וקרוב לשמוע מתת... (ד. יז.)

הערען תורה און כל מיני מוסר-ווערטער איז א סך לייכטער, ווי — צו געבען א גראשען!...

(רבי ישעיה'לע פראגער)

○

אם-עושק רש וגזל וכו' תראה במדינה אל-תתמה וכו' כי גבוה מעל-גבוה שומר... (ה. ז.)

„כי גבוה מעל-גבוה שומר" — „איין האנד וואשט די צווייטע" — איין שוטר און שופט שיצט און היט דעם צווייטען, אז די בעגאנגענע אונגערעכטיגקייטען און פאלשקייטען זאלען חלילה נישט ארויסקומען אויף דער ליכטיגער שיין!...

(רבי יצחק-יעקב ריינעס)

○

והשבע לעשיר איננו מניח לו לישון. (ה. יא.)

די זאטקייט פונ'ם עושר לאזט יענעם, דעם צווייטען, נישט שלאפען — מחמת קנאה...

(חתם-סופר)

○

טוב שם משמן טוב ויום המות מיום הולדו. (ז. א.)

„ויום המות מיום הולדו" — דער „יום-המות" הויבט-זיך-אן „מיום-הולדו". דער מענש שטארבט ביסלעכווייז, ביסלעכווייז; מיט יעדען איינציגען טאג ווערט פערקירצט און אבגעשטארבען א טייל פון זיין לעבען...

(עוללות אפרים)

○

אין צדיק בארץ אשר יעשה-טוב ולא יחטא. (ז. כ.)

עס איז קיין צדיק נישט דער-יעניגער, וועלכער רעדט-זיך-איין, אז ער טהוט בלויז גוטס און זינדיגט נישט!...

(רבי משה-לייב סאסעווער)

○

אָמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני. (ז. כג.)

אויב איך רעד מיר איין, אז איך בין קלוג, איז עס א סימן, אז — „והיא רחוקה ממני"!...

(רבי מנחם־מענדעל מקאָצק)

אָדם אחד מאלף מצאתי... (ז. כח.)

פון טויזענד מענשען וואָלט מען אפשר געקאָנט מאַכען איינעם. איינער איז א בן־תורה, דער צווייטער א ירא־שמים, דער דריטער איז א בעל־צדקה, דער פיערטער — א סבלן, דער פינפטער — אַנ'עניו, דער זעקסטער — א דובר־אמת, און אַזוי ווייטער... איז אָט פון די אַלע מענשען וואָלט מען קוים געקאָנט צונויפשטעלען איין ריכטיגען, פולקאָמענעם מענשן!...

(בינה לעתים)

כי לא יוכל האָדם למצוא את־המעשה אשר נעשה תחת־השמש... (ח. יז.)

אויפ'ן פסוק „ראמות לאויל חכמות" (משלי כ"ד, ז') זאָגט דער מדרש (אין קהלת) דריי משלים. איין משל איז: „לככר שהיה בשמי קורה", צו א ברויט, וואָס איז געלעגען אויף א הויכען באַלקען און קיינער האָט נישט געקאָנט דערלאַנגען אַהין, ביז עס איז געקומען א חכם און ער האָט געזאָגט: „אני אקשר סולם בסולם", איך וועל צונויפבינדען א לייטער צו א לייטער און אַרויפגעהן אַהין און דאָס ברויט אַראָבנעהמען... א צווייטער משל איז: „למים יפים שהיו בבור עמוק", צו גוטע, זיסע וואַסער, וועלכע זענען געווען אין א טיפען גרוב און מען האָט נישט געקאָנט צו זיי דער־גרייכען, ביז עס איז געקומען אַ חכם און האָט געזאָגט: „אני אקשר חבל בחבל", איך וועל צונויפבינדען א שטריק מיט א שטריק און אַראָבלאָזען אַנ'עמער און שעפּען דאָס וואַסער... א דריטער משל איז: „למלך ששכר פועלים לשאוב מים בחביות מנוקבות", צו א מלך, וועלכער האָט געדונגען אַרבייטער, זיי זאָלען שעפען וואַסער אין לעכערדיגע עמערס, האָבען די אַרבייטער געזאָגט צו איהם: ווי־אַזוי, מלך, קאָנען מיר עס טהון און צו־וואָס נוצט עס דען?... ביז עס איז געקומען א חכם און האָט געזאָגט: „מאַי איכפּת לי, שכרי אני נוטל" — וואָס אינטערעסירט דאָס מיך? אַבי איך בעקום מיין שכר!...

דער אונטערשיעד צווישען דידאָזיגע דריי חכמים — האָט דערויף בעמערקט רבי מענדעלע קאָצקער — איז אַזוי. דער ערשטער חכם האָט געזאָגט: אויב דאָס ברויט ליעגט אויף אַ הויכען באַלקען, האָט דאָך דאָס עמיצער פריהער געמוזט אַהין אַרויפלעגען; הייסט דאָך עס, אַז עס איז פאַרהאַן אַ וועג צוצוקומען אַהין — נו, וועל איך זיך בעמיהען דעם וועג צו געפינען.

דער צווייטער חכם איז געגאַנגען נאָך ווייטער און האָט זיך אונטערגע־נומען צו געפינען אַ וועג אויך צום וואַסער אין טיעפען גרוב, צו וועלכען עס איז נאָך קיינער פריהער נישט צוגעקומען און קיינער פאַר איהם האָט דעם וועג נישט געוואוסט.

אַמווייסטטען אָבער פון זיי ביידע איז געגאַנגען דער דריטער חכם, וועלכער האָט זאָגאַר מסכּים געווען צו שעפּען וואַסער אין געלעכערטע עמערס; ווארום נישט דאָס, וואָס מיר קליינע מענשעלעך מיינען, אַז עס איז אַ „וועג״ — איז באמת אַ וועג, און נישט דאָס, וואָס מיר האַלטען פאַר אַ „תכלית״ — איז באמת אַ תכלית!

און דער קאָצקער האָט דערויף צוגעגעבען: אָט דער דריטער חכם איז געווען דער קליגסטער פון אַלע...

○

לא לחכמים לחם וגם לא לנבונים עושר... (ט. יא.)

דען עס איז הא בהא תליא: ווען די עשירים וואָלטען זיין „נבונים״ און געהאַט שכל, דאַן וואָלטען זיי געווען געזאָרגט און נישט צוגעלאָזט צום „לא לחכמים לחם״, אַז די חכמים און געלעהרטע זאָלען דאַרפען הונ־גערן...

(מעט מזעיר)

משה מענדעלסאָן האָט יאָהרען־לאַנג געדיענט אַלס בוכהאַלטער ביי אַ געוויסען בערלינער סוחר, אַ גביר אַדיר, וועלכער איז געווען אַ פּראָס־טער מענש, אַ גרויסער עם־הארץ.

— זעה, — רופט זיך אַמאָל אָן צו מענדעלסאָנ׳ען איינער פון זיינע פריינד, — ווי נישט ריכטיג דער אויבערשטער פיהרט די וועלט: דו, וואָס דו ביזט אַזוי געבילדעט, דאַרפסט זיין אַ „מענש״ ביי יענעם; און דיין בעל־הבית, אַ פּראָסטאַק, פיהרט אַזעלכע ריזיגע געשעפטען און איז אַזוי רייך! איז עס אַ יושר אַזוי?

— אַדרבה! — ענטפערט איהם מענדעלסאָן: — אָט דאָס בעווייזט טאַקע, פערקעהרט, ווי ריכטיג דער אויבערשטער פיהרט באמת זיין וועל־

טעל. איך, זייענדיג געבילדעט, קאָן האָבען חיונה ווערענדיג אַ בוכהאַלטער; וואָס וואָלט אָבער מיין בעל־הבית נעבעך געקאָנט טהון, ווען ער וואָלט נישט געווען קיין גביר?...

„לא לחכמים לחם"... דען אויב — זאָגט דער אויבערשטער צום מענש — דו ביזט יאָ ביי זיך אַזאַ גרויסער חכם, טאָ בעוויז דיין בריה'־שאַפט און נעהם דיר אַליין!... (רבי מנחם־מענדעל מקאָצק)

„לא לחכמים לחם"!... עס שטעהט נישט „לחכם", נאָר „לחכמים": דער ערגסטער משא־ומתן איז, ווען ער ווערט געפיהרט צווישען צוויי חכמים, וועלכע בעמיהען זיך איבערצוקליגען און איבערצוכיטרעווען איינער דעם צווייטען — און דער סוף איז, אַז זיי האָבען דאַן ביידע קיין ברויט נישט!... (אַ פאָלקס־ווערטעל)

רעי יהושע'לע קוטנער פלעגט טייטשען דעם מאמר־חז"ל „חכם שמת — הכל קרוביו": מיט אַ תלמיד־חכם ווערען אַלע קרובים ערשט נאָך זיין טויט, ערשט דאַמאָלס נעהמען זיי זיך מיט איהם יחוס'ן; ווען ערענד ביים לעבען, אויב ער ליידט דחקות, איז קיינער פון די אַלע קרובים מיט איהם קיין מחותן נישט!...

○

וגם־בדרך כשהסכל הולך וכו' ואָמר לכל סכל הוא. (י. ג.)

„הטפש סבר דכל־עלמא טפשין הן" (דער נאַר האַלט די גאַנצע וועלט פאַר נאַראָנים)!... (מדרש רבה)

○

והכסף יענה את־הכל. (י. יט.)

אויב איינער, למשל, איז אַ מחוצף אָהן געלד, זאָגט מען אויף איהם: „מדחציף כולי האי, שמע מינה ממזר הוא"; אויב אָבער ער איז אַ מחוצף מיט געלד, דאַן זאָגט מען שוין אויף איהם גאָר עפּעס־אַנדערש: — „עשיר יענה עזות"... (שיחות חולין של ת"ח)

○

ספרים הרבה אין קץ... (יב. יב.)

„שלשה ספרים — זאָגען די חז״ל — נפתחין בראש־השנה, אחד של רשעים גמורין ואחד של צדיקים גמורין ואחד של בינונים״... אויך ווערט געזאָגט: „אין משיח בן־דוד בא אלא בדור שכלו זכאי או כלו חייב״... קימט אַלזאָ ממילא אויס, אַז כל־זמן עס וועלען זיין „ספרים הרבה״, כל־זמן עס וועלען דאַרפען עקזיסטירען פאַר די מענשען „דריי ספרים״, פאַר צדיקים, רשעים און בינונים, אַזוי אַז נישט די צדיקים וועלען קאָנען מכריע זיין די רשעים און נישט פערקעהרט, דאַן איז — „אין קץ״, ווען דער „קץ״ נישט קאָנען קומען...

(אלשיך)

„עשות ספרים הרבה אין קץ״!... צו רבי אייזיל חריף, דעם סלאָנימער רב, איז אַמאָל געקומען אַ מחבר בעטען אַ הסכמה אויף זיינעם אַ פירוש אויף שיר־השירים. בלעטערט רבי אייזיל דעם פירוש און בעמערקט אַלע ווייל מיט התפעלות: „דעם מלבי״ם׳ס שניט״... „אָווא, אָוואָ! ממש דעם מלבי״ם׳ס שניט״... דער מחבר האָט זיך פונ׳ם דאָזיגען קאָמפּלימענט שטאַרק דערפרעהט — און ער איז דעריבער געבליבען שטאַרק פערוואונדערט, ווען נאָך דעם אַלעם האָט איהם רבי אייזיל נישט געוואָלט אָנשרייבען קיין הסכמה.

— סטייטש, — חידוש׳ט ער זיך, — איהר זאָגט דאָך אַליין, אַז ס׳איז „דעם מלבי״ם׳ס שניט״?...

— ריכטיג, — ערקלערט איהם רבי אייזיל, — איהר געהט ווירקליך אויפ׳ן מלבי״ם׳ס דרך. אויף אַחשורוש׳ן זאָגט די גמרא, אַז ער איז געווען אַ „מלך טפש״. קומט אָבער דער מלבי״ם אין זיין פירוש אויף מגילת־אסתר און מאַכט פון איהם אַ חכם מחוכם. איהר ווידער מאַכט דאָסזעלבע פערקעהרט; אויף שלמה־המלך זאָגט דער פסוק: „ויחכם מכל־האָדם״ — לויט אַייער פירוש אָבער אויף שיר־השירים קומט אויס, אַז ער איז געווען אַ מורא׳דיגער שוטה!...

צו רבי יצחק וואָלאָזשינער האָט אַ מחבר געבראַכט אַ פירוש אויף שיר־השירים, משלי און איוב און געבעטען אַ הסכמה. האָט ער איהם אויף איוב די הסכמה געגעבען, דאַגעגען אויף שיר־השירים און משלי נישט. חידוש׳ט זיך דער מחבר: פאַרוואָס עפּעס?...

— פערשטעהט איהר מיך, — ערקלערט איהם דער וואָלאָזשינער — איוב האָט געהאַט אַזוי פיעל צרות — מילא, איז איהם שוין נישט קיין גרויסע נפקא־מינה, ווען ער האָבען נאָך אַ צרה!... אָבער וואָס האָט איהר געבען צו שלמה המלך?...

צו רבי דוד נאָוואָרדאָקער (דער בעל „גליא מסכת”) איז געקומען נאָך אַ הסכמה אַ מחבר מיט אַ פירוש אויף תורה. דער פירוש איז געווען געדרוקט מיט׳ן חומש אינאיינעם.

רבי דוד קוקט אַריין אין חבור און רעדט ווי צו זיך:

— אַ שכל גדול...

ער כאַפּט אַ קוק אין אַ פּאָר בלעטער ווייטער און זאָגט:

— אַנ׳איינפאַל... אַ המצאָה...

דער מחבר זיצט און קוועלט פון נחת. אין אַ ווײַלע אַרום דערלאַנגט רבי דוד איהם צוריק דעם חבור, מיט אַנ׳אָנצוהערעניש, אַז ער האָט נישט מעהר אויף וואָס צו וואַרטען.

— ס׳טייטש, רבי, — חידוש׳ט זיך דער מחבר: — בעת איהר האָט מעיין געווען אין מיין פירוש, האָט איהר דאָך עטליכע מאָל געזאָגט: „אַ שכל גדול, אַנ׳איינפאַל, אַ המצאָה”?...

— כ׳האָב געמיינט צו זאָגען — ענטפערט איהם רבי דוד — אַז עס איז געווען פון אייך אַ שכל גדול צו דרוקען אייער פירוש מיט׳ן חומש אינאיינעם: איצט קאָן מען מיט אייער חבור גאָרנישט טהון — נישט מען מעג איהם פערברענען, נישט מען מעג איהם אַרויסוואַרפען!...

אֶסְתֵּר

והיום הזה תאמרנה שרות פרס-ומדי... (א. יח.)

„והיום הזה יהיה אָמור והוא פעול". (אבן עזרא)

דען דער פסוק זעהט־אויס אין פלוג ווי נישט פערענדיגט: וואָס וועלען זיי זאָגען? — זיי וועלען זאָגען אָט די צווי ווערטער: „היום הזה"! פעררופענדיג זיך אויפ'ן געשעהעניש פונ'ם דאָזיגען טאָג...

○

איש יהודי היה בשושן... (ב. ה.)

נישט בלויז אין שטוב איז ער געווען אַ „איש יהודי" און נישט בלויז אין בית־המדרש, נאָר אויך אין שושן — אין שטאָדט, אין גאַס, בין הבריות...

און דאָס איז דער טייטש: „מי יתנך כאח לי... אמצאך בחוץ אשקך" — אויך בחוץ, אין גאַס, זאָלסטו זיך נישט שעמען מיט מיר!...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

○

ויודע הדבר למרדכי... (ב. כב.)

אין דער חשכלה־צייט איז אין אַ געוויסער שטאָדט אַראָבגעקומען איינער פון די אָנפיהרענדע משכילים, וועלכער האָט צונויפגערופען דעם עולם אין בית־מדרש און גע'דרש'ענט פאַר זיי וועגען דער נויטיגקייט צו שיקען די קינדער אין די שקאָלעס, צו לערנען זיי בילדונג און שפּראַכען, ברענגענדיג כמה וכמה ראיות, אַז אויך אונזערע עלטערן אין די אַמאָליגע דורות האָבען תמיד געלערנט פרעמדע לשונות. איינע פון די געבראַכטע ראַיות איז געווען דער נס פון פורים:

— רבותי! — זאָגט ער. — ווי איהר ווייסט, איז דער נס פון פורים געשעהן אַדאַנק דעם, וואָס מרדכי האָט מציל געווען אַחשורוש'ן פון טויט, ענטפּלעקענדיג פאַר איהם דעם סוד, אַז זיינע צווי סריסים. בגתן און תרש,

ווילען איהם פּער׳סמ׳ען. ווי־אַזוי איז מרדכי דאָס געוואָהר געוואָרען? — ער האָט געהערט, ווי די סריסים האָבען וועגען דעם גערעדט צווישען זיך. אויף וואָס פאַר אַ לשון האָבען די סריסים צווישען זיך גערעדט? — אויף פערסיש, דאָס לשון פון דער מדינה. היינט שטעלט אייך פאָר, רבותי, — האָט דער רעדנער אויסגערופען, - ווען מרדכי וואָלט, ווי די היינטיגע רבנים, נישט געקענט דאָס לשון פון דער מדינה, וואָלט ער דאָך נישט פערשטאַנען, וואָס די סריסים רעדען, וואָלט דאַן אַחשורוש פּער׳סמ׳ט געוואָרען און המן הרשע וואָלט געטהון מיט די אידען, וואָס זיין האַרץ וואָלט געגלוסט!...

— איפכא מסתברא! — שלאָגט איהם איבער איינער פון די פרומע צוהערער: — דערפון גופא איז דאָך אַ ראיה להיפוך, אַז אידען האָבען נ י ש ט געלערענט קיין גוי׳איש; וואָרום ווען יאָ, וואָלטען זיך די סריסים גע־היט פאַר מרדכי׳ן, ער זאָל נישט הערען, וואָס זיי רעדען...

○

הפיל פור הוא הגורל... הוא־חדש אדר. (ג. ז.)

„נפל בחדש אדר — שמח"... (מדרש)

ער האָט זיך געפרעהט און אויסגעקליבען דעם חודש א ד ר, ווייל דער מזל פון דאָזיגען חודש איז „דגים", צו וועלכע די אידען זענען זעהר עהנליך מיט זייער שטענדיגער, און׳אויפהערליכער שנאת־חנם; דען פונקט ווי ביי פיש, איז אויך ביי אידען — „כל הגדול מחברו בולע את־חברו"!...

(עוללות אפרים)

אויפ׳ן פסוק „הפיל פור הוא הגורל" זאָגט דער אבן־עזרא: „זאת המלה פרסית ופירושה גורל והנה זה הפוך הוא חדש ניסן".

די מבארים מאַטערן זיך אויף פערשידענע אופנים צו ערקלערען דעם זין פון דידאָזיגע ווערטער. אַמריקאַניגסטען אָבער זעהט־אויס צו זיין די ערקלערונג, וואָס ווערט געגעבען דערויף אין ספר „בני־רשף", נעמליך:

דער פסוק ברענגט פריהער דעם פערסישען אויסדרוק „פור", און דאַן פערטייטשט אונז דערזעלבער פסוק: „ה ו א ה ג ו ר ל", אַז אויף לשון־קודש הייסט עס „גורל". דאַגעגען אין די ערשטע ווערטער פון זעלבען פסוק: „בחדש הראשון הוא חדש ניסן" איז פערקעהרט: פריהער ווערט גע־בראַכט דער לשון־קודש׳דיגער נאָמען — „בחדש ה ר א ש ו ן" (דען אין לשון־קודש האָבען נישט די חדשים קיין ספּעציעלע נעמען, נאָר זיי רופען זיך לויט׳ן סדר: „חדש הראשון", „חדש השני", „חדש השלישי" וכו׳), און

דאן ווערט עס פערטייטשט: „הוא חדש ניסן", אז אין פערסיש רופט זיך דערדאָזיגער חדש — „ניסן"...

○

מפוזר ומפורד בין העמים... (ג. ח.)

דאָפּעלט: „מפוזר ומפורד" — „מפוזר" צווישען פעלקער, און „מפורד" צווישען זיך!...

(מנות הלוי)

○

ועשרת אלפים ככר כסף אשקול על־ידי עושי המלאכה... (ג. ט.)

אָ, דערדאָזיגער טיפּ איז אונז כלל נישט פרעמד! דערזעלבער צורר און אכזר, וועלכער איז גרייט אויסצוראָטען און אומצוברענגען אַלע אידען, איז פונדעסטוועגען גלייכצייטיג אַ פּיינער „דעמאָקראט", אַ „סאָציאַליסט", וועלכער זאָרגט שטאַרק פאַר די „עושי המלאכה", פאַר'ן פּראָלעטאַריער, פאַר'ן אַרבייטער־קלאַס...

(מגלת ספר)

○

כי אין הצר שוה בנזק המלך. (ז. ד.)

און המן האָט געטענה'ט: „ולמלך אין שוה להניחם!"... אַזוי איז שוין די טרויעריגע לאַגע אונזערע: סיי אונזערע געגנער און סיי אפילו אונזערע פערטיידיגער רעדען און דעבאַטירען תמיד וועגען אונז פון „פּראַקטישען" שטאַנדפּונקט, נישט ווי וועגען לעבעדיגע מענשען, וואָס האָבען דאָס רעכט צו עקזיסטירען אויף דער וועלט, נאָר ווי עס זאָל זיך האַנדלען וועגען אַ נויטיג, אָדער אונגויטיג חפץ: צי לוינט, מען זאָל די אידען אומברענגען, אָדער עס לוינט נישט? צי זענען זיי נוצליך פאַר די מלוכה־אינטערעסען, צי ברענגען זיי ריוח, אָדער נישט?...

(אוצר החיים)

○

ואתם כתבו על־היהודים כטוב בעיניכם... (ח. ח.)

איז דאָך עס אין פלוג אונפערשטענדליך: ווער וועט עס דען נעהמען אין אכט, וואָס מרדכי און אסתר וועלען שרייבען וועגען אידען, אין דער צייט, ווען עס איז פאַרהאַן ביי אַלעמען פון פריהער אַ בפירוש'ער קעניגליכער בעפעהל, וואָס זאָגט פונקט פערקעהרט? —

געהאַנדעלט האָט זיך אָבער דאָ טאַקע וועגן יענעם ערשטען בע־פעהל, פון וועלכען מען האָט איצט געזוכט אַן׳אויסוועג. געשטאַנען איז אין יענעם בעפעהל: „להשמיד, להרג ולאבד את־כל־היהודים״... דערדאָזיגער זאַץ קאָן אָבער אויסגעטייטשט ווערען אויף צוויי אופנים: מען קאָן עס טייטשען אין איינפאַכען, געוועהנליכען זין, אַז די פּערסיאַנער בעקומען דאָס רעכט צו פערטיליגען און אויסצוראָטען אַלע אידען; מען קאָן אָבער אויך טיי־טשען אַנדערש: „להשמיד, להרג ולאבד את־כל״... מען זאָל אַלעמען פער־טיליגען און אויסראָטען!... ווער זאָל פערטיליגען און אויסראָטען? ווער בע־קומט דאָסדאָזיגע רעכט? — „היהודים״, די אידען!... עס איז געווענדעט אין׳ם „צירקוליאַר״, אין׳ם פּירוש, וואָס ווערט נאָכדעם צוגעגעבען צום דעקרעט... און אָט דאָס טאַקע האָט זיי אחשורוש געראָטען: „ואתם כתבו על־היהודים כטוב בעיניכם בשם המלך״ — שרייבט־אָן אין מיין נאָמען אַ צירקוליאַר „על־היהודים״, אויף דעם אויסדרוק „היהודים״, וואָס געפינט זיך אין׳ם פריהערדיגען דעקרעט, און טייטשט־אויס דאָסדאָזיגע אונקלאָרע וואָרט, וועלכעס מען קאָן טייטשען ווי־אַזוי מען וויל, „כטוב בעיניכם״...

(מלבי״ם)

O

על-כן קראו לימים האלה פורים... (ט. כו.)

אום פורים איז פריהער דער תענית, און נאָכדעם דער „יום משתה ושמחה״; אום יום־כפור דאַגעגען איז פערקעהרט: פריהער איז דער יום־טוב, ערב יום־כפור, אין וועלכען עס איז אַ מצוה מרבה צו זיין באכילה ושתיה, און דאַן דער תענית. און דאָס איז דער פשט: „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו״. ערב יום־כפור קומט דער שטן מקטרג־זיין אויף אידען, באַשר זיי זענען צופיעל אַריינגעטהון אין דער אכילה, האַלטענדיג אין איין עסען און טרינקען — הייסט מען איהם דאַן אַ קוק טהון „מלפנינו״, אויפ׳ן בעכסטען טאָג, צו וועלכען זיי גרייטען זיך געפייניגט צו ווערען אַ גאַנצען מעת־לעת; פורים קומט ער ווידער מיט׳ן זעלבען קטרוג, הלמאי אידען הו־ליען און לאָזען זיך אַזוי וואוילגעהן — ווייזט מען איהם דאַן „מאחרינו״, אויפ׳ן פריהערדיגען טאָג, אין וועלכען זיי האָבען פון פריה ביז נאַכט גע־פאַסט...

(קדושת לוי)

O

דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל-זרעו. (י. ג.)

להיפוך פון אַלע אַנדערע עוסקים בצרכי־צבור. דען עפ״י רוב אין יעדער עסקן אַ „דובר שלום לעמו״ — פאַר׳ן פאָלק איז ער אַ „דובר

שלום״, איז ער יוצא מיט׳ן רעדען, מיט האַלטען שענע דרשות, מיט צו־זאָגען הבטחות; דאַגעגען אָבער איז ער א „דורש טוב לכל־זרעו — די אמת־גוטע זאַכען, וואָס ער דערגרייכט דורך זיין שתדלנות, פערשידענע געשעפטלעך, קאָנצעסיעס, פעטע קהל׳שע פּאָסטענס, דאָס פערזאָרגט ער „לכל־זרעו״, פאַר זיינע קינדער, פאַר די נאָהענטע קרובים, פאַר דער אייגענער משפחה!...

(רבי מענדעלע רימאַנאָווער)

○ ○ ○

פּורים-פּשט׳לעך בדרך־הלצה:

„לך כנוס את־כל־היהודים״!... פאַרוואָס האָט עפּעס אסתר בעפויהלען, מען זאָל קנס׳ענען די אידען? — (דאָס, וואָס „קנס״ איז מיט א ק׳ און „כנוס״ מיט א כ׳, איז קיין קשיא נישט, דען מיר האָבען דאָך א כלל, אַז „בת ק׳ כבת כ״...) — נאָר דער תירוץ איז: די גמרא זאָגט „במקום שיש קנס אין מכר ובמקום שיש מכר אין קנס״, און היות ווי אַחשורוש האָט פערקויפט די אידען צו המן׳ען, האָט דעריבער אסתר געגעבען אַנ׳עצה: „לך כנוס את־כל־היהודים״, מען זאָל די אידען קנס׳ענען — און דער דין איז דאָך, אַז „במקום שיש קנס אין מכר״, וועט ממילא בטל ווערען די מכירה!...

(אין נאָמען פון ווילנער גאון׳ס אַ תלמיד, בעת מען האָט איהם געמאַכט פאַר „פּורים־רב״)

„ויקח המן... וירכיבהו ברחוב העיר״... זאָגט דערויף דער מדרש: „בת המן השליכה עליו קיתון של שופכין״. פאַרוואָס עפּעס האָט זי אַרויפגעוואָרפען אויף איהם אַ „קיתון של שופכין״? — ווייל די גמרא זאָגט: „המן מן התורה מנין? שנאמר המן העץ הזה וכו׳״. וועגען עץ־הדעת איז פאַראַן אין דער גמרא אַ מיינונג, אַז „חטה היה״. די מעשה המן, ווי עס איז אויך ידוע, איז געשעהן אום פּסח — און דער דין איז דאָך, אַז „מצא חטה בפסח כופה עליו כלי״...

(רבי אברהם איטינגאַ)

יָמִים־טוֹבִים

ראש־הַשָּׁנָה

„יום טוב של ראש השנה שחל להיות בשבת"... (ראש השנה, פרק ד')

ס'איז אַ גוטער טאָג, אַ יום־טוב, ווען ראש־השנה געפאַלט אום שבת: דען ראש־השנה, כידוע, איז אַ תיקון פאַר'ן נפש; יום־טוב — איז אַ תיקון פאַר'ן רוח, און שבת — אַ תיקון פאַר דער נשמה. ווען ראש־השנה, אַלזאָ, געפאַלט אום שבת, איז דער תיקון דאַן בשלמות, פאַר אַלע דריי זאַכען צוזאַמען...

(רבי חנוך־העניך מאַלעקסאַנדער)

אויף אַנ'אַנדער אופן פלעגט טייטשען רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער:

„יום־טוב של ראש־השנה שחל להיות בשבת"—ס'איז אַ גוטער טאָג, ווען ראש־השנה געפאַלט אום שבת: דער משפט מוז דאַן זיכער אויספאַלען צום גוטען, דען שרייבען און מחלל־שבת זיין מעג מען בלויז דאַן, ווען עס געהט אין פיקוח־נפש, אויף צו טהון גוטס, אָבער נישט חלילה פערקעהרט...

○

זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים...

געדענק אונז, רבש"ע, צום לעבען און זעה, אַז מיר זאָלען האָבען פונוואַנען צו לעבען, דען — „מלך חפץ בחיים": נישט מיר, נאָר דו האָסט דאָך פערלאַנגט, אַז מיר זאָלען לעבען! דו האָסט דאָך אונז גע־צוואונגען ז'ערצו געגען אונזער רצון. מיר האָבען עס לגמרי נישט גע־וואָלט, דען „על־כרחך אתה חי" איז געזאָגט געוואָרען צום מענשען... איז אויב־זשע דו, רבונו של עולם, האָסט עס געוואָלט — טאָ וואָסערע טענות קאָנסטו האָבען צו אונז און אויב דו, רבש"ע, האָסט געוואָלט, אַז מיר זאָלען לעבען — מוזטו דאָך אונז געבען די מעגליכקייטען צום לעבען!...

(תולדות אָדם)

○

ובכן תן פחדך...

פאַרהאַן, לײדער, — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפשיצער — אַזעלכע

מתפללים, וואס בעת זיי בעטען אינ'ם ימים-נוראים'דיגען דאווענען: „ובכן תן פחדך", האבען זיי דאן אין זינען, אז „פחדך" איז בגמטריא — „ג ע ל ט"!...

רבי חיים-יוסף-דוד אזולאי פערטייטשט דעם פסוק „אם יום או יומים יעמוד לא יוקם כי כספו הוא" (משפטים כ"א), אז דאס געהט-ארויף אויף די ספעציעלע ימים-נוראים'דיגע שוהל-אידען. „אם יום או יומים יעמוד" — אזא מין איד, וועמען מען טרעפט שטעהן אין שוהל בלויז אינ'ם טאג יום-כפור, אדער אויך אין די צוויי טעג ראש-השנה — „לא יוקם", ביי אזעלכען וועט דאס אידישקייט לאנג קיין קיום נישט האבען — „כי כספו הוא", ווארום אזא שטייגער איד קומט אין שוהל אריין מתפלל זיין דער עיקר אויף ג ע ל ד, מעהר געהט איהם נישט אן!...

O

יהי רצון שתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה...

„ט ו ב ה" אליין איז ווייניג, ווארום אויך אויף א שלעכטער זאך זעי נען מיר מחויב צו זאגען „גם זו לטובה"; מיר בעטען דעריבער, אז עס זאל אויך זיין „ו מ ת ו ק ה" — טאקע אויף אנ'אמת גוט!...

(רבי שלמה לענטשיצער)

O

למוחל עונות בדין...

עס איז ביי השי"ת א דין, אנ'אנגענומענער דין, מוחל צו זיין די אידען זייערע עוונות — און א דין טאר מען נישט משנה זיין!...

(נהר שלום)

O

לקונה עבדיו בדין, לרחם עמו ביום דין...

דער דין איז: „כל הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו" (קידושין כ') — און תוספות ברענגט דארט אין נאמען פון ירושלמי, אז ווען אפילו דער בעל-הבית פערמאגט נישט מעהר, ווי איין קישען צוקאפענס, מוז ער עס אוועקגעבען זיין עבד; וויל — קוים האט זיך דיר פערגלוסט אנ'עבד, ביזטו מחויב צו פערזארגען איהם מיט אלע הצטרכות'ן!... טענה'ן מיר דע-ריבער צום רבש"ע: „לקונה עבדיו" — קוים האסטו אונז געקויפט אלס עבדים, ערקלערענדיג עפענטליך: „כי עבדי הם", איז „ב ד י ן", מוזטו על-פי-דין מקיים זיין דעם „לרחם עמו", צו פערזארגען אונז מיט אלעם גו-טען, ווארום — „כל הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו"...

(רבי משה-לייב סאסעווער)

O

אָבינו מלכנו מחה והעבר פשעינו וחטאתינו...

און נאָכדעם בעטען מיר: „אָבינו מלכנו מחוק כל שטרי חובותינו". וואָס עפּעס דאָפּעלט? — ווייל, כידוע, איז „כל ישראל ערבים זה בזה". איין איד איז עָרֵב און פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן צווייטען. בעטען מיר דע־ריבער, ערשטענס: „מחה והעבר פשעינו", זיי אונז מוחל די אייגענע זינד, און דאַן — „מחוק כל שטרי חובותינו", בעפריי אונז פון דער גאַראַנ־טיע, וואָס מיר האָבען זשירירט פאַר אַנדערע, פאַר פרעמדע זינד!...

(דבר בעתו)

○

אָבינו מלכנו כתבנו בספר פרנסה וכלכלה...

גיב אונז, רבש"ע, די מעגליכקייט, מיר זאָלען קאָנען בלייבען ביי־ביידע זאַכען: ביים „ספר" און ביי „פרנסה" — אַז מיר זאָלען נישט זיין אַזוי פערהאָרעוועט אין דער פרנסה, צוליב וועלכער מיר זאָלען קיין צייט און קיין מנוחה נישט האָבען צו לערנען און אַריינצוקוקען אין אַ ספר; און פערקעהרט — אַז מיר זאָלען נישט דאַרפען, חלילה, זיצען ביים ספר דערפאַר בלויז, ווייל עס איז נישטאָ וואָס צו טהון, ווייל עס איז נישטאָ קיין פרנסה!...

(תפארת שלמה)

○

אָבינו מלכנו הרם קרן ישראל עמך...

די גמרא זאָגט: „לא הגלה הקב"ה את ישראל לבין האומות אלא כדי שיתוספו עליהם גרים" (פסחים פ"ז). עס קומט אַלזאָ אויס, אַז פערטרייבענ־דיג די אידען אין גלות אַריין, וויל נאָך דער רבש"ע כביכול מאַכען ריוח פון דעם געשעפט, אָבגעהמען זיך מיט פּראָצענטן!... באמת אָבער, ווי מיר זעהען, איז לא־די וואָס דער גלות ברענגט נישט קיין ריוח, נאָר אויך דער קרן גופא איז אין געפאַהר, עס האַלטען אין איין אָבפאַלען פון אידען לעבעדיגע שטיקער, וועלכע קעהרען זיך מעהר נישט צוריק... ווענ־דען מיר זיך דעריבער צום רבש"ע און בעטען איהם: „הרם קרן ישראל עמך!" — אַייל־זיך־צו און זעה אָבצוראַטעווען וואָס־גיכער דעם שארית־ישראל, דעם טייל פונ'ם איבערגעבליבענעם קרן, דען קיין ריוח וועסטו שוין ביי דעם עסק זיכער נישט מאַכען!...

(רבי ישראל, קאָזשעניצער מגיד)

○

אָבינו מלכנו חננו ועננו, כי אין בנו מעשים...

אלע „אָבינו-מלכנו׳ס" ווערען געזאָגט הויך, מיט הארץ, מיט ברען; דאַגעגען דער לעצטער „אָבינו-מלכנו" ווערט געזאָגט אין דער שטיל. פאַר-וואָס? —

עס איז דערפאַר, ווייל מיר געפינען זיך אין דערזעלבער לאַגע, וואָס יענער פּראָווינצער סוחר, וועלכער קומט אַריין אין אַ גרויס הורט-געשעפט און מאַכט אַ היבשע בעשטעלונג אויף כל-ערליי סחורות פון פערשידענע מינים. די משרתים פאַרען זיך און טאַנצען אַרום איהם, זייענדיג צופרידען פונ׳ם גרויסען פדיון. מען האַלט איהם אין איין פרעגען: „אפשר נאָך עפּעס?" — און דער סוחר לאָזט זיך נישט בעטען און שאָקעלט כסדר מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ... ערשט ווען אַלץ איז שוין ערלעדיגט און פערפאַקט און מען דערלאַנגט איהם אַ רעכנונג, רופט ער אָוועק דעם אייגענטימער אין אַ ווינקעל און רוימט איהם איין הכנעה׳דיג אויפ׳ן אויער: „ענטשול-דיגט, קיין מזומן געלד לײדער האָב איך נישט, קיין פּרוטה אחת נישט; אַ וועקסעלע קאָן איך אייך געבען"...

דאָסזעלבע איז נעבעך אויך מיט אונז. פריהער שטעלען מיר זיך אַוועק מעשה-סוחר און רופען-אויס הויך, שטאָלץ, אָנווייזענדיג אויף די פּאַ-ליצעס מיט די פערשידענע מיני סחורות: „אָבינו מלכנו"! זיי אַזוי פריינד-ליך און הייס געבען אונז אָט-אָ יענס שטיקעלע שטאָף מיט דער מאַרקע פון „חדש עלינו שנה טובה"... „אָבינו מלכנו"! זיי אַזוי ליעבעסווירדיג — אַביסעלע „גאולה וישועה"... „אָבינו מלכנו"! — אַ גרעסערן קוואַנטום „פּרנסה וכלכלה"... „אָבינו מלכנו"! — „רפואה שלמה לחולי עמך"... „אָבינו מלכנו"! — „סליחה ומחילה"... און אַזוי ווייטער, גאָר אַ היבש קרעמעל!... ערשט ווען די גאַנצע בעשטעלונג איז שוין פאַרטיג, לאָזען מיר שעמעוודיג אַראָב די קעפּ און זאָגען אין דער שטיל: „אָבינו מלכנו" — טאַטע האַר-ציגער — „חננו ועננו" — האָב קיין פאַראיבעל נישט — „כי אין בנו מעשים" — קיין מזומנים צו צאָהלען פאַר דעם אַלעם האָבען מיר נישט — „עשה עמנו צדקה וחסד" — דו מוזט אונז טרויען אויף קרעדיט, אויפ׳ן וואָרט; העכסטענס קאָנען מיר געבען אַ וו ע ק ס ע ל ע!...

(דובנער מגיד)

○

תקיעת-שופר.

דער טעם פון תקיעת שופר איז: „כדי לערבב את השטן", כדי דער שטן זאָל דורך די תקיעות צו׳חוש׳ט און מבולבל ווערען.

דערמיט, איז די כונה דערפון, זענען מיר אויסען צו ווירקען אויפ׳ן

שטן און צו ווייזען איהם אביישפיעל פון זיך זעלבסט: אָט זעה, אַדרבה, ווי בשעת דו ווערסט מבולבל אין די רעיונות, און דאָס צוליב אַזאַ קליי־ניגקייט ווי תקיעות, ווערט דיר דאַן דאָס לשון אָבגענומען און דו ווייסט נישט, וואָס עס טהוט זיך מיט דיר!... טאָ וואָס זאָלען שוין זאָגען די אידען, וועלכע געהען תמיד אַרום מיט צוטומעלטע מחשבות, פול מיט זאָרג און דאַגות־פרנסה? און ווי־אַזוי קאָנסטו נאָך האָבען טענות צו זיי, הלמאי זיי פיהרען זיך נישט אויף, ווי עס דאַרף צו זיין?!...

(רבי ר' בונם)

בשעת דער רבי ר' העשעל איז נאָך אַ קליין יונגעל געווען, האָט איהם דער פאָטער איינמאָל געטראָפען, ווי ער שטעהט פאַר די תקיעות אין אַ ווינקעל און עסט.

— האַ? – מוסר'ט איהם ליעבליך דער פאָטער: — פ אַ ר די תקיעות?...

ווערט ער נישט נתפעל און ענטפערט:

— מיר זוכען דאָך, טאַטע, פערשידענע תחבולות, און דער גאַנצער ענין פון שופר־בלאָזען איז דאָך נאָר צוליב דעם, כדי מבלבל צו זיין דעם שטן; נו, איז מיר אַיינגעפאַלען אַ גוט מיטעל... בעת דער שטן וועט זעהן, אַז איך עס, וועט ער זיך אויפהויבען און אַוועקגעהן און מעהר נישט מקטרג זיין, וואָרום ער וועט זיכער מיינען, אַז מיר האַלטען שוין נ אָ ך די תקיעות!...

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער האָט אַמאָל געזוכט אַ בעל־תוקע אויף ראש־השנה, זענען געקומען צו איהם פיעל לומד'ישע, חסיד'ישע אידען, פון וועלכע יעדער האָט געוואָלט האָבען די זכיה צו זיין רבי לוי־יצחק'ס בעל־תוקע. האָט ער זיי גענומען איינציגווייז פערהערען און יעדען פון זיי גע־פרעגט:

— וואָס ביזטו מכוון בעת די תקיעות?

האָט איטליכער, פערשטעהט זיך, גענומען אַרויסווייזען זיין בקיאות אין די פערשידענע כונות און יחודים, וואָס מען דאַרף עפ"י קבלה אין זינען האָבען בעת תקיעת־שופר. רבי לוי־יצחק הערט זיי אַלעמען אויס און איז עפעס נישט צופרידען.

— נו, און ד ו? — ווענדעט ער זיך לסוף צו איינעם, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ ווינקעל, נישט־האָבענדיג די דרייסטקייט אַריינצומישען זיך אינ'ם הויכען שמועס. – וואָסערע כונות ביזטו מכוון ביי די תקיעות?

— רבינו... — שטאַמעלט דער איד שעמעוודיג. — כ׳בין אַ פּראָסטער איד, כ׳האָב פיער טעכטער חתונה צו מאַכען און האָב נישט פאַר זיי קיין גראָשען נדן... איז אַז עס קומט צו די תקיעות, בין איך מכוון: רבונו של עולם! איך האָב געטהון דיין רצון און געבלאָזען פאַר דיר שופר, טהו-זשע דו אויך מיין רצון און שיק מיר צו זיווגים פאַר מיינע טעכטער!...

— זעהר גוט! — האָט רבי לוי-יצחק אויסגערופען אַ צופרידענער. — דו ביזט מכוון די אמת׳ע כוונות; אָט טאַקע אַזאַ בעל-תוקע זוך איך!...

„ציפּהו לשופר זהב במקום הנחת פה — פּסול”. (ראש השנה כ״ז)

אויב דאָס מויל פון׳ם „שופר”, פון׳ם מוכיח און מוסר-זאָגער, איז בעדעקט מיט ג אָ ל ד, דאָס מוסר-זאָגען איז ביי איהם אַ געלד-געשעפט, אַ פּרנסה-זאַך — אַזאַ מוכיח איז פּסול!...

(ילקוט פנינים)

O

ומפני חטאינו גלינו מארצנו...

רבי לוי-יצחק בערדיטשעווער פלעגט, צוקומענדיג צו דערדאָזיגער תפילה, זיך אַוועקשטעלען און זאָגען: מיר האָבען ביי דיר, רבונו של עולם, אַ געוואונענע דין-תורה. די חז״ל זאָגען אונז, אַז דו האָסט חרוב געמאַכט דאָס בית-המקדש און פערטריבען אונז פון אונזער לאַנד מיט צוויי יאָהר פריהער פאַר׳ן בעשטימטען זמן... „ו מ פ נ י ח ט א י נ ו גלינו מארצנו”— פריהער פאַר די זינד, איידער די סאַך פון זינד איז פול געוואָרען, האָסטו אונז פון׳ם לאַנד פערטריבען; נו, האָבען מיר דעריבער דאָס רעכט פון דיר צו פערלאַנגען, אַז פונקט אַזוי ווי דו האָסט אונז פ ע ר ט ר י ב ע ן פאַר׳ן טערמין, איידער מיר האָבען זיך פערדיענט דערויף, זאָלסטו אונז אויך א ו י ס ל י י ז ע ן פאַר׳ן טערמין, איידער מיר האָבען זיך דערויף פער-דיענט, איידער מיר טהוען תשובה!...

O

ועקדת יצחק לזרעו היום ברחמים תזכור...

דער מדרש זאָגט, אַז בשעת אברהם אָבינו האָט געפיהרט יצחק׳ן צו דער עקדה, האָט יצחק געזאָגט צום פאָטער: „עקוד אותי יפה, שלא אבעוט”... אַלזאָ מה-דאַך אַזאַ צדיק ווי י צ ח ק האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט קאָנען אויסהאַלטען דעם נסיון, טאָ וואָסערע טענות קאָנסטו, רבונו של עולם, האָבען צו א ו נ ז? — וואָס זאָלען מ י ר שוין זאָגען?...

(רבי מרדכי באָנעט)

— דעם רבונו-של-עולם — פלעגט זאָגען דער בעריהמטער חסיד׳ישער זויצלינג, ר׳ מרדכי ראַקאָווער — האָט אַ גרויס נס געטראָפען מיט דער עקדה, דען מה-דאָך ווען אַברהם האָט בלויז געוואָלט שעכטען יצחק׳ן, הגם סוף-כל-סוף האָט ער דאָך איהם נישט געשאָכטען, איהם ממש נישט אָנגעריהרט, הערען אידען נישט אויף צו שרייען און מרעיש-עולם צו זיין: „זכור לנו עקדת יצחק!״... טאָ ווי וואָלט נאָך זיין, ווען ער וואָלט איהם טאַקע חלילה אויף אַנ׳אמת געשאָכטען — צי קאָנט איהר זיך פאָרשטעלען, וואָס ביי אידען וואָלט זיך דאַמאָלס אָבגעטהון? דער רבונו-של-עולם וואָלט דאָך שוין גאָרנישט אימשטאַנד געווען זיך אויסצוקויפען פון זיי!...

O

ויכון בחסד כסאך ותשב עליו באמת...

בשעת רבי לוי-יצחק בערדיטשעווער איז אין דער תפילה פון „ונתנה תוקף״ צוגעקומען צו דידאָזיגע ווערטער, האָט ער אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און געזאָגט: רבונו של עולם! אויב דו ווילסט זיצען אויף דיין כסא-הכבוד אויף אַנ׳אמת, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר׳ן מלך-מלכי-המלכים, דאַן מוזטו זיך נוהג-זיין מיט אונז במדת-החסד און גוזר-זיין גזירות טובות, ישועות ונחמות; וואָרום טאָמער חלילה וועסטו זיך נוהג-זיין מיט אונז במדת-הדין, וועלען מיר דיך נישט לאָזען, כביכול, איינזיצ׳ן, וועסטו פון אונז, כביכול, קיין מנוחה נישט האָבען!...

O

בנפשו יביא לחמו...

דער ביטערער גלות האָט דעם איד, ליידער, דערפיהרט דערצו, אַז אין געיעג נאָכ׳ן שטיקעל ברויט איז ער אָפטמאָל געצוואונגען דעם טייערסטען פרייז צו צאָהלען — דאָס אידישקייט צו פערבויגען, דעם נפש צו פערהאַנדלען, די נשמה ר״ל צו פערקויפען!...

„בנפשו יביא לחמו״!... אַ טרעגער, אַ געזונטער בעל-גוף, האָט אַמאָל געמאַכט שותפות מיט אַ ישיבה-בחור: ער, דער טרעגער, וועט אויסהאַלטען דעם ישיבה-בחור מיט עסען, און דערפאַר זאָל דער ישיבה-בחור לערנען פאַר זיינעטוועגען און אָוועקשענקען איהם אַ העלפט פון זיין תורה... אין אַ שטיקעל צייט אַרום איז זיך דער טרעגער מיישב: ניין, עס טויג נישט אַזוי! דאָסזעלבע שותפות, פערלאַנגט ער, זאָל מען מאַכען פערקעהרט: דער בלייבער, אויסגעדאַרטער ישיבה-בחור זאָל אַרויס אין גאַס שלעפען די

משאות — און ער, דער טרעגער, וועט זיך נעהמען צו דער תּורה!... פאַר־שטעהט איהר דאָך, וואָס מען קאָן דערלעבען פון אַזאַ חילוף...

דאָסזעלבע איז מיט מאַנכע אידען. דער גוף און דער נפש האָבען צווישען זיך אַ שותפות געשלאָסען: דער גוף זאָל אויסהאַלטען דעם נפש מיט גשמיות, און דער נפש זאָל פערזאָרגען דעם גוף מיט רוחניות. זענען אָבער פאַראַן אַזעלכע אידען, וועלכע פערבייטען די יוצרות: דאַוונען דאַ־ווענט דער גוף, דער גוף שאָקעלט זיך, מעכאַניש, אויטאָמאַטיש, אָהן שום מחשבה, אָהן שום כּוונה, און — „בנפשו יביא לחמו", דער נפש, די נשמה, שוועבט־אַרום בשעת'ן דאַוונען אויפ'ן מאַרק, אויפ'ן יריד!...

(דובנער מגיד)

O

באין מליץ יושר מול מגיד פשע, תּגיד ליעקב דבר חק ומשפּט...

„באין מליץ יושר" — אויב עס געפינט זיך נישט קיינער, וואָס זאָל ממליץ־טוב זיין אויף אידען, אויב אַלע זענען מקטרג און שרייען: חייבו! „תגיד ליעקב דבר חק ומשפּט" — מוז מען זיך דאַמאָלס בעגעהן מיט אי־דען לויט'ן געזעץ, לויט'ן דין אין דער גמרא, אַז „סנהדרין שראו כּולם לחובה — פּוטרין אותו מידו" און אַז „כּולו חייב — זכּאי!"... און דע־ריבער: „וצדקנו במשפּט", קומט אונז על־פּי־דין, מיר זאָלען אַרויסגעהן פון משפּט אינגאַנצען ריין, אינגאַנצען גערעכט!...

(רבי ר' בונם)

„באין מליץ יושר וכו'"... פּונקט אַזוי ווי די אידען זענען מקיים דעם „דבר חוק ומשפּט", די „חוקים" פון דער תּורה, הגם מען ווייסט אויף זיי קיין טעם נישט, אַזוי זאָל אויך זיין „וצדקנו במשפּט", זאָלסטו זיי מצדיק־זיין בדין אָהן אַ מאָטיוו, אָהן אַ פאַרוואָס, אָהן שום טעם!...

(קדושת לוי)

O

כּבקרת רועה עדרו, מעביר צאנו תּחת שבטו...

„עדרו", זיינע אייגענע שאָף!... בשעת דער פּאַסטוך פּיטערט פרעמדע שאָף און זיי געהען נישט אין גלייכען וועג, שלאָגט ער זיי אָהן רחמנות; בעת אָבער ער פּיטערט זיינע אייגענע שאָף, דאַמאָלס איז ער אַ „מעביר צאנו תּחת שבטו", ער הויבט־אויף בלויז אויף זיי די רוט, ער שרעקט זיי בלויז, אָבער — ער שלאָגט נישט...

(משמחי־לב)

O

הטוב ומיטיב לרעים ולטובים...

— אויב — פלעגט רבי לוי-יצחק בערדיטשעווער אויסשרייען ביי דידאָזיגע ווערטער — דו ווערסט זיין, רבש״ע, א „טוב ומיטיב״, דו ווערסט העלפען דיין ביסעל אידען און זיי פערזאָרגען מיט פרנסה און מיט אַלעם גוטען, ־דאן בין איך דיר ערב, אַז אויך די „ר ע י ם״ צווישען זיי וועלען ווערען „ט ו ב י ם״!...

○

עשרת ימי תשובה.

אויב אַ איד — האָט אַמאָל רבי נפתלי ראָפשיצער זיך אויסגעדריקט — וויל זוכה-זיין בדין, האָב איך פאַר איהם אַנ׳עצה, ער זאָל על-כל-פנים דריי טעג פאַר יום-כפור נישט זינדיגען, דען די גמרא זאָגט: „רשעים יצר-הרע שופטן״ — די רשעים ווערען גע׳משפט דורכ׳ן יצר-הרע אַליין... און ווידער איז פאַרהאַן אַ דין, אַז „שונא אָסור לדין״, אַ שונא מאָר קיין דַיָן נישט זיין, און „איזהו שונא — זאָגען די חז״ל — כל שלא דבר עמו ג׳ ימים״. איז וויבאַלד מען האָט מיט׳ן יצר-הרע קיין מגע-ומשא נישט און מען רעדט נישט מיט איהם גאַנצע דריי טעג, האָט ער שוין דאַמאָלס דעם דין פון אַ ש ו נ א, און — „שונא אָסור לדין״!...

אין די סליחות ליום ה׳ פון עשרת ימי תשובה, אינ׳ם פיוט „תוחלת ישראל״, ווערט געזאָגט: „אַשמתנו גדלה עד תומן ועוכלא״ — און וואַהרשיינליך בעציהט זיך עס אויפ׳ן מאַמר חז״ל: „במדה שאָדם מודד — מודדין לו וכו׳, לרבות תרקב וחצי תרקב וכו׳ תומן ועוכלא״. די ווערטער „תומן ועוכלא״ זענען נעמען פון משקלות, געוויכטער, און זיי ווערען אין דער גמרא (ב״ב צ׳) בעצייכענט אַלס די קלענסטע מאָסען: „תומן״ איז אַ „שמינית הלוג״, און „עוכלא״ — „אחד מחמשה ברביע״. איז אויב אַזוי, ווי פּאַסט זיך דאָ דער אויסדרוק „אַשמתנו גדלה עד תומן ועוכלא״? מיט די ווערטער „אַשמתנו גדלה״ מיינט דאָך דער פייטן צו זאָגען, אַז אונזערע זינד זענען אומגעהויער גרויס — און לסוף קומט גאָר אויס, לויט׳ן אָנגעוויזענעם פער-גלייך, דער היפוך, אַז אונזערע זינד זענען כלל נישט אַזוי גרויס און הארב, אַז זיי דערגרייכען קוים צו דער מאָס פון „תומן ועוכלא״!... ווי-אַזוי זאָל מען עס פערשטעהן?

אייניגע פּרובען ערקלערען, אַז די כונה פונ׳ם פייטן איז: די מאָס פון אונזערע זינד איז שוין אַזוי ווייט איבערפולט, אַז עס איז מעהר נישט

געבליבען אין איהר קיין אָרט פאַר׳ן קלענסטען שיעור, אַפילו פאַר אַזעל־כע קליינע מאָסען, ווי „תומן ועוכלא״...

○

שבת-שובה.

דערפאַר האָט מען אויסגעקליבען שבת אַלס תשובה־טאָג און איהם אַ נאָמען געגעבען „שבת־תשובה״, ווייל תשובה — זאָגט דער של״ה — איז ראשי־תיבות: תענית, שק, בכיה, הספד וצדקה — און אום שבת אין דאָס אַלץ נישט שייך, שבת איז מען פטור פון די אַלע זאַכען...

(תורת יצחק)

○

קחו עמכם דברים ושובו אל ד׳... (הושע יד. ג.)

די ווערטער, וואָס איהר זאָגט אין שוהל און לערנט אין בית־המדרש, זאָלט איהר דאָרט נישט איבערלאָזען, נאָר אַרויסגעהענדיג מיטנעהמען זיי מיט־זיך!...

(מלבי״ם)

○

ונשלמה פרים שפתינו. (הושע יד. ג.)

אין אונזער דאַווענען זענען מיר אָפט געגליכען צו די אָקסען, וועלכע טראַכטען נישט און פיהלען נישט און טהוען זייער אַרבייט מעכאַניש, אָהן שום פערשטאַנד: די ליפען בעוועגען זיך, דאָס מויל דאַווענט — און אונ־זערע חושים זענען נישטאָ דערביי!...

רבי איצעלע וואָלאָזשינער האָט אַמאָל בעמערקט אין בית־המדרש, ווי איינער דאַווענט צו־גיך. נאָכ׳ן דאַווענען האָט ער דעם איד אַריינגערופען צו זיך און גענומען שמועסען מיט איהם מכח דעם ענין פון תפילה, אַז דאַווי־נען דאַרף מען מיט כונה, מלה במלה, ווי מען צעהלט געלד.

— איהר ווייסט דאָך, רבי, — ענטפערט איהם דער איד: — בעת מען פאָהרט פאַמעליך, כאַפּען זיך אַרויף שקצים אויפ׳ן וואָגען; ווען מען פאָהרט אָבער גיך — קאָנען זיי זיך נישט אַרויפכאַפּען... דאָס הייסט: ווען מען דאַווענט גיך — האָבען די מחשבות זרות קיין שליטה נישט!...

— און איך מיין — שמייכעלט דער וואָלאָזשינער — אַז ווען מען דאַווענט גיך, קאָן מען זיך אַליין אויך נישט אַרויפכאַפּען!...

○

נושא עון ועובר על-פשע... (מיכה. ז. יח.)

ווען אַ גרושה האָט חתונה מיט אַ צווייטען — איז זי, לויט'ן דין, שוין אויף שטענדיג אָסור צום ערשטען מאַן. אָבער ווען די אידען טהוען תשובה, איז דאַן כביכול גרייט צו זיין אַ „נושא עון" און אַנ'„עובר על-פשע", עובר צו זיין אויף דעם איסור פון אַ „מחזיר גרושתו משנישאת"...

(שיר מעון)

רבי נפתלי ראָפּשיצער פלעגט זאָגען: דערפאַר האָט מען עס איינגעפיהרט דעם מנהג, אַז דער רב זאָל אום שבת-שובה זאָגען אַ דרשה, מחמת טאָמער איז דער רב אַ צדיק תמים און ער האָט נישט אויף זיך קיין שום עבירה, אויף װאָס תשובה צו טהון, און היות ווי אין דידאָזיגע טעג איז דאָך אַ מצוה צו טהון תשובה, זאָגט ער דעריבער אַ דרשה, און עפ"י-רוב זענען אַזעלכע דרשות — „אַנ'עבירה יעדעס וואָרט"!...

יום־כפור

„כל האוכל ושותה בתשיעי — כאילו מתענה תשיעי ועשירי". (יומא פ"א)

אויפ'ן דאזיגען מאמר זענען שוין א סך פירושים געשריבען געוואָרען. מען קאָן איהם אָבער אויך ערקלערען אויף א גאַנץ פשוט'ען אופן: די אנשי משמר שבמקדש — דערצעהלען אונז די חז"ל (תענית כ"ו) — האָבען נישט געפאַסט באחד בשבת, „כדי שלא יצאו ממנוחה ועונג ליגיעה ותענית". ווייל — זענען עס מסביר די מפרשים — דער פלוצלינגער איבערגאַנג פון די זאַטע שבת'דיגע סעודות צום תענית ווירקט זעהר פיינליך און פערשאַפט א פיעל גרעסערן פיזישען צער, איידער א תענית נאָך א געוועהנליכען, וואָכעדיגען טאָג... און דאָסזעלבע איז אויך מיט יום־כפור: צוליב דעם, וואָס מען איז ערב יום־כפור מרבה באכילה ושתיה, איז דער צער און דער עינוי פון יום־כפור'דיגען תענית פיעל שטאַרקער; עס קומט אַלזאָ אויס, ווי דער ערב־יום־כפור וואָלט דעם תענית פערדאָפּעלט אין איכות, דען וואָס מעהר מען עסט, אַלץ שווערער איז נאָכדעם דאָס פאַסטען, און דעריבער — „כל האוכל ושותה בתשיעי, כאילו מתענה תשיעי ועשירי"...

(תורה תמימה)

„והסר שטן מלפנינו ומאחרינו" — פלעגט זאָגען רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער — געהט־אַרויף אויף ערב־יום־כפור און פורים. אין דידאָזיגעביידע טעג קומט דער שטן מיט א קטרוג אויף אידען: פורים קומט ער מיט א געוואַלד, הלמאי די אידען טרינקען און שכור'ן און לאָזען זיך וואוילגעהן, — ווייזט מען איהם „מלפנינו", אויפ'ן פריהערדיגען טאָג, אויף אסתר־תענית, ווען זיי האָבען א גאַנצען טאָג געפאַסט, מתפלל געווען און געגעבען צדקה; ערב־יום־כפור קומט ער ווידער מיט אַנ'עהנליכער טענה, הלמאי די אידען האַלטען אין איין עסען — דאַן ווייזט מען איהם „מאחרינו", אויף דעם שווערען, פיינליכען טאָג, וואָס עס ערוואַרט זיי צומאָרגענס...

„האומר אחטא ויום-הכפורים מכפר — אין יוה"כ מכפר". (יומא)

— משטיינס-געזאָגט די אידישע פושעים, — פלעגט זאָגען רבי יהושע-העשיל אַפּטער, דער „אוהב-ישראל": — דער ערגסטער פון זיי, אויף וועל-כען עס איז שוין אַפילו קיין תשובה נישטאָ, איז דער, וואָס זאָגט „אחטא ואָשוב", אָדער „אחטא ויוה"כ מכפר" — אַפילו בשעת ער זינדיגט, האָט ער פונדעסטוועגען אין זינען דעם ענין פון תשובה און געדענקט אינ'ם היי-ליגען טאָג יום-כפור... אָט ווי עס זעהען-אויס, משטיינס-געזאָגט, די אידישע פ ו ש ע י ם!...

O

כָּל-נִדְרֵי.

דער מנהג צו זאָגען אום יום-כפור „כל-נדרי" איז מרומז אין דער תורה אין פרשת מטות: „כל-נדר וכל-שבועת אסר — ל ע נ ו ת נ פ ש" (אין טאָג פון „ועניתם את-נפשותיכם")...

יעדעס יאָהר, ערב יום-כפור, פאַר „כל-נדרי", פלעגט דער בעלזער צדיק, רבי שלום, זיך אַוועקשטעלען אין בית-מדרש אויף דער בימה און אויסשרייען בקול רם: „שלשה דברים צריך אָדם לאמר ערב-שבת עם חשיכה— עשרתם, ערבתם, הדליקו את-הנר!"... „ערב-שבת עם חשיכה" — דאָס מיינט מען ערב יום-כפור פאַרנאַכט, דאַמאָלס איז שוין דער לעצטער זמן, די לעצטע מינוט, און יעדער איד דאַרף דעריבער דערציטערט ווערען און זיך דעריבער דערמאָהנען אָט די דריי זאַכען: „עשרתם!" — עס זענען שוין אַוועק די עשרת ימי-תשובה. „ערבתם!" — עס איז שוין פאַראיבער דער ערב יום-כפור. „הדליקו את הנר!" — עס ברענען שוין די יום-כפור-ליכט... אויף ווען-זשע וואַרטען מיר מיט אונזער תשובה-טהון? אויף וואָס-זשע וואַר-טען מיר?... ווערה, וועה! אם לא עכשיו — אימתי?...

רבי ישראל סאַלאַנטער האָט אַמאָל פערשפּעטיגט צו „כל-נדרי". דער עולם וואַרט און וואַרט. עס ווערט שוין שפּעט, און רבי ישראל איז נישטאָ. שיקט מען דעם שמש צו איהם אַהיים — קיינער איז נישטאָ, אַלע זענען אַוועק צו „כל-נדרי". ווערט שוין דער עולם אונרוהיג: טאָמער האָט, חלילה, עפּעס פּאַסירט! לאָזט מען זיך אַרויס זוכען, מען געהט פון גאַס צו גאַס — מען זעהט נישט רבי ישראל'ן! פלוצים, פאַרבייגעהענדיג פאַר אַנ'אָרימער שטוב, נישט ווייט פון בית-המדרש, מען טהוט אַ קוק אַריין דורכ'ן פענ-

סטער און מען ווערט נבהל ונשתומם: רבי ישראל שטעהט אײנגעבויגען בײ א וויגעל און וויגט אַ קינד... לויפט מען אַריין:

— סטייטש, רבי! מיר זוכען דאָך אייך אַרום, מען וואַרט אויף אײך מיט „כל־נדרי״...

— ששש... — זאָגט צו זיי רבי ישראל. — איהר וועט אויפוועקען ס׳קינד, ס׳איז ערשט נאָר־וואָס אײנגעשלאָפען... געהענדיג אין שוהל האָב איך געהערט, ווי אַ קינד וויינט, בין איך אַריין אין שטוב — קײנער איז נישטאָ, אַלע זענען אַוועק אין שוהל... ווי־זשע האָב איך געקאָנט אַוועק־געהן פון דאַנען? ווי קאָן מען זיך עס אַוועקשטעלען זאָגען „כל־נדרי״, בשעת אַ אידיש קינד וויינט?

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער האָט אַמאָל ערב יום־כפור פאַרנאַכט, בעת דער גאַנצער עולם איז שוין געווען פערזאַמעלט אין בית־מדרש צו „כל־נדרי״, גענומען אַ ליכט און אָנגעהויבען זוכען אונטער די בענק.

— וואָס זוכט איהר, רבי? — פרעגט מען איהם.

— כ׳זוך — ענטפערט רבי לוי־יצחק — אַ שכור׳ן איד און איך קאָן איהם בשום־אופן נישט געפינען!...

און תיכף שטעלט ער זיך אַוועק און הויבט־אָן, אויף זיין שטייגער, זיך אויס׳טענה׳ען מיט׳ן רבונו־של־עולם:

— זעה, רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ טייער פאָלק דיינע אידען זענען: דו האָסט זיי געבאָטען צו עסען און צו טרינקען אום ערב־יום־כפור און זיי נאָך צוגעזאָגט, אַז „כל האוכל ושותה בתשיעי״, אַז ווער עס עסט און טרינקט ערב־יום־כפור, איז עס פונקט ווי ער וואָלט געווען געפאַסט; ווען די אומות־העולם וואָלטען געהאַט אַזאַ טאָג — וויפיעל פון זיי וואָלטען איצט געלעגען טויט־שכור, וויפיעל וואָלטען זיך געוואַלגערט אין בלאָטע, וויפיעל וואָלטען געווען צו׳ממית׳טע, צו׳הרג׳עטע!... גיב אָבער אַ קוק אויף דיינע אידען: בייטאָג האָבען זיי מקיים געווען דיין מצוה, געגעסען, גע־טרונקען און געפראַוועט יום־טוב׳דיגע סעודות — און איצט, נאָך אַ שטיק צו נאַכט, זענען זיי אַלע שוין דאָ אין בית־מדרש, קיינער איז נישט שכור, קיינער שלאָפט נישט, אַלע שטעהען אויף די פיס, גערייניגטע, געהייליגטע, מוכן־ומזומן מקבל צו זיין אויף זיך אַלע עינויים פון יום־הקדוש, זיך מתודה זיין פאַר דיר און תשובה צו טהון מיט׳ן גאַנצען האַרצען! רבונו של עולם, צי פערדיענען זיי דען נישט דערמיט אַליין, אַז דו זאָלסט זיי מוחל זיין אַלע זייערע עבירות און זיי אָנ׳חתמ׳ענען לחיים־טובים, מיט אַ שנת ברכה והצלחה, גאולה וישועה?!...

איינמאָל ערב יום-כפור פאַרנאַכט איז דער צדיק רבי יעקב-יצחק, דער רבי פון לובלין, צוגעגאַנגען צום עמוד זאָגען „כל-נדרי", ער איז אָבער געשטאַנען אַ לאַנגע צייט און געשוויגען. ס'איז שוין שפּעט, די נאַכט איז שוין צוגעפאַלען, אָבער דער רבי האַלט דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט איןביידע הענד, פערטיפט אין מחשבות, און שוויגט... פּלוצים טהוט ער זיך אַ דרעה-אויס צום עולם און פרעגט: צי געפינט זיך נישט צווישען די מתפללים אַ איד פון פּילעוו? — קוקט מען זיך-אָן איינער דעם צווייטען מיט ערשטוינונג, און עס רופט-זיך-אָן אַ איד, וועלכער ציטערט אינגאַנצען פון פחד, אַז ער איז פון פּילעוו... רופט איהם דער רבי צו צו-זיך און פרעגט איהם, צי ווייסט ער נישט, וויפיעל דער פריץ פון זיין שטאָדט האָט בעצאָהלט פאַר'ן הונד, וואָס ער האָט היי-יאָהר געקויפט...

— יאָ, — ענטפערט דער איד און עס קלאַפּט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן פאַר פחד פון דער אומגעריכטער שאלה. — יאָ, איך בין גראָד געווען דאָן אין „הויף", בשעת דער פריץ האָט דעם הונד געקויפט.. טויזענד רובל האָט ער פאַר איהם בעצאָהלט...

דערהערענדיג דידאָזיגע ווערטער, האָט זיך אויפ'ן פּנים פונ'ם רבי'ן אַ צופרידענער שמייכעל בעוויזען און ער האָט זיך אויסגעדרעהט צום עמוד און אָנגעהויבען זאָגען „כל-נדרי" מיט גרויס שמחה...

דער עולם האָט געשטוינט; אָבער קיינער, פערשטעהט זיך, האָט די העזה נישט געהאַט איבערצופרעגען אַ וואָרט. ערשט מוצאי-יום-כפור נאָך הבדלה האָט דער רבי דערצעהלט זיינע מקורבים, וואָס אַזעלכעס עס האָט פּאַסירט:

— עס איז אויפ'ן הימעל — דערצעהלט ער — געווען אַ גרויסער קטרוג אויף אידען. דער שטן-המקטרג ימ"ש האָט זיך אַוועקגעשטעלט און איבער-געגעבען אַ מעשה מיט איינעם אַ בכבוד'יגען געפאַלענעם אידען, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען איבער די שטעדט מקבץ-זיין נדבות אויף הכנסת-כלה און די אידישע גבירים האָבען איהם מדחה געווען און אָבגעפּטר'ט מיט גראָ-שענס; אָבער געהענדיג אַזוי אין וועג, איז איהם אַנטקעגענגעקומען דער פּילעווער פריץ, וועלכער האָט זיך מיט איהם פונאַנדערגערעדט, און דער-הערענדיג וועגען זיין שווערען מצב, האָט ער אַרויסגענומען, דער גוי'אי-שער פריץ, דריי הונדערט רובל און איהם דערלאַנגט!...

— דערדאָזיגער קטרוג — האָט אויסגעפיהרט דער רבי פון לובלין — האָט אַ גרויסען רושם געמאַכט און איך האָב זיך דעריבער בעמיהט צו בעווייזען, אַז נישט צוליב רחמנות האָט דער פריץ דעם אידען אַזאַ גרויסע

נדבה געגעבען, נאָר ווייל געלד האָט ביי איהם קיין ווערט נישט; והראיה — אָט איז דאָך רעכט ביי איהם צו בעצאָהלען טויזענד רובל פאַר אַ הונד!...

איינמאָל ערב יום־כפור פאַרנאַכט האָט זיך רבי לוי־יצחק בערדי־טשעווער אָוועקגעשטעלט פאַר'ן עמוד זאָגען „כל־נדרי”. ס'געהט אָבער אַוועק אַ צייט, און רבי לוי־יצחק שוויגט. דער עולם שטעהט אין פּחד און וואַרט, אָבער רבי לוי־יצחק שוויגט. און דאָ ווערט שוין שפּעטליך, די זון זעצט זיך, ס'איז שוין באַלד נאָכ'ן זמן...

פּלוצים קעהרט זיך רבי לוי־יצחק אום מיט'ן פּנים צום עולם און פרעגט דעם שמש: איז בערל דער שניידער דאָ אין בית־מדרש?

— ניין, רבי, — ענטפערט דער שמש.

— געה, רוף איהם! — בעפעהלט רבי לוי־יצחק.

געהט דער שמש אַוועק און ברענגט בערלען אין בית־מדרש.

— בערל, — פרעגט איהם רבי לוי־יצחק, — פאַרוואָס ביזטו מעכּב די אידישע תפילות?

— וואָס זאָל איך טהון, רבי, — ענטפערט בערל, — אז כ'האָב נישט פאַר וועמען איהם מזמין צו זיין לדין! אדרבה, אויב דער רבי וויל זיין דער דַיָן, בין איך מסכּים.

— לאָמיך הערען — זאָגט רבי לוי־יצחק — דיינע טענות.

און בערל דער שניידער הויבט־אָן צו טענה'ן:

— די מעשה, רבי, איז אַזוי געווען. אַנומעלט פאַר סליחות שיקט מיך דער פּריץ רופען, כ'זאָל איהם אויפנעהען אַ נייעם פעלץ אויף ווינ־טער. נעהם איך מיין געצייג, שער־און־אייזען, און געה אַוועק אין הויף, און דער פּריץ גיט מיר גוטע טכוירען, די בעסטע טכוירען, כ'זאָל איהם מאַכען אַ פעלץ, ווי עס דאַרף צו זיין. טראַכט איך ביי מיר: כ'בין אַ איד אַנ'אָרימאַן, כ'האָב אַ טאָכטער חתונה צו מאַכען און ס'איז נישטאָ מיט וואָס, וועל איך מיר נעהמען יתור אַ צעהן טכוירען און האָבען צושטייער פאַר מיין טאָכטער אויף נדן. האָב איך אַזוי געטהון. אויפגענעהט דעם פּריץ אַ פעלץ, ווי עס דאַרף צו זיין, און צעהן טכוירען האָב איך מיר גענומען יתור. אז כ'האָב געענדיגט די אַרבייט און זיך אָנגעהויבען קלוי־בען אַהיים, האָב איך אויסגעהוילט אַ גרויסען לאַבען ברויט, פערבעהאַלטען דאָרט די טכוירען, גענומען דעם קלומיק אויף דער פּלייצע און זיך גע־לאָזט אין וועג אַריין.

אָבגעגאַנגען עטליכע וויאָרסט, הער איך, ווי אַ רייטער יאָגט זיך נאָך מיר — בעפאַלט מיך אַ פּחד, כ'בעהאַלט דעם קלומיק אונטער אַ בוים, און אַליין זעץ איך מיר אויפ'ן גראָז און וואַרט אויפ'ן רייטער.

— בערל, צוריק! — שרייט-אויס צו מיר דער רייטער. — דער פּריץ דאַרף דיך האָבען!

כ'קום צוריק צום פּריץ און אַן'אימת-מות בעפאַלט מיך. מי יודע, וואָס פאַר אַ פּסק ער וועט אויף מיר אַרויסגעבען!...

— בערקע! — מאַכט צו מיר דער פּריץ. — אַזוי גיט מען אַרויס אַרבייט? דו האָסט דאָך אין פעלץ קיין „הענגער" נישט אָנגענעהט!...

גיב איך אָב צום רבונו-של-עולם אַ שבח והודיה פאַר'ן נס, וואָס ער האָט געטהון מיט מיר, נעה-אָן אַ „הענגער" אין פעלץ און לאָז מיך צוריק אין וועג אַריין.

כ'קום-צו צום בוים — נישטאָ מיין קלומיק מיט'ן ברויט מיט די טכוירען! זוך אַהין, זוך אַהער — נישטאָ! זעץ איך מיך אַוועק און הויב-אָן אַריינצוטראַכטען אין דעם ענין; פאַלט מיר איין, אַז נישט אַנדערש, נאָר דאָס איז ז יי ן אַרבייט, כ ב י כ ו ל: ע ר וויל נישט, אַז אַ איד זאָל גנב'ענען טכוירען ביים פּריץ...

איז אויב אַזוי — זאָג איך — אַז דו, רבונו של עולם, האָסט מיר געקאָנט אָבטהון אַזאַ זאַך, וויל איך מעהר נישט אַרבייטען פאַר דיר און וויל נישט מעהר פרום זיין!...

כ'קום אַהיים, ס'ווייב געהט מיר אַנטקעגען: „בערל, וואָס דיך, וועסטו עסען וועטשערע". איך אָבער, אויף צו-להכעיס, זעץ מיך אַוועק און עס אומגעוואַשען; אָבגעגעסען און נישט געבענשט, נישט געדאַווענט קיין מעריב, זיך געלעגט שלאָפען אָהן קריאַת-שמע. מאָרגען אינדערפריה — ווייטער ס'אייגענע: נישט געדאַווענט, נישט געמאַכט קיין ברכה; געקומען סליחות — נישט אויפגעשטאַנען צו סליחות; ראש-השנה — נישט געגאַנגען דאַווענען, נישט געהערט קיין שופר-בלאָזען. איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז ע ר האָט מיר געקאָנט אָבטהון אַזאַ זאַך — וויל איך נישט האָבען מעהר קיין געשעפטען מיט איהם!...

איז אָבער געקומען ערב-יום-כפור — און ערב-יום-כפור, רבי, מוז מען דאָך אַלעמען מוחל-זיין; מוז איך דאָך דעם רבונו-של-עולם אויך מוחל-זיין, וואָרום ער איז דאָך אויך אַלעמען מוחל... איז ביי מיר געבליבען: גוט, כ'וועל איהם מוחל-זיין, נאָר מיט איין תנאי: ער, דער רבונו-של-עולם, זאָל אינ'ם דאָזיגען טאָג מוחל-זיין אַלע עבירות, אַ ל ע, אַפילו אַזעלכע עבירות, אויף וועלכע עס שטעהט געשריבען, אַז יום-כפור איז אויף זיי

נישט מכפר! וועט ער אַלץ מוחל זיין — בין איך איהם אויך מוחל; טאָמער נישט — וויל איך נישט!... אדרבה, רבי, פסק'ענט איהר אַליין, בין איך גערעכט?

האָט רבי לוי־יצחק אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און געזאָגט:

— רבונו של עולם! איך, לוי־יצחק דער דַיָן, פסק'ען, אַז בערל דער שניידער איז גערעכט: בערל דער שניידער איז דיר מוחל, אָבער דערפאַר מוזטו אויך מוחל זיין אַלע אונזערע עבירות, אַלע חטאים ועוונות פון גאַנצען כלל ישראל!...

און מיט שמחה און געזאַנג האָט ער זיך אויסגעדרעהט צום עמוד און אָנגעהויבען זאָגען „כל־נדרי"...

○

ברוך אַתה וכו' מלך מוחל וסולח לעונותינו...

אויף וועלכען סמך מאַכען מיר אין דער יום־כפור'דיגער שמונה־עשרה אַ ברכה: „ברוך אַתה וכו' מלך מוחל וסולח"?... פונוואַנען זענען מיר זיכער, אַז השי"ת איז אונז ווירקליך מוחל און אַז עס איז נישט חלילה קיין ברכה לבטלה? —

דער תירוץ איז: מיר טהוען עס טאַקע אומישנע, בכיוון... אַזוי פיהרט זיך אַ קלוג יונגעל, בשעת ער וויל, דער טאַטע זאָל איהם געבען אַן'עפּעל און ער איז נישט זיכער, צי דער טאַטע וועט איהם געבען, כאַפּט ער זיך און מאַכט הויך אַ ברכה „בורא פרי־העץ!" און הויבט־אָן שרייען: נו, אָ!... ער טאָר נישט מפסיק זיין!... און דאַמאָלס מוז איהם שוין דער פאָטער געבען, וואָרום צוליב אַן'עפּעל וועט ער דאָך נישט ברענגען זיין קינד צו אַן'עבירה, צו אַן'אומזיסטער ברכה... און דאָסזעלבע טהוען מיר, אידען, אויך מיט'ן רבונו־של־עולם: מיר מאַכען בכיוון אויף־גיך אַ ברכה, „ברוך אַתה וכו' מלך מוחל וסולח", וממילא מוז ער אונז שוין צוליעב־טהון און מוחל זיין — וואָרום ער וועט דאָך נישט געהן גורם זיין, אַז זיינע קינדער, מיליאָנען אידען, זאָלען האָבען געמאַכט אַ ברכה לבטלה!...

(רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער)

○

עַל־חֵטְא...

דעריבער שלאָגט מען, בשעת'ן זאָגען „על־חטא", מיט דער האַנד אין האַרצען, ווייל „היד כותבת" און — „יד העדים תהיה בו בראשונה"...

(אגרת הטיול)

דארפען וואָלט געדאַרפט זיין, אַז דאָס האַרץ זאָל שלאָגען די האַנד, בשעת זי גרייט זיך צו טהון אַ שלעכטע זאַך, — נישט די האַנד זאָל שלאָגען דאָס האַרץ!...

(דרשות אל עמי)

רבי לוי-יצחק בערדיטשעווער פלעגט זאָגען:

— היינטיגע דורות זענען עהרליכער, ווי אַמאָליגע: אַמאָליגע דורות האָבען אַפילו יום-כפור אין שוהל נישט געזאָגט דעם אמת; זיי האָבען זיך געקלאַפּט אין האַרצען: „אָשמנו, בגדנו, גזלנו", „על חטא שחטאנו" — און קיין איין וואָהר וואָרט איז נישט געווען אין דעם; זיי האָבען זיך מתוודה געווען אויף עבירות, וואָס זיי האָבען קיינמאָל נישט געטהון! היינטיגע דורות אָבער, ווען מיר קומען אין שוהל, זאָגען מיר דעם אמת פאַר'ן רבונו-של-עולם: „אָשמנו, בגדנו, גזלנו, דברנו דופי" — אַלץ אמת, נישטאָ קיין וואָרט שקר... און דערפאַר אַליין זענען מיר ווערט, אַז השי"ת זאָל אונז מוחל זיין אַלע אונזערע עבירות!...

○

על חטא שחטאנו לפניך בוידוי פה...

אויף דעם חטא, וואָס מיר זענען זיך מתוודה בלויז מיט'ן מויל, און דאָס האַרץ איז נישטאָ דערביי...

(תורת יצחק)

○

על חטא שחטאנו לפניך ביצר הרע...

וועלכער חטא ווערט דען בעגאַנגען אָהן יצר-הרע?! — נאָר ס'זענען פאַרהאַן אַזעלכע חטאים, ביי וועלכע נישט בלויז דער מענש, נאָר אויך דער יצר-הרע זינדיגט, און דאָס איז דאַמאָלס, ווען דער בעל-דבר, אַנשטאָט צו-צורעדען דעם מענשען צו אַן עבירה, וואָס דאָס איז דאָך זיין אייגענטלי-כע מיסיע, נעהמט ער איהם גאָר איינרעדען, אַז דאָס איז אַ מצוה!... דאָ בעגעהט שוין דער יצר-הרע אַליין אויך אַ זינד, דען זיין אויפגאַבע איז דאָך נישט צו זיין אַ מעקלער ביי מצות... און אָט אויף אַזעלכע מיני עבירות, „פרומע עבירות", זענען מיר זיך מתודה: „על חטא שחטאנו לפניך ביצר-הרע" — עבירות, וועלכע מיר האָבען אָנגענומען פאַר מצוות; עבירות, ביי וועלכע מיר האָבען געזינדיגט צוזאַמען און בשותפות מיט'ן יצר-הרע!...

(תפארת שלמה)

○

על חטא שחטאנו לפניך ביודעים ובלא-יודעים...

פראָסטע מענשען, עמי-הארצים, זינדיגען מ ע ה ר, אָבער זייער עונש איז אַ קלענערער, ווייל זיי זינדיגען „ב ל א-י ו ד ע י ם", זיי ווייסען נישט, אַז מען טאָר נישט. לומד'ישע מענשען, תלמידי-חכמים, זינדיגען ו ו ע נ י ג ע ר, אָבער זייער עונש איז אַ גרעסערער, ווייל זיי זענען דאָך „י ו ד ע י ם", זיי ווייסען דאָך, אַז מען טאָר נישט!... א ו נ ז ע ר שולד — זענען מיר זיך מתוודה — איז אַ דאָפּעלטע: האַלטען האַלטען-מיר-זיך פאַר לומדים, פאַר שענע אידען, פאַר „י ו ד ע י ם"; זינדיגען אָבער זינדיגען מיר אַזוי פיעל, ווי די „ל א-יודעים"!...

(רבי משה פּאָלאָק)

O

על חטא שחטאנו לפניך בִּצְדִיַת רַע ועל חטא וכו' בצרות עין...

ווען מיר זאָלען האָבען אויף זיך בלויז דעם חטא פון קמצנות, פון „צרות-עין", וואָלטען מיר זיך געקאָנט פערענטפערן, אַז דאָס האָבען מיר אין זיך די מדה פון צדיקים, דען „צדיקים — זאָגט די גמרא — ממונם חביב עליהם יותר מגופם, מפני שאין פושטין ידיהם בגזל"... לײדער, קאָנען מיר דאָך אָבער דאָס נישט זאָגען, דען — „על חטא שחטאנו לפניך בצדית רע", גלייכצייטיג דערמיט נאַרען מיר דאָך און שווינדלען און בע-גזל'ענען איינער דעם צווייטען!...

O

הריני לפניך ככלי מלא בושה וכלימה...

מיר זענען ווי אַ כלי, וועלכע איז פול מיט אומריינקייט; אָבער כל-זמן די כלי אַליין איז גאַנץ, שאַדט נישט: מען קאָן זי אויסוואַשען, מען קאָן זי אויסרייניגען און צוריק מאַכען איין אָרדנונג...

(רבי שלום רוקח מבעלז)

O

ויאמר ד' סלחתי כדבריך...

דער קאָזשעניצער מגיד, בשעת ער איז אינ'ם לעצטען יאָהר פאַר דער פטירה געשטאַנען ביים עמוד און האָט געזאָגט „כל-נדרי", האָט ער, צוקומענדיג צו די ווערטער „ויאמר ד' ס.חתי כדבריך", אויפגעהויבען די

הענד צום הימעל און געזאָגט: רבונו של עולם! קיינער, אויסער דיר, ווייסט נישט און איז נישט אימשטאַנד צו וויסען, ווי גרויס דיין שטאַרקייט איז... און קיינער, אויסער דיר, ווייסט נישט און איז נישט אימשטאַנד צו וויסען, ווי גרויס מיין שוואַכקייט איז... דו ווייסט וואויל, אַז קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין מיר פון חולשות — און אויב אַ גאַנצען חודש אלול שטעה איך יעדען טאָג ביים עמוד און גיס־אויס פאַר דיר מיין האַרץ בתפילה ובתחנונים, ווייסטו דאָך, אַז איך טהו דאָס נישט פאַר מיר, נאָר פאַר דיין פאָלק ישראל!... און דעריבער פרעג איך דיך, רבונו של עולם: איז דאָס אַ יושר, אַז איך מיט מיין קראַנקען קערפּער זאָל טראָגען אויף זיך דעם גאַנצען עול פון דיינע קינדער, די בני־ישראל, און גאַנצע טעג פּייניגען זיך, גאַנצע טעג פאַר זיי מתפלל זיין; דאַגעגען פאַר דיר — „לך ד' הגדולה והגבורה" — זאָל חלילה זיין אַזאַ שווערע זאַך צו זאָגען בלויז אָט די צוויי ווערטער: „סלחתי כדבריך"!?... זאָל אפשר די מניעה זיין, ווייל מיר האָבען היינט ווייניג צדיקים אויף דער וועלט? — האָסטו דאָך דערפאַר רבי מענדעלי רימאַנאָווער, וועלכער איז שקול כנגד אַלע צדיקי־הדור!... זאָל אפשר די מניעה זיין, ווייל מיר האָבען נישט קיין נביאים? — האָסטו דאָך דערפאַר רבי איציקעל דעם „חוזה" פון לובלין, וועלכער לייכט אויף דער וועלט ווי דער אורים־ותומים!... זאָל אפשר די מניעה זיין, ווייל עס פעה־לען בעלי־תשובה? — איז איך מיט מיין קראַנקען גוף בין גרייט תשובה צו טהון פאַר'ן גאַנצען כלל־ישראל!... ובכן, בעט איך דיך רבונו של עולם, טהו אונז צוליעב און זאָג: „סלחתי"!...

(עשר אורות)

איינמאָל יום־כפור נאָך „כל־נדרי" גיט רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער אַ קלאַפּ אין טיש, שטילט־איין דעם עולם און רופט־אויס:

— רבותי! די חז"ל זאָגען אונז, אַז „כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם" — ובכן, זאָג איך אייך טאַקע, ליעבע אידען, בשם אומרו, אַז — „ויאמר ד' סלחתי כדבריך"!...

○

אַל תזכור לנו עונות ראשונים וכו' כי דלונו מאד...

די ערשטע שאלות, וואָס מען פרעגט דעם מענש ביום־דינו, זענען: „קבעת עתים לתורה?" און „נשאת ונתת באמונה?" — בעטען מיר דערי־בער: דידאָזיגע ערשטע שאלות, די „עונות ראשונים", זאָלסטו אונז נישט דערמאָהנען, „כי דלונו מאד", דען דער דלות האָט אונז ב ײ ד ע זאַכען

געשטערט: דער דלות לאָזט נישט עוסק-זיין אין לערנען און דער דלות לאָזט, ליידער, קיין עהרליכער מאַן נישט זיין!...

(חיים-יוסף-דוד אזולאי)

○

אַל תשליכני לעת זקנה...

איך די מינדערווערטיגע תשובה, וואָס דער מענש טהוט „בעת זקנה", ווען ער האָט שוין סיי-ווי קיין כח נישט צו זינדיגען, איך די דאָזיגע תשובה — בעטען מיר — זאָל אָנגענומען ווערען!...

(כתב סופר)

○

וסלחת לעוני כי רב הוא...

זיי אונז מוחל, רבש"ע, אונזערע זינד, וואָרום „כי רב הוא", די הלכה אין דער גמרא בלייבט ווי רב, וועלכער האַלט, אַז „מודה בקנס ואח"כ באו עדים — פטור"!...

(האר"י)

○

עשה למען פארך...

— „עשה למען פאַרך!" — האָט רבי לוי-יצחק בערדיטשעווער גע-טענה'ט צום רבונו-של-עולם: — טהו עס, אויב נישט אין אונזער זכות, אין כאָטש צוליב'ן כבוד פון די תפילין, וועלכע ווערען אין דער גמרא אָנגע-רופען „פְּאֵר"... וועה געשריען! אַ געוועהנליכער, פשוט'ער איד, בשעת עס טרעפט, חלילה, אַז די תפילין פאַלען איהם אומגערן צראָב אויף דער ערד, הויבט ער זיי שנעל אויף און קושט זיי און איז זיך שרעקליך מצער און פאַסט תעניתים... און דו, רבונו-של-עולם, שוין אַכצעהן הונדערט יאָהר, ווי דיינע תפילין, אין וועלכע עס שטעהט געשריבען: „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ", וואַלגערן-זיך-אַרום ללעג ולקלס אין די שמוציגסטע בלאָטעס, אין די אומריינעסטע, טמא'דיגסטע ערטער, ווי-זשע קאָנסטו דאָס אַזוי לאַנג דולדען? ווי-אַזוי מעג מען דאָס עפ"י דין?...

○

מה-מלאכתך ומאין תבוא וכו'
ואי-מזה עם אתה. (יונה א. ח.)

אויף די אַלע שאלות האָט יונה געענטפערט בלויז: „עברי אנכי" — ער איז אַ איד. און נאָך דערדאָזיגער תשובה האָט ער שוין ממילא פער-

שפּאָרט צו ענטפערן אויף דער ערשטער שאלה: „מה־מלאכתך", מיט וואָס ער בעשעפטיגט זיך און מיט וואָס ער האַנדעלט, וואָרום — מיט וואָס האַנ־דעלט אַ איד ג י ש ט?...

(כנסת ישראל)

O

מוצאי־יום־כפור האָט איינמאָל רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער געשיקט רופען צו זיך דעם גרעסטען מעקלער פון שטאָדט.

— ביזט עפּעס בעהאַווענט — פרעגט איהם רבי לוי־יצחק — אין ענין פון מעקלעריי?

— געוויס, רבי, — ענטפערט דער סוחר: — דורך מיין האַנד זענען שוין די גרעסטע עסקים דורכגעגאַנגען.

— נו, איז אויב אַזוי, — זאָגט רבי לוי־יצחק, — וואָלט איך ווע־לען, דו זאָלסט מיר זאָגען, וואָס פאַר אַ מעקלעריי כ'האָב דאָס רעכט צו פערלאַנגען פון אַזאַ מין געשעפט. כ'האָב היינט, פערשטעהסטו, דורכגע־פיהרט גאָר אַ גרויסען עסק צווישען כביכול מיט די אידען. געמאַכט אַ טויש־געשעפט: כ'האָב געטוישט „עונות, חטאים ופשעים" אויף „מחילה, סליחה וכפרה"... איז, ווי מיינסטו, קומט מיר מעקלעריי?

— כ'מיין, רבי, — שטאַמעלט דער מעקלער, — אַז... געוויס קומט אייך.

— פאַר מיין מעקלעריי — זאָגט ווייטער רבי לוי־יצחק — פערלאַנג איך „בני, חיי ומזוני"... האָב איך רעכט?

— געוויס, רבי! — איז דער מעקלער מסכים.

— נו, און איצט — רופט־אויס רבי לוי־יצחק, ווענדענדיג זיך צום עולם, מיט שמחה — גיב איך אַוועק מיין מעקלעריי אַ מתנה גמורה דעם כלל ישראל!...

סֻכּוֹת

כי בסֻכּוֹת הושבתי את־בני ישראל... (ויקרא כג. מג.)

פארוואס די תורה האט בעשטימט דעם זמן פון חג הסוכות אויף ט"ו תשרי, ווערען געגעבען פערשידענע טעמים; אָבער אַמאינטערעסאַנט־סטען איז די ערקלערונג, וואס עס גיט דערויף דער ווילנער גאון, נעמליך:

די סוכה, כידוע, איז מרמז אויף די „ענני־כבוד". אויפ'ן פסוק „כי פרוע הוא", נאך דער מעשה פון עגל, זאגט דער מדרש: „שנסתלקו הענניס ולא חזרו עד שהתחילו לבנות את המשכן", אז די „ענני־כבוד" זענען נסתלק געוואָרען און זיי האָבען זיך צוריק בעוויזען ערשט דאַן, ווען מען האט אָנגעהויבען בויען דעם משכן. אויף „ויקהל משה" זאָגען די חז"ל (און רש"י ברענגט עס אויפ'ן אָרט): „למחרת יום הכפורים", דאס הייסט, אז דער ציווי וועגען ברענגען נדבות צום משכן איז געגעבען געוואָרען אין י"א תשרי. אויפ'ן פסוק „והם הביאו אליו בבקר בבקר" זאָגט דער מדרש, אז דאס ברענגען די נדבות האט זיך געצויגען בלויז צוויי טעג — י"ב און י"ג תשרי. א טאָג שפּעטער, דאָס הייסט י"ד תשרי, איז „ויצו משה ויעבירו קול במחנה וכו'", האט מען אויסגערופען, מען זאָל מעהר נישט ברענגען קיין נדבות. צומאָרגענס, אַלזאָ אום ט"ו תשרי, איז מען צוגעטרעטען צו דער אַרבייט פון משכן און אינ'ם זעלבען טאָג, ווי עס ווערט געזאָגט אינ'ם אויבענדערמאָהנטען מדרש, האָבען זיך צוריק בעוויזען די „ענני־הכבוד", און אַלס זֵכֶר דערצו האט דעריבער די תורה בעשטימט צו פייערן אינ'ם דאָזיגען טאָג דעם חג־הסוכות...

פון אַלע תרי"ג מצוות איז מצות־סוכה די איינציגע, וואָס דער מענש געהט אַריין אין דער מצוה מיט'ן גאַנצען גוף, מיט אַלע אברים...

(רבי שלמה־לייב לענטשנער)

— דערפאַר — פלעגט זאָגען רבי משה פאָלאַק בדרך־הלצה — זענען „בשים פטורין מן הסוכה", ווייל וועגען די חייבי־גלות דרש'ענט די גמרא,

„משום רשעה אחת אתה מחייבו, ואי אתה מחייבו משום שתי רשעיות״ (מכות י״ג). אי אָבצוריכטען גלות און אויסצוואַנדערן פון שטוב אין סוכה אריין, אי צו זיצען דאָרט מיט׳ן ווייב — מיט צוויי זאַכען שטראָפט מען נישט!...

פאַרוואָס אויף פסח פיהלט יעדע אידישע קהלה אויף זיך א שטרענגע פליכט צו זאָרגען פאר די אָרימעלייט, צו פערזאָרגען זיי מיט „ארבע כוסות״ און מיט „מעות־חטים״; דאַגעגען האָט מען זיי גאַנץ ווייניג אין זינען אויף סוכות, הגם אויך דערדאָזיגער יום־טוב, וועלכער דויערט נאָך דערצו מיט א טאָג לענגער ווי פסח, קומט־אָן דעם אָרימאַן גענוג שווער? —

ווייל ביי פסח שטעהט בפירוש: „שבעת ימים תאכלו מצות״, דאַגעגען ביי סוכות ווערט געזאָגט סתם: „בסוכות תשבו שבעת ימים״; דאָס וואָרט „ת א כ ל ו״ ווערט דערביי לגמרי נישט דערמאָהנט!...

(א פאָלקס־ווערטעל)

O

ולקחתם לכם ביום הראשון... (ויקרא כג. מ.)

„ראשון לחשבון עוונות״... (תנחומא)

וועגען עץ־הדעת איז פאַרהאַן א מיינונג ביי די חז״ל: „ר׳ אבא דעכו אָמר אתרוג היה״ (ב״ר, פרשה ט״ו). עס קומט אַלזאָ אויס, אַז די ערשטע זינד, וואָס דער ערשטער מענש איז בעגאַנגען, האָט זיך אָנגעהויבען פון א ת ר ו ג, און דאָס איז דער פשט — „ראשון לחשבון עוונות״...

(כרם הצבי)

וועגען בוים, אויף וועלכען עס וואַקסט דער אתרוג, ווערט געזאָגט: „טעם עצו ופריו שוים״, די פרוכט האָט דעמזעלבען טעם, וואָס דער בוים — און דערפאַר טאַקע האָט זיך די תורה אָבגעשטעלט הויפטזעכליך אויף דער־דאָזיגער פרי, אַלס רמז, אַז אונזער הויפט־אויפגאַבע דאַרף זיין צו זאָרגען דערפאַר, אַז די קינדער זאָלען געהן אין די וועגען פון די עלטערן, אַז עס זאָל זיין — „טעם עצו ופריו שוים״...

(דרשות אל עמי)

„אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי״ — „אעלה״ זענען די ראשי־תיבות: אתרוג, ערבה, לולב, הדס... עס איז דער אונבעדינגטער חוב אויף יעדען איד, אַז די ארבעה מינים, איבער וועלכע ער בענשט, זאָלען זיין פון ארץ־ישראל!

(הרב צבי־יחזקאל מיכלזאָהן)

צווישען מהר"י סגל און די גאונים פון זיין דור איז ענטשטאַנען אַ שאַרפע מחלוקת וועגען דער פראַגע פון „לולבים מורכבים". מהר"י סגל האָט זיך פעסט געהאַלטען אין דער מיינונג, אַז דידאָזיגע לולבים זענען כשר — און זעהענדיג, אַז אַלע זענען געגען איהם, האָט ער זיך געווענ־דעט נאָך הילף צום גאון רבינו פרץ, צו וועלכען ער שרייבט דאַן אין אַ בריעף:

„רבים אומרים זנתה תמר,
ואני יחיד, מה אענה, מה אומר?
עליך פרץ להפוך בזכותה,
אמך היא — לא תגלה ערותה!"...

דער ווילנער גאון איז, כידוע, געוועזן אַ שטאַרקער מחמיר אין דיני סוכה און אין אַלע מצוות, וואָס האָבען אַ שייכות צום דאָזיגען יום־טוב; איבערהויפט האָט ער אויסערגעוועהנליך מדקדק געוועזן אויפ'ן אתרוג, ער זאָל זיין אַ הדר־שבהדר. אין יענע צייטען, ווען עס איז נאָך קיין באַהן נישט געוועזן, פלעגען ספעציעלע שלוחים פון ווילנא, ווי פון יעדער גרע־סערער קהלה, זיך אַרויסלאָזען בעצייטענס, נאָך אינמיטען זומער, אין וועג אַריין איינצוקויפען כשר'ע אתרוגים.

האָט איינמאָל פּאַסירט, אַז די ווילנער שלוחים זענען צוריקגעקומען מיט לעדיגע הענד, און דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אין שטאָדט; איבערהויפט אָבער האָט מען זיך מצער געוועזן, וואָס דער ביי אַלעמען אַזוי בעליעבטער גאון וועט קיין אתרוג נישט האָבען און ער וועט דערפון גע־וויס גרויס עגמת־נפש ליידען. די ראשי־הקהל האָבען אָבגעהאַלטען איין אַסיפה נאָך דער צווייטער, מען האָט אַרויסגעשיקט בריעף אין פערשידענע שטעדט און אויך אַ שליח מיוחד האָט מען נאָכאַמאָל אַרויסגעשיקט, ער זאָל אונ־בעדינגט זעהן ערגעץ צו בעקומען אַ כשר'ן אתרוג, כאָטש איין אתרוג פאַר'ן גאון'ס וועגען, וויפיעל עס זאָל נישט קאָסטען!...

דאָסמאָל האָט דער שליח מצליח געוועזן. צופעליג האָט ער פערבלאָנ־דזשעט אין וועג צו אַ אידען, וועלכער האָט איינגעהאַנדעלט אויף יום־טוב אַ זעלטען־שענעם אתרוג, אַנ'אמת'ן הדר. ער פרובט מיט איהם אונטער־האַנדלען וועגען אַ פּרייז, אָנבאָטענדיג איהם אַ גרעסערע סומע געלד, אָבער דער איד וויל נישט הערען — פאַר כל הון דעלמא וועט ער דעם אתרוג נישט פערקויפען!... דערזעהן, אַז מיט געלד וועט ער מיט איהם גאָרנישט מאַכען, האָט דער שליח, נישט האָבענדיג קיין אַנדער ברירה, איהם אויס־געזאָגט דעם סוד, אַז דעם אתרוג וויל ער קויפען פאַר'ן גאון'ס וועגען,

פאר׳ן ווילנער גאון... ווי דער איד האָט דאָס דערהערט, איז ער שטאַרק איבערראַשט געוואָרען. גוט, — זאָגט ער, — ער איז מוכן אָוועקצוגעבען דעם אתרוג, און אָהן אַ גראָשען געלד, אָבער מיט איין תנאי: דער שכר פון דער ברכה, וואָס דער גאון וועט איבער׳ן אתרוג מאַכען, זאָל געהערען צו איהם — אַנדערש בעשטעהט ער נישט, אַנדערש איז ער דעם אתרוג נישט מַקנה!... ווידער האָט דער שליח קיין ברירה נישט געהאַט. וואָס זאָל ער טהון? האָט ער מסכים געווען און געבראַכט דעם אתרוג קיין ווילנא. שטאָדט איז שטאַרק צופרידען געווען און אויך דער גאון האָט זיך זעהר דערפרעהט. בלויז דער שליח איז אַרומגעגאַנגען אַ פער׳דאַגה׳טער צוליב דער הבטחה, וואָס ער האָט יענעם אידען געגעבען. דעם תנאי מוז ער ערפילען — אַנדערש טאָר מען איבער דעם אתרוג נישט בענשען, אַזוי האָט דער איד מיט איהם בפירוש אויסגענומען!... ערב־סוכות איז ער מיט אַ צובראָכען געמיט אַריין צום גאון און האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה. אָבער צו זיין גרויסער איבערראַשונג, האָט דעם ווילנער גאון, אויס־הערענדיג די געשיכטע, זיך געוואַלדיג דערפרעהט.

— געלויבט השי״ת! — האָט דער גאון אויסגערופען. — אַ גאַנץ לע־בען האָב איך געהאָפט דערויף און געוואַרט צו קאָנען מקיים־זיין כאָטש איין מצוה כתיקונה, שלא על־מנת לקבל פרס!...

רבי מרדכי נעסוויזשער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן, איז איינמאָל פאַר יום־טוב געפאָהרען קיין בראָד קויפען אַן׳אתרוג. געהאַט האָט ער ביי זיך זעקס רובל, וואָס ער האָט אָבגעשפאָרט צו דעם צוועק במשך פון אַ גאַנצען זומער, זאַמלענדיג אַ גראָשען צו אַ גראָשען. אויפ׳ן וועג, צוקומענדיג שוין נאָהענט צו דער שטאָדט, דערזעהט ער, ווי אַן׳אָרימער איד זיצט אויפ׳ן פעלד, די הענד פערבראָכען, און וויינט אויפ׳ן קול... וואָס איז אייך, ר׳ אידז — פרעגט איהם דער נעסוויזשער. דערצעהלט איהם יענער: ער איז אַ וואַסער־טרעגער; אַ פערד און וועגעלע האָט ער געהאַט, מיט וועלכע ער פלעגט פיהרען פאַר די בעלי־בתים וואַסער פון הינטער־שטאָדטישען טייך און דערפון זיין אָרימע חיונה געצויגען. איצט איז איהם פלוצים אַן׳אומגליק געשעהען: דאָס פערדעל — צעוויינט ער זיך — איז איז איהם נעבעך אָוועקגעפּגר׳ט, פינסטער איז איהם זיין וועלט!... דערהע־רענדיג דאָס, האָט דער נעסוויזשער איהם אָוועקגעגעבען די זעקס רובל, ער זאָל זיך קויפען אַן׳אַנדער פערד, און אַליין איז ער צוריקגעפאָהרען אהיים אָהן אַן׳אתרוג...

— געלויבט דער אויבערשטער! — האָט ער אויסגערופען, אַריינקו-מענדיג אין שטוב: — אויפ'ן היינטיגען סוכּות האָט מען מיר צוגעשיקט פון הימעל דעם אמת'ען „הדר"... די גאַנצע וועלט וועט בענשען איבער אַנ'אתרוג, און איך וועל בענשען — איבער אַ פערד!...

(זכרון טוב)

ביים מקיים-זיין די מצוה פון אתרוג ווערט דער מענש נכשל אין דער מיאוס'ער מדה פון גאוה. „אַל תבואני רגל גאוה" — זענען די ראשי-תיבות: „אתרוג"...

ומעשה שהיה. רבי מאיר תאומים, דער לעמבערגער רב, האָט איינ-מאָל בעמערקט, ווי איינער אַ פּראָסטאַק, אַנ'אויפגעקומענער עושר, וועלכער האָט, בשעת'ן זאָגען די „הושענות", צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע שענע בעלי-בתים, געמאַכט הקפות אַרום דער בימה, שפּאַצירענדיג זיך ברייטליך, מיט אַ פערריסענעם קאָפּ, מיט'ן שענעם אתרוג און לולב אין דער האַנד, האָט יעדעס מאָל געשטויסען ברוטאַל מיט די עלענבויגענס די אָרימע אי-דען, תלמידי-חכמים, וועלכע זענען, נישט-האָבענדיג קיין אייגענעם אתרוג און לולב, געשטאַנען אָן אַ זייט און האָבען איהם נישט אַזוי גיך אָבגע-טרעטען דעם וועג.

— איצט — רופט-זיך-אָן רבי מאיר תאומים נאָכ'ן דאַווענען צום עולם — איז מיר ענדליך פערענטפערט געוואָרען, פאַרוואָס די „הושענות" ענדיגען זיך מיט'ן פּסוק, וועלכען מען שרייט-אויס הויך, מיט אַ ספּעציע-לען ניגון: „למען דעת כל עמי הארץ כי ד' הוא האלקים אין עוד"! אין פלוג — ווי קומט עפּעס אַהער פלוצים דערדאָזיגער פּסוק און הלמאַי שרייט מען איהם אַזוי אויס אויפ'ן קול? איצט איז מיר אָבער די זאַך פער-שטענדליך... איהר ווייסט דאָך, רבותי, אַז אומעטום, וואו עס שטעהט אין דער תורה דאָס וואָרט „את", בעוויזט עס אויף אַ „רבוי" און איז מרבה נאָך אַ זאַך. וואָס טהוט מען אָבער — קלערט די גמרא — מיט'ן „את ד' אלקיך תירא", ווי-אַזוי און ווען קאָן עס מצרף זיין צום אויבער-שטען? — דערויף ווערט געענטפערט, אַז דערדאָזיגער „את" איז „לרבות תלמידי-חכמים"... בשעת עס קומט אָבער צו די „הושענות", ווען די עמי-הארצים, מיט די אתרוגים אין די הענד, זענען מבזה די תלמידי-חכמים, בעווייזען זיי דאָך דערמיט, אַז זיי האַלטען נישט פונ'ם דערמאָהנטען דרש אין דער גמרא, טאָ וואָס טהוען זיי מיט'ן „את"? לויט זיי קומט דאָך אויס, אַז דער „את" איז חלילה מרמז אויף „שתי רשויות"! — מוז מען דעריבער תיכף מכריז-ומודיע זיין, אַז מ'זאָל חלילה נישט האָבען דעמדאָזיגען טעות און — „למען דעת כל עמי הארץ" — זאָלסט וויסען, דו עם-הארץ איינער,

כאָטש דו האָלסט נישט פון יענעם דרש אין דער גמרא, אַז — „כי ד׳ הוא האלקים, אין עודו״...

די ברעזשאַנער קהלה האָט זיך געהאַט געווענדעט צו רבי יעקב קאָלאָווער, וועלכער האָט גע׳שמ׳ט אין דער גאַנצער סביבה אַלס גדול בתורה, ער זאָל אָננעהמען ביי איהר דעם כסא־רבנות, אָבער רבי יעקב האָט נישט געוואָלט, ער האָט בכלל נישט געוואָלט זיין קיין רב. זיין ווייב איז אָבער צוגעשטאַנען צו איהם און האָט דורכאויס פערלאַנגט, ער זאָל אָננעהמען דאָס ברעזשאַנער רבנות. געווען איז דאָס גראָד פאַר סוכות. רופט זיך רבי יעקב אָן צום ווייב:

— ווייסטו וואָס? אַז דו וועסט מיר קויפען אַן׳אתרוג אַ הדר, וועל איך זעהן...

איז זי תיכף אַוועקגעפאָהרען קיין ברעזשאַן, האָט נישט געזשאַלעוועט קיין געלד און איהם געבראַכט אַן׳אתרוג אַ מהודר, אַ יופי.

אַז מען איז געוואויר געוואָרען אין שטעדטעל, אַז רבי יעקב האָט אַן׳אתרוג אַ הדר, איז גאַנץ שטעדטעל געקומען צו איהם בענשען אתרוג — און תיכף אינ׳ם ערשטען טאָג האָט דער אתרוג פערלוירען זיין מראה, ער איז געוואָרען שוואַרץ, פערפלעקט, נישט צום דערקענען גאָר!

ווענדעט זיך רבי יעקב צו זיין ווייב און וויזט איהר:

— זעהסט? דער שענסטער אתרוג ווערט אויס „הדר״, בעת ער פאַלט אריין אין קהל׳שע הענדז...

○

הושענא גולה וסורה, הושענא דמתה לתמר...

כאָטש די כנסת־ישראל איז „גולה וסורה״, כאָטש דו האָסט זי פערטריבען און דערווייטערט פון זיך, דאָך — „דמתה לתמר, איז זי געגליכען צו תמר׳ן, וואָס בשעת יהודה איז אַוועק פון איהר, האָט זי זיך בשום־אופן נישט געוואָלט פון איהם שיידען און האָט אָנגעווענדעט די פערשידענסטע תחבולות, כדי אריינגענומען צו ווערען צוריק אין זיין הויז, ביז זי האָט סוף־כל־סוף דאָס איהריגע אויסגעפיהרט...

(רבי ישראל מקאָזשעניץ)

○

למען נאמן בית וכו׳ סלע הך ויזובו מים...

עהנליכעס ווערט אויך געזאָגט אין דער תפילה פון גשם: „על הסלע הך ויצאו מים — בעבורו חון חשרת מים״. איז אין פלוג: וואָס איז עס

פאר א זכות? דאס איז דאך, פערקעהרט, געווען גאר א ח ט א. פאר וועל־כען ער איז נענש געווארען? — נאר דער תירוץ איז: משה איז בכיוון דעמ־דאזיגען חטא בעגאנגען און האט געשלאגען דעם שטיין, אנשטאט צו ר ע־ד ע ן צו איהם, כדי נישט צו דערוועקען דאדורך קיין קטרוג אויף אידען, מען זאל נישט זאגען, אז אפילו א שטיין איז געהארזאמער פון זיי... און דערפאר דערמאהנען מיר דאס אין דער תפילה, דען טהון אנ׳עבירה פאר אידענס וועגען — דאס אליין איז אנ׳אונגעוועהנליך צדקות און א גרויסער זכות!...

(רבי מנחם־מענדעל מווארקע)

הושענא שלש שעות...

די חז״ל דערצעהלען אונז, אז בשעת הקב״ה האט געזאגט צו יצחק׳ן: „בניך חטאו״, האט יצחק דערויף געענטפערט: „רבונו של עולם! כמה שנותיו של אדם — ע׳ שנה. דל כ׳ דלא ענשת עליהו פשו להו חמשין, דל כ״ה דלילותא פשו להו כ״ה, דל י״ב ופלגא דצלוי ומיכל ובהכ״ס פשו להו י״ב ופלגא — פלגא עלי ופלגא עלך״ (שבת פ״ט)... ווען מען זאל נעהמען דעמ־זעלבען חשבון, וואס יצחק האט געמאכט לויט די יאהרען, און עס איינטיי־לען אויף די ט ע ג, קומט עס אויס אזוי: דער מעת־לעת האט פיער־און־צוואנציג שעה; אראברעכענענדיג א העלפט דערפון אויף די נעכט—בלייבט־איבער צוועלף; אראברעכענענדיג א העלפט דערפון אויף תפילה, אכילה און בהכ״ס — בלייבט־איבער זעקס; א העלפט דערפון האט גענומען אויף זיך יצחק — בלייבט־איבער דריי שעה. איז דאס, אלזא, בעטען מיר: „הושענא ש ל ש ש ע ו ת״!...

(רבי יעקב־יצחק מלובלין)

ביום השמיני עצרת תהיה לכם...

ראש־השנה און יום־כפור האבען מיר מתפלל געווען פאר׳ן נ פ ש, אבגעגעבען זיך בלויז מיט הימעל־זאכען. שמיני־עצרת איז דער ערשטער טאג, ווען מען נעהמט מתפלל זיין אויף ג ש ם, זארגענדיג פאר די מאטער־יעלע, ערדישע, קערפערליכע בעדערפענישען — פאר׳ן „ל כ ם״...

און דאס איז דער טייטש: „שמיני רגל בפני־עצמו הוא״, שמיני־עצרת איז דער יום־טוב, ווען מען הויבט־אן צו זארגען „בפני־עצמו״, פאר זי ך!...

(רבי משה־לייב סאסעווער)

זכור טען מקלו וכו׳ לכן הבטחתו הייתה עמו באש ובמים...

וואו — ווערט געפרעגט — געפינען מיר אין דער תורה אזא אויסדריקליכע הבטחה, אז השי״ת זאל האבען מבטיח געווען יעקב׳ן צו זיין מיט איהם „באש ובמים״? —

אלס ענטפער דערויף ווערט אנגעוויזען אויפ׳ן פסוק אין ישעיה מ״ג: „ועתה כה אמר ד׳ בוראך יעקב וכו׳ כי־תעבר במים אתך אני וכו׳ כי־תלך במו־אש לא תכוה״...

○

כן נזכה לישב בסכת עורו של לויתן...

— ווי־אזוי — האט זיך אמאל א געוויסער משכיל געוועגדעט מיט אן׳איראנישער שאלה צו רבי ישעיה׳לע פראגער — וועט מען מעגען מאכען א סוכה פונ׳ם „עורו של לויתן״? „עור״ איז דאך פון די „דברים המקבלים טומאה״, מיט וועלכען מען טאר עפ״י־דין נישט מסכך זיין?

— איהר האט פערגעסען — האט איהם דערויף רבי ישעיה׳לע אפ־געענטפערט — אז עס איז א בפירוש׳ע משנה אין כלים: „כל שבמים — טהור״!...

○

פון־ווען־אן עקזיסטירט דער יום־טוב פון שמחת־תורה? וואו געפינען מיר דעם ערשטען מקור וועגען דעם? —

עס ווערט אנגעוויזען אויפ׳ן זוהר פ׳ פינחס, וואו עס ווערט געזאגט: „ונוהגין למעבד ישראל עמה חדוה ומתקריאת שמחת־תורה ומעטרין לספר־תורה בכתר דיליה״. עהנליכעס אין „תיקוני זוהר״ (תקונים חד ועסרין).

דאגעגען ווערט לגמרי וועגען דעם נישט דערמאהנט אין תלמוד. א חוץ די עטליכע ווערטער אין מגילה ל״א: „והאידנא דאיכא תרי יומין — למחר קורין וזאת הברכה״; אבער קיין איין ווארט נישט וועגען א ספעציעלען יום־טוב מיט׳ן נאמען „שמחת־תורה״.

געגוי ווערט דערדאזיגער יום־טוב דערמאהנט ערשט דורך די גאונים און בעלי־התוספות. אין „אור־זרוע״ ווערט געבראכט אין נאמען פון רבי עמרם גאון, אז מען איז נוהג צו מאכען א יום־טוב שמחת־תורה, שטיצענדיג זיך אויפ׳ן מדרש שיר־השירים: „ויעש משתה, א״ר אלעזר מכאן שעושין סעודה לגמרה של תורה״.

אין מהרי"ך, שורש ט', ווערט עהנליכעס געזאָגט אין נאָמען פון רב האי גאון.

אין תוספות ביצה ל': „ומזה הטעם, שנזהרים כשחל שמחת-תורה אחר השבת וכו'".

און דאַן אין הגהות אשר"י סוף סוכה, אין טור אורח-חיים, אין בית-יוסף, וועלכער דערמאָהנט עס אַלס מנהג אַשכנזים („מנהג אשכנזים לסיים התורה ביום-טוב שני של גליות ולשמוח בסיומה"), און אין רמ"א.

ווי עס איז אַלזאָ אָנצונעהמען, איז דערדאָזיגער יום-טוב אײַנגעפיהרט געוואָרען ערשט בימי הגאונים; דאַגעגען אין די צייטען פון תלמוד, וואו עס ווערט געזאָגט אין אַן אָרט: „בני מערבא סיימו את התורה חד לתילתי שנין", האָט מען נאָך פונ'ם דאָזיגען יום-טוב נישט געוואוסט.

○

— שמחת תורה — פלעגט זאָגען רבי יאָשע-בער בריסקער — איז דער טייטש, אַז די תורה זאָל זיך משמח זיין. נישט בלויז דו זאָלסט זיך פרעהען מיט איהר, נאָר אויך — זי מיט דיר!...

מיט „חתן-תורה" איז מען עפ"י-רוב מכבד די גבירים, אַזעלכע, וועלכע נעהמען זעלטען אַ ספר אין האַנד... אַזאַ אײנער איז אַ „חסיד'ישער חתן" — ער זעהט זיך נישט אַ גאַנץ יאָהר מיט דער כלה!...

(אַ פאָלקס-ווערטעל)

חֲנֻכָּה

אויף דער בעקאַנטער קשיא פון די מפרשים, הלמאַי מיר פייערן אַכט טעג חנוכה, ווען דער נס איז דאָך נאָר געווען זיבען טעג, — דען אויף דער ערשטער נאַכט איז דאָך אינ׳ם פך־שמן געווען גענוג בוימעל, — ווערען געענטפערט פערשידענע תירוצים. אַמ׳פשוט׳סטען ענטפערט דער ט״ז, נעמליך, אַז דער נס איז געווען אויך אין דער ערשטער נאַכט: דער בוימעל (כאָטש ער האָט נישט געקלעקט מעהר ווי אויף איין נאַכט) האָט נישט אויסגעברענט אינגאַנצען, כדי דער ווייטערער נס און ברכה זאָל האָבען אויף וואָס חל צו זיין.

דערויף בעמערקט דער חתם־סופר, אַז אינ׳ם פיוט־לחנוכה „מעוז צור ישועתי״ געפינען מיר אַ בפירוש׳ע בעשטעטיגונג צום ט״ז׳ס ענטפער, עס ווערט דאָרט דייטליך געזאָגט: „ומנותר קנקנים נעשה נס לשושנים, בני־בינה ימי שמונה קבעו״. דערפאַר, הייסט עס, האָבען די בני־בינה, די חכמים, קובע געווען גאַנצע אַכט טעג חנוכה, ווייל דער נס איז געשעהען „מנותר קנקנים״, דערפון, וואָס אין דער ערשטער נאַכט האָט דעם בוימעל נישט אויסגעברענט אינגאַנצען — וממילא איז דאָך דער נס געווען באַלד ביים ערשטען נר־חנוכה...

פאַרוואָס געפינען מיר נישט ביי קיין שום מצוה דעם אויסדרוק „מהדרין מן המהדרין״, אַ חוץ ביי נר־חנוכה? — דערויף ענטפערט דער חדושי־הרי״ם: אין פלוג איז דאָך קשה, פאַרוואָס האָט מען דאַן געדאַרפט אָנקומען צו אַ נס? מען האָט דאָך אַ ברירה געהאַט, איינטיילענדיג דעם „חצי לוג שמן״ אויף אַכט חלקים, אָנצוצינדען זעהר דינע קנייטלען, וועלכע זאָלען קאָנען ברענען גאַנצע אַכט טעג? איז אויב מען האָט אַזוי נישט געטהון, איז עס דערפאַר, ווייל זיי האָבען געוואָלט, אַז די הדלקה זאָל געמאַכט ווערען בדרך־יופי, בהידור — און דעריבער, אַלזאָ, ווערט ספּעציעל ביי דעראָזיגער מצוה אַ בעזונדער אַכט געלעגט אויף די „מהדרין מן המהדרין״.

מערקווירדיג! די בעקאַנטע ברייתא (שבת כ"א), וואו עס ווערט דערצעהלט און ערקלערט דער טעם פון „מאַי חנוכה", ענדיגט זיך סתם: „לשנה הבאָה קבעום יו"ט בהלל והודאָה", נישט דערמאָהנענדיג דערביי לגמרי דעם חוב און די מצוה פון נר־חנוכה!...

(אמרי אמת)

„נר חנוכה מצוה להניחה על פתח ביתו מבחוץ... ובשעת הסכנה מניחה על שלחנו ודיו". (שבת כ"א)

איינס פון די עיקרי־היהדות איז: נישט צו זאָרגען בלויז פאַר ז י ך, נאָר אויך עוסק זיין אין דער מצוה פון „חנוכה", פון חינוך און ערציהונג, אויך די אַנדערע אידען „מבחוץ" מחזיר־למוטב זיין. אָבער „ובשעת הסכנה", אין אַ צייט, ווען דאָס איז אונמעגליך צו טהון, אין אַ צייט, ווען מען געפינט זיך אין דער לאַגע פון „והמשכיל בעת ההיא ידום", איז „מניחה על שלחנו", דאַרף מען כאָטש השגחה געבען אויפ'ן א י ג ע נ ע ם הויז, אויף די אייגענע קינדער...

(עוללות אפרים)

פֶּסַח

בשעת רבי צבי־הערש בערלינער איז געווען רב אין מאַנהיים, וואו ס'האָבען זיך שוין דאַן געפונען אַ סך מאָדערנע, רעפאָרמירטע אידען אוכלי־טריפות, האָט ער איינמאָל, נאָכ'ן ענדיגען שבת־הגדול די דרשה, אַ פּאַטש געטהון אין בעלעמער און אויסגערופען:

— ענטשולדיגט, רבותי!... נאָך איין זאַך האָב איך אייך פערגעסען צו זאָגען. זייט וויסען, ליעבע אידען, אַז אויך „קנאַק־וואורשט" (טריפה וואורשט) איז חמץ גמור!...

איינמאָל אין אַ שבת־הגדול האָט רבי צבי־הערש אינגאַנצען קיין דרשה נישט געהאַלטען. ווען איניגע בעלי־בתים האָבען איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, הלמאַי ער איז מבטל דעם מנהג, וועלכער איז אָנגענומען אין אַלע אידישע קהלות, האָט ער זיי געענטפערט:

— די חז"ל זאָגען אונז: „שואלין ודורשין בהלכות הפסח קודם הפסח". פאַרוואָס שטעהט עפּעס דאָפּעלט: „שואלין ודורשין"? — נאָר די כונה איז: דאָרט, וואו ס'איז „ש ו א ל י ן", וואו די בעלי־בתים און בעלי־בית'טעס קו־מען צום רב מיט שאלות, איז „ד ו ר ש י ן", איז דער חוב פון רב צו האַל־טען אַ דרשה און אויפצוקלערען זיי אַלע מעגליכע ספקות; אָבער אין אַזאַ שטאָדט ווי מאַנהיים, וואו ס'איז לגמרי קיין „ש ו א ל י ן" נישטאָ, מען פרעגט גאָר קיינמאָל ביים רב קיין שאלות נישט, מחמת זיי וויסען שוין אַלץ אַליין, דאָרט איז מען פּטור אויך פון „ד ו ר ש י ן"!...

○

הָא לחמא עניא...

פאַרוואָס ווערט „הא לחמא" געזאָגט אויף תרגום־לשון, בלשון אַרמית? ווייל געוועהנליך מיינט מען נישט ערנסט מיט'ן אויסשרייען: „כל דכפין ייתי ויכול!" — ס'רוב איז די טהיר בעת־מעשה פערשלאָסען פאַר אָרימע־לייט... עס קאָן דאָך אָבער אַמאָל טרעפען, עס זאָל גראָד קומען אַזאַ אורח,

פאַר וועלכען אַ געשלאָסענע טהיר איז קיין בעוואָרעניש נישט, נעמליך: אַ מלאָך איין געשטאַלט פון אַ מענש, אַזוי ווי ביי אַברהם אָבינו — דעריבער זאָגט מען עס בלשון-אַרמית, מחמת אַרמית, זאָגט די גמרא, איז אַ „לשון שאין מלאכי השרת מכירין בו״, אַ שפּראַך, וואָס די מלאָכים פערשטעהען נישט...

(הרב מיכלזאָהן)

○

כל דכפין ייתי ויכול...

„כל דכפין ייתי ויכול״, און דאַן — „השתא הכא, לשנה הבאה בארעא דישראל״, דען דער וועג צו דער גאולה פיהרט דורך צדקה, רחמנות, ברידערליכע מיטהילף פון איין איד צום צווייטען, פון זאָטען צום הונגעריגען — „ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה״...

(שמחת הרגל)

„כל דכפין״... ערב-פסח פאַרנאַכט איז צו רבי יאָשע-בער בריסקער אריינגעקומען אַ איד מיט אַ שאלה:

— רבי, צי מעג איך יוצא זיין די אַרבע-כוסות מיט מילך?

— איהר זענט חלילה קראַנק? — פרעגט איהם דער רב.

— כ׳בין ב״ה געזונד, — ענטפערט דער איד, — נאָר ווין... פערשטעהט איהר מיך, רבי, וויין איז היי-יאָהר פאַר מיר צו-טייער!

דער רב האָט איהם ערקלערט, אַז מען קאָן עפ״י דין יוצא-זיין אויך מיט מילך — און אַרויסבעגלייטענדיג איהם צו דער טהיר, האָט ער דעם אידען אריינגעשטופּט אין האַנד אַ פינף-און-צוואַנציגער, וואָס דער איד האָט אין תחילת נישט געוואָלט נעהמען, ערקלערענדיג, אַז ער איז נישט געקומען חלילה נאָך קיין נדבות, נאָר בלויז אַ שאלה פרעגען; אָבער נאָכדעם ווי דער רב האָט איהם איינגעבעטען, אַז דאָס גיט ער איהם בלויז בתורת-הלוואָה, האָט זיך דער איד געלאָזט איבעררעדען און צוגענומען.

אַז דער איד איז אַוועקגעגאַנגען, פרעגט די רבי׳צין דעם רב:

— וואָס האָסטו איהם עפּיס געגעבען אַ גאַנצען פינף-און-צוואַנציגער, אויף וויין צו אַרבע-כוסות איז דאָך אַ צוויי-דריי רובל אויך גענוג?...

— לויט דער שאלה — ענטפערט איהר רבי יאָשע-בער — וואָס דער איד האָט געפרעגט, צי ער מעג יוצא זיין די אַרבע-כוסות מיט מילך, פערשטעהט מען גלייך, אַז אויסער וויין פעהלט דעם אידען נאָך עפּעס, אַז ער האָט אויך קיין ביסעל יויך און קיין שטיקעל פלייש נישט אויף יום-טוב; וואָרום אַנדערש — ווי-אַזוי מעג ער טרינקען מילך ביים אַרבע-כוסות?...

○

השתא הכא... השתא עבדי...

אַ צווייפאַכע בקשה, סיי אַנטקעגען די אידען פון חוץ־לאָרץ, סיי אַנט־קעגען די אידען פון ארץ־ישראל. אויף די אידען פון חוץ־לאָרץ בעטען מיר: „השתא הכא — לשנה הבאָה בארעא דישראל"... און אויף די אידען, וועלכע זענען שוין זוכה צו זיצען אין ארץ־ישראל, זענען מיר מתפלל: „השתא עבדי — לשנה הבאָה בני חורין"...

(שפת הים)

מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות...

בשעת דער פאָטער שרייט־אויס מיט התלהבות: „כל דכפין ייתי וייכול!" קוקט איהם דער זוהן אָן אַ פער'חידוש'טער און פרעגט: „מה נשתנה?" — מיט וואָס זאָל זיך עס ערקלערען, טאַטע, וואָס דו ביזט עפּעס היינט פּלוּ־צים אַזוי מילד געוואָרען, וועהרענד אַ גאַנץ יאָהר לאָזטו קיין אָרימאַן אויף דער שוועל נישט אַרויף?!... דערויף בערוהיגט איהם דער פאָטער און ענט־פערט: „עבדים היינו לפרעה במצרים", קנעכט זענען מיר געוועזען ביי פרעה'ן און מיר האָבען זיך אָראָבגעלערנט פון זיינע מדות: „מה פרעה גוזר ואינו מקיים" — אַזוי אויך מיר מיינען עס נישט, חלילה, מקיים צו זיין!...

(קול אומר קרא)

„מה נשתנה הלילה הזה"... פאַרוואָס איז אַנדערש דיזאָזיגע גלות־נאַכט פון אַלע פריהערדיגע גלות'ן? פאַרוואָס איז דערדאָזיגער גלות אַזוי אונענד־ליך־לאַנג און עס זעהט זיך גאָר קיין סוף און קיין ברעג נישט? — דע־רויף קומט דער ענטפער: ווייל „הלילה הזה כלו מצה", ווייל זי איז פול מיט „מצה ומריבה" (פון לשון „לריב ומצה תצומון". ישעיה נ"ח), פול מיט מחלוקת, קריגערייען און שנאַת־חנם — און דאָס, בעוונותינו הרבים, פער־לענגערט דעם גלות!...

(עוללות אפרים)

ואילו לא הוציא הקב"ה וכו' הרי אָנו ובנינו ובני בנינו...

אָנשטאָט דער גזרה פון „ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה", זע־נען די אידען געווען אין מצרים נאָר צוויי הונדערט און צעהן יאָהר, אַרויסגעהענדיג פון דאָרט מיט הונדערט און ניינציג יאָהר פאַר'ן בעשטימ־טען טערמין. צו די יוצאי־מצרים זענען פעררעכענט געוואָרען, לויט די אַנ־

געגעבענע צעהלונגען אין דער תורה, בלויז די־יעניגע, וועלכע האָבען שוין דערגרייכט די עלטער פון צוואַנציג יאָהר... אַלזאָ — „אילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים", ווען הקב"ה זאָל נישט געווען פערקירצען דעם טערמין, דאַן „הרי אָנו", וואָלט קודם־כל דער ערשטער דור, די צוואַנ־ציג־יעהריגע יוצאי־מצרים, פערבליבען דאָרט נאָך פופציג יאָהר (זיעבציג יאָהר רעכענט זיך געוועהנליך דאָס לעבען פון אַ דור), דאַן „ובנינו", דער גאַנצער צווייטער דור (זיעבציג יאָהר), און — „ובני בנינו", דער גאַנצער דריטער דור (ווידער־אַמאָל זיעבציג יאָהר); צוזאַמען: הונדערט־און־נײַנציג יאָהר — אַזוי פיעל, וויפיעל עס האָט געפעהלט צום פריהערדיגען טערמין פון „אַרבע מאות שנה"...

(רבי שאול אַמשטערדאַמער)

○

ולא זכיתי שתאָמר יציאת מצרים בלילות עד שדרשה בן־זומא...

פאַרוואָס האָט רבי אלעזר בן־עזריה נישט זוכה געווען, מען זאָל אָנ־נעהמען זיין דרש וועגען „שתאָמר יציאת מצרים בלילות", ביז בן־זומא האָט עס גע'דרש'ענט? — ווייל אויפ'ן „אָמר רבי אלעזר בן־עזריה הרי אני כבן שבעים שנה" זאָגען די חז"ל, אַז ער האָט בלויז אויסגעזעהן ווי אַ „בן שבעים שנה", באמת אָבער איז ער דאַן אַלט געווען נישט מעהר ווי אַכצעהן יאָהר. די חכמים האָבען דעריבער אין תחילת קיין גרויס אַכט נישט געלעגט און זיך נישט געאײַלט אָנצונעהמען די הלכה, וואָס אַן'אַכצעהן־יעה־ריגער יונגערמאַן האָט מחדש געווען; „עד שדרשה בן־זומא" — ערשט דאַן, ווען זיי האָבען זיך בעקענט מיט'ן דרש פון בן־זומא, אַז „איזהו חכם — הלומד מכל־אָדם" (אָבות פ"ד), האָבען זיי בעוויליגט מקבל צו זיין די הלכה, כאָטש זי שטאַמט פון אַ צעיר.

(מלבי"ם)

○

ימי חייך — הימים, כל ימי חייך — הלילות...

אין וואָס אייגענטליך בעשטעהט די חילוקי־דעות צווישען בן־זומא און די חכמים, וואָס עס צווינגט דעם ערשטען צו טייטשען, אַז „כל" איז מרבה די נעכט, און די לעצטע — אַז „כל" איז מרבה די „ימות המשיח"? — מחמת דאָס וואָרט „כל" האָט אין לשון קודש צוויי בעדייטונגען. „כל" בע־דייט: „די גאַנצע", און „כל" בעדייט אויך: „אַלע". בן־זומא האַלט, אַל־זאָ, אַז אינ'ם פסוק „כל ימי חייך" ווערט געמיינט מיט'ן וואָרט „כל"

„די גאַנצע טעג", אַלזאָ אויך „הלילות", די נעכט אין כלל; דאַגעגען די חכמים זענען אין דער מיינונג, אַז „כל ימי חייך" איז דאָ דער טייטש: „אלע טעג", און דעריבער — „להביא לימות המשיח"...

(ווילנער גאון)

○

אחד חכם ואחד רשע...

— דעריבער — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפשיצער — דרוקט מען יעדעס יאָהר פרישע הגדות, ווייל די, וואָס דער בעל-הגדה האָט פאַראַיאָהרען געהאַלטען פאַר רשעים, הייסען שוין היינט „צדיקים"...

○

שהקב"ה חשב את הקץ...

ער האָט אַראָבגערעכענט דעם „קץ"... אָנשטאָט פיער הונדערט, האָט דער גלות-מצרים געדויערט נאָר צוויי הונדערט און צעהן יאָהר — מיט ק"ץ (190) וועניגער...

(חזון למועד)

○

ולבן בקש לעקור את-הכל...

נישטאָ קיין יעקב, וועלכער זאָל נישט האָבען געגען זיך אַ לבן; אָבער, ליידער, נישט יעדער לבן האָט געגען זיך אַ יעקב!...

(חתם-סופר)

○

ואת ערום ועריה...

צו רבי חיים צאַנזער איז אַמאָל געקומען אַ חסיד, אַ נגיד'ישער איד, וועלכער האָט איהם דערצעהלט בפרטות וועגען זיינע פערשידענע געשעפטען און צווישען אַנדערעס האָט ער איהם אויך פערטרויט, אַז ער האַלט ביים איבערנעהמען אַ גרויסען מאַיאָנטעק אין אַרענדע, וואָס ער האָט בדעה אויסצובויען און אַרויסצושטויסען פון דאָרט דעם פריהערדיגען, לאַנג-יעהריגען אַרענדאַטאָר.

— מסיג-גבול זיין אַ אידען? — קוקט איהם דער רבי אָן פערחידוש'ט. — היתכן?

— דערדאָזיגער אַרענדאַטאָר — קאָכט זיך דער חסיד — איז אַ פושע-ישראל, אַן אַפּיקורס גמור, אַ מחלל-שבת'ניק, אַזאַ איד איז ממש אַ מצוה צו בעגראָבען!...

ענטפערט איהם דערויף דער צאַנזער:

— אויפ'ן פסוק „ואת ערום וערי׳ה" זאָגט דער מדרש: „ערום ועריה בלי מצוות, נתן להם דם פסח ודם מילה". פרעגט זיך דאָך: דער „דם־פסח" איז דאָך געגעבען געוואָרען די אידען נאָך דער מכה פון „חשך" — און בשעת דער מכה פון „חשך", זאָגען אונז די חז"ל, זענען די אידען שטאַרק בעשעפטיגט געווען מיט'ן בעגראָבען די רשעים, די פושעי־ישראל, וועלכע זענען אויסגעשטאָרבען אין די „שלשת ימי אפלה", — איז אויב אַזוי, זע־נען זיי דאָך שוין דאַן נישט געווען „ערום בלי מצוות", זיי האָבען דאָך ערשט אָט נאָר־וואָס עוסק געווען אין גאָר אַ גרויסער מצוה, אין בעגראָבען די פושעי־ישראל?... ובכן איז דערפון אַלזאָ געדרונגען, אַז בעגראָבען אַ אי־דען, אַפילו אַ פושע־ישראל, איז נישט אַזאַ וואַזשנע מצוה!...

○

רבי יהודה היה נותן בהם סימנים...

אין תהלים (ק"ה) איז דער סדר פון די עשר מכות אַנדערש, ווי אין חומש. דאָרט ווערט פריהער דערמאָהנט „חשך", דאַן ערשט „דם", „צפרדע", „ערוב" א. אַ. וו. מיט די סימנים דצ"ך עד"ש באח"ב איז רבי יהודאַ, אַלזאָ, אויסען־געווען פעסטצושטעלען דעם סדר לויט'ן חומש.

(מקור ברוך)

בעמערקונג פונ'ם זאַמלער:

אַ חידוש, וואָס דער מחבר ווייזט נישט אָן די קוועלע, פונוואַנען ער האָט עס גענומען. באמת געפינט זיך עס אין „הגהות מימוני"...

און דאָס איז אויך דער זין פון דער שטעלע אין פסקי־תוספות (מנחות, סימן רל"ד): „רבי יהודה היה רגיל לתת סימנים דצ"ך עד"ש באח"ב וד"ד יה"ז ומביאין בכורים קורין בסדר הכתוב בחומש".

די פסקי־תוספות ברענגען דאָ די פערשידענע סימנים, וואָס רבי יהודה פלעגט געבען: דעם סימן דצ"ך עד"ש באח"ב אויף די עשר מכות, און זד"ד יה"ז — אויפ'ן לחם־הפנים, ווי מיר געפינען אין דער משנה מנחות צ"ו: „רבי יהודה אומר שלא תטעה זד"ד יה"ז". און דאַן קומט דער אויספיהר: „ומביאין בכורים קורין בסדר הכתוב בחומש", דאָס איז לויט דער מיינונג פון רבינו חננאל, וואָס ווערט אויך געבראַכט אין „הגהות מימוני", אַז אויך ביי הבאת־בכורים האָט מען געדאַרפט אויסרעכענען די עשר־מכות, און דע־רויף קומט די בעמערקונג: „קורין בסדר הכתוב בחומש", כדי אונטערצו־

שיידען פון תהלים, קאַפּיטעל ק״ה, וואו די מכות ווערען אויסגערעכענט לויט אַ גאַנץ אַנדער סדר...

○

אילו קרבנו לפני הר סיני ולא נתן לנו את התורה דיינו...

אָהן קבלת־התורה — וואָס וואָלטען מיר געהאַט דערפון, וואָס מען האָט אונז צוגעפיהרט צום הר־סיני? און וואָס איז דער זין פונ׳ם דאָזיגען „דיינו״? — נאָר די וויכטיגקייט פונ׳ם הר־סיני איז, אויסער קבלת־התורה, בעשטאַנען דעריין, וואָס ער האָט צום ערשטען מאָל געשאַפען אַחדות ביי אידען. „ויחן שם ישראל נגד ההר — כ ו ל ם כ א י ש א ח ד״! דאָס גופא איז שוין, אַלזאָ, אַ גענוג וויכטיגע זאַך געוועזן, און צוליב־דעם אַליין איז — „דיינו״...

(לוח ארץ)

○

פסח, מצה ומרור...

דער סדר דאַרף דאָך אייגענטליך זיין פערקעהרט, דען פריהער איז דאָך געוועזן דער מ ר ו ר, דער „וימררו את חייהם״, און ערשט שפּעטער די מ צ ה, אַלס זכר ליציאת־מצרים?

דער תירוץ איז: כדי צו דערפיהלען דעם טעם פון מ ר ו ר מוז מען פריהער פערזוכען דעם טעם פון מ צ ה. נאָר דאַמאָלס ערשט, ווען מען ווערט אַ ב ן ־ ח ו ר י ן, איז מען מסוגל צו פיהלען די ביטערקייט פון עבדות...

(רבי יאָשע־בער מבריסק)

אויף אַלעם מאַכען מיר אַ זכר: די „זרוע״ איז אַ זכר אויפ׳ן קרבן־פסח; די „מצה״ — אויפ׳ן „על שלא הספיק בצקם להחמיץ״; דער „מרור״ — אויפ׳ן „וימררו את־חייהם״. פאַרוואָס מאַכען מיר נישט קיין זכר אויך אויפ׳ן „רכוש גדול״? — ווייל דערפון איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבען!...

(אַ פאָלקס־ווערטעל)

○

ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים...

נאָך דידאָזיגע ווערטער ווערט אין דער הגדה צוגעגעבען אַן׳איינגערינגעלטע בעמערקונג: „במוצאי שבת מן הפסחים ומן הזבחים״, ס׳הייסט, אַז אום מוצאי־שבת דאַרף מען זאָגען „מן הפסחים״ פריהער. פאַרוואָס? — דערויף גיבען די מפרשים פערשידענע ערקלערונגען. דער הויפּט־טעם, ווי

ס'רוב ווילען האָבען, איז, ווייל „זבחים" מיינט מען דעם קרבן-חגיגה, וועלכען מען האָט בזמן-המקדש מקריב געווען גלייכצייטיג מיט'ן קרבן-פסח; אויסער ווען ערב-פסח איז געפאַלען אום שבת, האָט מען דאַן מקריב געווען בלויז דעם קרבן-פסח, דאַגעגען די קרבנות פון חגיגת-הרגל, די „שלמים" — ערשט צומאָרגענס. אין אַזאַ יאָהר איז אַלזאָ אויסגעקומען, אַז דעם קרבן-פסח האָט מען געגעסען פריהער (מוצאי-שבת) און דעם קרבן-חגיגה שפּעטער (זונטאָג), און דעריבער זאָגט מען דאַן „מן הפסחים ומן הזבחים" — „מן הפסחים" פריהער...

דידאָזיגע ערקלערונג בעפרידיגט אָבער נישט: וואָרום, ערשטענס, איז דאָך דער „ונאכל שם" אַ תפילה אויף להבא — און אויב אַזוי, וואָלט מען דאָך דעם געענדערטען נוסח „מן הפסחים ומן הזבחים" בעדאַרפט זאָגען נישט אינ'ם זעלבען יאָהר, ווען די פסח-נאַכט געפאַלט אום מוצאי-שבת, נאָר מיט אַ יאָהר פריהער, בעטענדיג, אַז איבעראַיאָהר, ווען ערב-פסח וועט דאַן אויספאַלען אום שבת, זאָלען מיר שוין זוכה-זיין צו זיין אין ארץ-ישראל און צום בנין-המקדש און צו עסען דאַן „מן הפסחים ומן הזבחים"!.. צווייטענס, נישט אין תלמוד און נישט אין פוסקים ראשונים, וואו עס ווערען אויספיהרליך ערקלערט אַלע דינים ומנהגים פון „סדר" און וואו עס ווערט אויך געבראַכט דער נוסח פון דערדאָזיגער תפילה, געפינען מיר לגמרי קיין רמז נישט דערצו, אַז אום מוצאי-שבת דאַרף מען משנה-זיין דעם נוסח.

עס איז דעריבער אָנצונעהמען, אַז די מדפיסים פון די הגדות זענען דאָ פערפיהרט געוואָרען אין אַ טעות, און נעהמט זיך עס פון פאָלגענדען: דער מקור פון דערדאָזיגער תפילה געפינט זיך אין דער משנה פון פסחים (פרק י', משנה ו'), וואו דער נוסח איז: „מן הזבחים ומן הפסחים". אַזוי איז אין דער משנה פון משניות. דאַגעגען אין דער משנה פון דער גמרא (פסחים, דף קט"ז) איז דער נוסח פערקעהרט: „מן הפסחים ומן הזבחים". דער בעל-הגדה האָט אָנגענומען דעם נוסח פון דער משנה אין משניות. און וואַהרשיינליך האָט איינער פון די ערשטע מעתיקים, איבערשרייבענדיג די הגדה אין כתב-יד (נאָך איידער עס איז געווען די דרוק), צוגעצייכענט בײַ דער זייט די ווערטער: „במ"ש" (עס הייסט „במשנה שבגמרא") איז דער נוסח: „מן הפסחים ומן הזבחים". דאַן איז געקומען אַ שפּעטערדיגער מעתיק אָדער מדפיס און האָט עפ"י טעות אָנגענומען, אַז די ראשי-תיבות „במ"ש" מאַכט: „במוצאי-שבת" — און דערדאָזיגער גרייז האָט זיך אַיינגעבירגערט און איז איבערגעגאַנגען פון מדפיס צו מדפיס, פון דור צו דור, עד היום הזה!...

(מקור ברוך)

○

שפוך חמתך אל הגוים וכו׳ אשר בשמך לא קראו.

אמת טאַקע, דו האָסט אונז איבערגעגעבען צו די גוים אין די הענד און גוזר געווען, זיי זאָלען אונז פייניגען; אָבער „אשר בשמך לא קראו"— זיי מיינען דאָך נישט דערמיט מקיים צו זיין דיין ווילען, דיין געבאָט, אויסען דערביי זענען זיי דאָך בלויז דעם „כי אָכל את־יעקב", צו פרעסען אונז צוליב זייער אייגענער הנאָה, צו בעפרידיגען זייער אייגענע רשעות... און דעריבער — „שפוך חמתך אל הגוים"!...

(רבי מרדכי באַנעט)

ווענען דעם אַזוי־גערופענעם „אליהו־הנביא׳ס כוס" און זיין בעדייטונג זענען פאַרהאַן פערשידענע טעמים און רמזים. אַמלאָגישסטען אָבער זעהען־אויס צו זיין די פאָלגענדע ערקלערונגען:

ס׳איז אַ פלוגתא אין דער גמרא, צי דאַרף מען, אַחוץ די אַרבע־כוסות, בענשען ביי ברכת־המזון איבער אַ בעזונדערן פינפטען כוס, אָדער נישט? משום־ספק גיסט מען דעריבער אָן אַ פינפטען כוס און מען טרינקט איהם נישט. און דערפאַר רופט מען איהם „אליהו־הנביא׳ס כוס", ווייל יעדער ספק אין אַ דין ווערט איבערגעלאָזט צו דער ענטשיידונג פון אליהו׳ן, זאָגענדיג דערויף: „ת י ק ו" („תשבי יתרץ קושיות ואבעיות")...

(ווילנער גאון)

אַ צווייטער טעם:

די אַרבע־כוסות, ווי בעקאַנט, זענען געגען די אַרבע לשונות הגאולה — „והוצאתי", „והצלתי", „וגאלתי", „ולקחתי". עס איז דאָך אָבער פאַרהאַן נאָך אַ פ י נ פ ט ע ר גאולה־אויסדרוק: „והבאתי אתכם אל הארץ"? — גיסט מען דעריבער אָן אַ פינפטען כוס, אָבער מען טרינקט איהם נישט, ווייל אויף דער פערווירקליכונג פון דערדאָזיגער הבטחה וואַרטען מיר נאָך „עד שיבוא אליהו"...

(תולדות אסתר)

חסל סדור פסח כהלכתו...

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער איז אַמאָל ערב־פסח, נאָך ביעור־חמץ, אַרויס אין מאַרק. טרעפט ער אַ גוי אַ שמוגלער, וואָס שמוגעלט סחורה איבער׳ן גרעניץ.

— האָסטו — פרעגט איהם רבי לוי־יצחק — אויסלענדיש זיידענס?

— יאָ, — זאָגט דער גוי.

— וויפיעל איילען האסטו? — פרעגט ער איהם ווייטער.
— כ'קאן דיר קריגען — זאגט דער גוי — וויפיעל דו ווילסט.
געהט ער אוועק פון גוי און בעגעגענט א איד.
— האסטו — פרעגט איהם רבי לוי־יצחק — ביי זיך עפעס חמץ?
— חמץ? — ווערט יענער א פערציטערטער. — חלילה, רבי! אלץ מבער געווען!
טרעפט ער אן א צווייטען איד.
— האסטו עפעס חמץ?
— וואס רעדט איהר, רבי? — חידוש'ט זיך יענער. — אצינד חמץ? בין איך, חלילה, קיין איד נישט?
שטעלט זיך אוועק דער בערדיטשעווער, הויבט־אויף די אויגען צום הימעל און זאגט:
— זעה, רבונו של עולם, וואס פאר אנ'עם־הנבחר אידען זענען! דער רוסישער קייזער איז א מלך אדיר, האט מעכטיגע חיילות, מיט כלי־זין, מיט תפיסות; האט ער פערבאטען אריינצופיהרען סחורה מן־החוץ און אוועקגעשטעלט אויף דער גרעניץ א וואך, וואס היט טאג און נאכט — און אף־על־פי־כן, פונדעסטוועגען פיהרט מען אריין כל מיני סחורות און מען פערקויפט זיי בריש־גלי. און דו, רבונו של עולם, האסט געשריבען אין דיין הייליגער תורה איין פסוק: „לא יראה לך חמץ"! — אהן א גרעניץ, אהן א וואך — און ערב־פסח נאכ'ן זמן געפינט מען אין גאנצען אידישען גבול קיין ברעקעל חמץ נישט!...

O

חד גדיא...

אין סלאנים איז אמאל געווען איינער א גרויסער עזות־פנים און בעל־מחלוקת, וועלכער פלעגט זיך מיט אלעמען ארומקריגען. דער סלאנימער רב, רבי אייזיל חריף, דערהערענדיג פון זיינע מעשים, האט בעשלאסען איהם צו קנס'ענען; אבער עטליכע בעלי־בתים האבען זיך איינגעשטעלט פאר איהם, טענה'נדיג, אז זיינע מחלוקת'ן פיהרט ער לשם פרומקייט, לשם־שמים. דערויף האט זיי רבי אייזיל געענטפערט:
— בעת מיר זענען מעיין אין „חד גדיא", זעהען מיר, אז א העלפט פון זיי זענען שולדיג, און א העלפט — נישט. דער „גדי" איז אונשולדיג, די „שונרא" — שולדיג, דער „כלבא" איז אונשולדיג, דען ער האט זיך דאך אנגענומען פאר'ן יושר, פאר דער עוולה געגען אונשולדיגען „גדי", דער „חוטרא" דאגעגען איז שוין ווידער־אמאל שולדיג, און אזוי פטרד־

און געהענדיג אַזוי מיט'ן דאָזיגען גאַנג ביז'ן סוף, קומט-אויס, אַז אויך דער מלאך-המות איז אונשולדיג, אַז אויך ער האָט זיך אָנגענומען פאַר'ן יושר, פאַר'ן אמת, — איז אויב אַזוי, טאָ וואָס האָט דער רבונו-של-עולם צו איהם?... נאָר דער תירוץ איז: ווער בעט דיך, דו זאָלסט זיין „גאָטס סטראַפּטשע"? ווער בעט דיך, דו זאָלסט מכלומר'שט מלחמה-האַלטען פאַר'ן אמת, אין דער צייט, ווען דו ביזט נאָר אויסען צו טהון רשעות? זיי נישט קיין בעל-יושר און שעכט נישט קיין מענשען!...

שָׁבוּעוֹת

תקון ליל-שבועות.

ר׳ אהרן קארלינער איז אמאל אריינגעקומען שבועות ביינאכט אין בית-המדרש און האט געזעהן, ווי דער עולם זיצט ארום די טישען און שלינגט דעם „תקון ליל-שבועות״. שטעלט זיך אוועק דער קארלינער און הויבט-אן שרייען אויף רוסיש: „דאווי טאוואר! טאוואר דאווי!״ (גיב אהער סחורה! סחורה גיב אהער!)... פערשטעהט נישט דער עולם, וואס ער מיינט; ער-קלערט ער זיי:

— בנוהג שבעולם, אז א רייזענדער פאהרט ארויס אין וועג, פיהרט ער נישט די גאנצע סחורה מיט זיך, נאר בלויזע מוסטערן, א מוסטער פון יעדען מין, וואס ער האט צו פערקויפען. לויט די מוסטערן, וואס ער ווייזט, נעהמט ער אן די בעשטעלונגען און נאכדעם ליפערט ער די סחורה. איז ווען האבען די מוסטערן א ווערט — ווען אין לאגער געפינט זיך טאקע גענוג סחורה פון יעדען מין. זאל אבער איינער ארומפאהרען בלויז מיט די מוסטערן, נישט-האבענדיג קיין שום סחורה אויפ׳ן לאגער, וועט מען איהם אננעהמען אדער פאר א שווינדלער, אדער פאר א משוגע׳-נעם!... דאסזעלבע איז מיט׳ן „תקון ליל-שבועות״. אין דער נאכט פון שבועות, אינ׳ם יום-טוב פון קבלת-התורה, זעצען מיר זיך אוועק און לעגען-אויס די מוסטערן פון אלעם, וואס מיר האבען א גאנץ יאהר אנגעלערענט און אנגעזאמעלט אויפ׳ן לאגער מכל-המינים: תורה, נביאים, כתובים, משנה, תלמוד וכדומה. איז ווען איז דאס אלץ געוועהן נעווארען — ווען מען האט טאקע דאס אלץ ליעגען אויף די פאליצעס. אבער אויב א גאנץ יאהר לערנט מען נישט, די פאליצעס זענען לעדיג, און שבועות ביינאכט זעצט מען זיך פלוצים אוועק און מען הויבט-אן אויפמישען און אויסשרייען די פערשידענע מוסטערן — איז דאך עס באמת א חוזק! וואס טויגען מיר די בלויזע מוסטערן דיינע? — ט א וו א ר דאווי! ט א וו א ר!...

ווענן דעם מנהג צו עסען אום שבועות מילכיגס ווערען אין די פערשידענסטע ספרים געזאָגט זעהר פיעל טעמים. איינינע, די אינטערעסאַנטערע פון זיי:

א) נאָכ'ן פסוק „ראשית בכורי אדמתך תביא בית ד' אלקיך" (וועלכער בעציהט זיך אויפ'ן חג־הבכורים) שטעהט תיכף: „לא תבשל גדי בחלב אמו" — עסען מיר דעריבער אינ'ם דאָזיגען טאָג מילכיגס, כדי צו ווייזען, אַז מיר זענען נזהר אינ'ם דאָזיגען לאו...

(של"ה)

ב) די 365 לאו'ן אין דער תורה זענען כנגד די 365 טעג אין יאָהר. אויפ'ן טאָג פון שבועות פאַלט־אויס דער לאו פון „לא תבשל גדי בחלב אמו"...

(רבי חיים וויטאל)

ג) בשעת די מלאָכים — ווערט געזאָגט אין מדרש — האָבען מקטרג געווען, אַז די אידען זענען נישט ראוי מקבל צו זיין די תורה, האָט זיי דער אויבערשטער געענטפערט, אַז די מלאָכים זענען גיכער דערצו נישט ראוי, מחמת בשעת זיי האָבען אַראָבגענידערט אויף דער ערד און זענען געקומען צו אַברהמ'ן, האָבען זיי דאָרט געגעסען „בשר־בחלב" („ויקח חמאה וחלב ובן־הבקר — ויאכלו"); און נאָך דערדאָזיגער תשובה זענען זיי אַנטשוויגען געוואָרען... אַדאַנק, אַלזאָ, דעם מכשול פון „בשר־בחלב" זענען די מלאָכים בעזיעגט געוואָרען און די תורה איז געגעבען געוואָרען צו אידען—עסען מיר דעריבער אינ'ם טאָג פון מתן־תורה מילכיגס, כדי צו ווייזען, אַז מיר זענען יאָ דערין נזהר...

(שפתי צדיקים)

ד) ביז מתן־תורה האָבען די בני־ישראל געהאַט דעם דין פון בני־נח, וועלכע מען האָט גע'אסר'ט „אבר מן החי" — און אין כלל פון „אבר מן החי" איז אויך חלב, מילך... ערשט ביי מתן־תורה האָט מען עס מתיר געמאַכט, און דעריבער עסען מיר אי"ם דאָזיגען טאָג מילכיגס...

(רבי מנחם־מענדעל מקאָצק)

ה) מיט'ן מאָמענט, ווען די אידען אין מדבר האָבען מקבל געווען די תורה, האָבען זיי נישט געטאָרט מעהר געניסען פון די צוגעגרייטע פליישיגע מאַכלים, וועלכע האָבען נישט ענטשפראָכען די דינים פון כשרות, און אויך נישט בענוצען די פריהערדיגע פליישיגע כלים — און זיי האָבען דעריבער אינ'ם ערשטען טאָג געמוזט יוצא־זיין מיט מילכיגס...

(גאולת ישראל)

○

„החזירה הקב״ה על כל אומה ולשון ולא קבלוה,

עד שבא אצל ישראל וקבלוה״. (ע״ז ב.)

און הגם עס איז געווען גלוי וידוע פאַר דעם אויבערשטען, אַז די אומות-העולם וועלען די תורה נישט מקבל זיין, האָט עס דאָך געהאַט אַ געוויסע פעולה: בלויז פונ׳ם פאָרלעגען זיי צו נעהמען די תורה איז אין זיי נתדבק געוואָרען עפּעס-וואָס, אַ שֶמֶץ פון איהר...

(קדושת לוי)

אויפ׳ן פסוק „ויוצא משה את העם לקראת האלקים״ זאָגט דער מדרש, אַז משה איז אַרומגעגאַנגען און האָט געוועקט די אידען פון שלאָף, זיי זאָלען געהן מקבל-זיין די תורה... ווי קומט עס, וואָס אין אַזאַ מאָמענט, פאַר קבלת-התורה, זאָלען זיך די אידען לעגען שלאָפען? — נאָר היות ווי זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז „החזיר הקב״ה את התורה על כל אומה ולשון״, אַז מען טראָגט זיך פריהער אַרום מיט דער תורה צו די אומות-העולם, און היות ווי ס׳האָט די אידען גאָרנישט געקאָנט עולה-על-דעתם זיין, אַז די גוים וועלען זיך אָבזאָגען און נישט וועלען נעהמען די תורה— האָבען זיי זיך דעריבער מייאש געווען און געלעגט שלאָפען!... און דערפאַר טאַקע איז אַ מנהג, נישט צו שלאָפען אין דער נאַכט פון שבועות...

(הנ״ל)

„החזירה הקב״ה על כל אומה ולשון״!... הייסט עס, אַז מען האָט אונז פאָרגעלעגט צו נעהמען די תורה בלויז דערפאַר, ווייל מען האָט אויף איהר אין-ערגעץ קיין בעלנים נישט געפונען. ווי-זשע וואָלט געווען, אויב די אומות וואָלטען דאַן יאָ מסכים געווען, וואָלט מען אונז אינגאַנצען אויסגעמיטען? —

ניין, חלילה! בעיקר האָט מען טאַקע געמיינט די אידען; און דאָס, וואָס מען האָט די תורה פריהער אַרומגעטראָגען צו די אומות, איז מען דערמיט אויסען-געווען, אַז פערקוקענדיג זיך אויף זיי, זאָלען אויך די אידען מרוצה ווערען מקבל צו זיין די תורה, — וויסענדיג, אַז די אידען האָבען אין אַלעם ליעב נאָכצוטהון די גוים...

(מחנה לוי)

דער מלבי״ם האָט אַמאָל אין שוהל בעמערקט, ווי אויפרופענדיג צום ספר אייגעם פון די שטאָדטישע משכילים, וועלכער איז געווען בעקאַנט אַלס נישט-איבריגער זהיר במצוות, האָט יענער מיט אַ זעהר מתיקות׳דיגען

נגון געמאַכט די ברכה „אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו",
ווי קוויקענדיג זיך מיט יעדען וואָרט.

— נישט אומזיסט — האָט זיך דער מלבי"ם נאָכדעם אָנגערופען —:
פרעהט ער זיך אַזוי; עס איז טאַקע באמת אַ גליק, „אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו", וואָס די תורה איז געגעבען געוואָרען בלויז אונז אַליין, זענען מיר פטור פון אָבצוהיטען זי און מיר קאָנען טהון, וואָס מיר ווילען!... וואָרום ווען חס-ושלום מען וואָלט אויך די גוים געווען געגעבען די תורה, וואָלטען דאָך דאַמאָלס אַפילו די אַפיקורסים געמוזט מקיים-זיין אַלץ, וואָס שטעהט געשריבען אין איהר, מיט אַלע פרטים ודקדוקים!...

בעת רבי יעקב-יוסף פון פולנאה, דער מחבר פון „תולדות יעקב-יוסף", האָט אָבגעדרוקט זיין ספר, איז ער אַליין אַרומגעפאָהרען איהם פער-קויפען איבער דער וועלט. אַ מקח האָט ער געשטעלט גאָר אַ הויכען אַ רענדעל פאַר אַן'עקזעמפּלאַר.

געקומען קיין בערדיטשעוו, איז ער געזעסען אין דער אַכסניה און האָט געוואַרט אויף קונים, זיי זאָלען קומען קויפען דעם חבור. דער עולם איז אָבער נישט געקומען, און רבי יעקב-יוסף האָט זיך דערפון זעהר שטאַרק מצער געווען און ער האָט זיך בעקלאָגט דערויף פאַר רבי וואָלף זשיטאָמירער (מחבר פון „אור המאיר"):

— סטייטש, — האָט ער גע'טענה'ט מיט הקפדה, — כ'בין געקומען אַהער פערקויפען מיין חבור, וואָס לערנט דער וועלט דעם רבי'ס (דעם בעל-שם'ס) תורה, ולסוף איז אין קונה!...

— מה רעש? — בערוהיגט איהם רבי וואָלף מיט אַ שמייכעל. — אויך דער רבונו-של-עולם איז געווען אַ גאַנץ אָנגעזעהענער מחבר, זיין ספר איז זיכער נישט געווען ערגער פון אייערס, פונדעסטוועגען האָט ער זיך אויך אַרומגעטראָגען מיט דער תורה און קיינער האָט זי נישט געוואָלט נעהמען!...

○

„ובריות בראשית חרדו ממך בהגלותך מלכנו על הר סיני"...

פאַרוואָס האָבען דאַן די בריות, די בעשעפענישען, געציטערט? — דען די גמרא זאָגט, אַז ווען די תורה וואָלט נישט געגעבען געוואָרען, וואָלטען מיר געוויסע גוטע מדות געקאָנט אַראָבלערנען פון די פערשידענע בעלי-חיים: „צניעות מחתול, עריות מיונה, גזל מנמלה". און דערפאַר איז אין'ם טאָג, ווען עס איז געגעבען געוואָרען די תורה, וועלכע איז כולל

אין זיך די אַלע גוטע מדות, האָבען די בעשעפענישען אָנגעהויבען צו ציטערן, מורא האָבענדיג, אַז מהיום והלאָה זענען זיי שוין איבערגעצונג איבריג אויף דער וועלט, מחמת זייער מיסיע צו דיענען אַלס לעהרע פאַר די מענשען איז שוין געענדיגט...

(מלבי״ם)

O

ר׳ שמעו׳לע אַלטער — דערצעהלען די גערער חסידים — האָט זיך געוואָלט משדך זיין מיט׳ן ברודער, מיט׳ן „שפת-אמת", פּרובענדיג טאָקע אַליין מיט איהם רעדען וועגען דעם. האָט איהם דער „שפת-אמת" דערויף גענטפערט, אַז קוים איז עס אַ שידוך אָהן אַ שדכן, האָט ער מורא, אַז עס וועט דערפון גאָרנישט ווערען, דען אַזוי געפינען מיר אויך ביי קבלת-התורה: די אידען האָט מען גע׳שדכ׳ענט די תורה דורך אַ מעקלער, דורך משה רבינו, איז דער קנין תיכף אויפ׳ן אָרט געשלאָסען געוואָרען; בנוגע צו די אומות-העולם אָבער האָט מען עס געפּרובט מאַכען אָ ה ן אַ שדכן, „החזירה הקב״ה על כל אומה ולשון", איז טאָקע פונ׳ם עסק גאָרנישט געוואָרען!...

O

דער ריזשינער פלעגט אַ שבת פאַר שבועות קיין תורה נישט זאָגען; איך פיהל מיך — פלעגט ער דאַן זאָגען — ווי אַ פויער פאַר׳ן שניט: די אַלטע תבואה איז שוין אויסגעגאַנגען; קיין נייע איז נאָך נישטאָ...

תִשְׁעָה בְּאָב

אֱלִי צִיוֹן וְעָרֶיהָ כְּמוֹ אִשָּׁה בְצִירֶיהָ...

פאַרהאַן צווייערליי חבלים און יסורים. פאַרהאַן חבלי־מיתה, וועלכע זענען כולם צער, דערנעהעטערנדיג דעם סוף פון לעבען; און פאַרהאַן חבלי־לידה, וואו דער צער איז געמישט מיט שמחה, ברענגענדיג מיט זיך דעם געבורט און דעם אָנהויב פון אַ ניי לעבען... דער צער און די ליידען פון ציון איז דער צער פון „אשה בציריה״ — פון חבלי־לידה...

(קדושת לוי)

○

בְּרְאוֹתִי כָּל־עִיר עַל תִּלָּהּ בְּנוּיָה...

צו רבי חיים וואָלאָזשינער, דעם גאון׳ס תלמיד, איז אַמאָל געקומען אַ חסיד׳ישער רב, וועלכען רבי חיים האָט אויפגענומען בסבר־פנים־יפות און געפראַוועט פאַר איהם אַ סעודה, ווי עס פאַסט פאַר אַן אורח הגון. ביים טיש, שמועסענדיג אין דברי־תורה, האָט דער חסיד׳ישער רב געזאָגט אַ תורה וועגען דעם ענין פון גשמיות און רוחניות און ער האָט איינגעטייטשט דעם פזמון פון סליחות:

„אזכרה אלקים ואהמיה בראותי כל־עיר״ — בעת איך זעה, ווי אַלע התעוררות׳ן, אַלע תאוות הגשמיות — „על תלה בנויה״ — זענען דערהויבען ברום־המעלה — „ועיר האלקים״ — און די געטליכע התעוררות, די תשוקה צו רוחניות, צו עבודת־הבורא — „מושפלת עד שאול־תחתיה״ — געפינט זיך אין שפל המצב...

רבי חיים האָט אויסגעהערט די תורה און געשוויגען. שפעטער אַ ווייל׳ע טהוט ער אַ פרעג דעם חסיד׳ישען רב:

— איהר זענט אַמאָל געווען אין פעטערבורג?

— ניין, — ענטפערט דער רב.

— אָבער — פרעגט ער איהם ווייטער — געהערט פון פעטערבורג האָט איהר?

— יאָ, — ענטפערט דער רב, — אַודאי געהערט.

— פעטערבורג — זאָגט רבי חיים — איז אַ כרך גדול מיט לאַנגע און ברייטע גאַסען, מיט גרויסע און שענע בנינים, מיט פּאַלאַצען און גערטנער — ממש מען קאָן זיך גאָר זאַט נישט אָנקוקען!...

דער חסיד'ישער רב הערט און חידוש'ט זיך: רבי חיים זאָל רעדען דברים־בטלים, דערצעהלען שבחים פון אַ גוי'אישען כרך!...

— און אין וואַרשא — פרעגט רבי חיים ווייטער — זענט איהר געוועזען? וואַרשא איז אויך אַ שענע שטאָדט, מיט געפּלאַסטערטע גאַסען און שטיינערנע בנינים...

— דער רב קוקט אויף איהם און וואונדערט זיך.

— מען זאָגט — פיהרט רבי חיים ווייטער דאָס געשפּרעך — אַז בערלין איז אַ יופי פון אַ שטאָדט, ממש אויף חידושים. פון פּאַריז שמועסט מען נישט!...

— יאָ, — האַלט שוין דער רב נישט אויס, — אָבער אַנטקעגען וואָס...

— אַנטקעגען דעם פּזמון — ענטפערט רבי חיים בנעימות — וואָס איהר האָט פריהער דערמאָהנט. אָט דאָס טאַקע איז דער פּשט: „בּראותי כל־עיר" — איטליכע שטאָדט, אַ שטייגער פעטערבורג, וואַרשא, בערלין, פּאַריז — „על תּלה בּנויה" — שטעהט אַ געבויטע — „ועיר האלקים" — און די געטליכע שטאָדט, ירושלים — „מושפּלת עד שאול תּחתּיה" — ליעגט אין שפלות, איז חרוב ומוחרבן!...

○

דער רבי פון דראָהאָביטש פלעגט טייטשען: „חנם נמכּרתּם ולא בכסף תּגאלו" (ישעיה כ"ב) — דורך שׂנאת־חנם זענען מיר פון אונזער לאַנד פערטריבען געוואָרען, און פּונקט אַזוי דאַרף אויך אונזער גאולה קומען בחנם: דורך אַהבת־חנם!...

○

ליטווישע אידען פון ווילנער געגענד דערצעהלען פאָלגענדע מעשה שהיה:

אין ליטא האָט אַמאָל גע'שמ'ט אַ געוויסער ניסן ראָזענטאַל, וועלכער איז געוועזען בעריהמט אַלס גרויסער אַפּיקורס, און מומר־להכעיס, ביי וועלכען דאָס גרעסטע פערגעניגען פלעגט זיין אָבצוטהון אַ פרומען

אידען עפּעס אַ שפּיצעל, אונטערשטעלען איהם אַ פיסעל און שטרויכלען איהם מיט אַנ'עבירה... אַמאָליגע אַפּיקורסים!

געװען איז ניסן אַ איד אַ גביר, אַ גרויסער פּאָדריאַטשיק, בײ װעלכען אַ סך אידען האָבען גוט פערדיענט, מחמת ער איז געװען בּטבע אַ גוטער מענש, אַנ'אָפענע האַנד.

ויהי היום, בעת ניסן האָט געהאַט אָנגענומען צו מאַכען דעם שאָסײ פון װילנא קײן מינסק, איז ער אַמאָל, אום תשעה-באָב נאָך האַלבען טאָג, אַרײנגעפאָהרען אין אַ קלײן שטעדטעל אין װילנער געגענד. פערפאָהרען איז ער מיט אַ זעהר שענער קאַרעטע גלײך צום רב. אַרײנגעקומען צום רב, מאַכט ער צו איהם:

— רבי, כ'בין געקומען פרעגען בײ אײך אַ שאלה, צי מעג איך עפּעס איבערבײסען. כ'פיהל מיך, לא-עליכם, זעהר שװאַך און ס'איז מיר שװער צו פאַסטען.

דער רב גיט אַ קוק אויפ'ן געזונדטען אידען, מיט'ן רויטען פּנים, מיט'ן פעטען קאַרק, און זאָגט:

— נײן, ר' איד... כ'בין נישט בכח אײך מתיר צו מאַכען... תשעה-באָב, פערשטעהט איהר מיך, איז כּמעט אַזוי האַרב װי יום-כּפּור.

— כ'װײס עס, רבי, גאַנץ גוט, — מאַכט ניסן אַ פרום פּנים, — כ'פיהל אָבער, אַז כ'װעל מעהר נישט קאָנען אויסהאַלטען! אַגב, בין איך גרײט צו געבען אַ גרויסען פּדיון-נפש, „אגרא דתעניתא"... היות װי אײער שטעדטעל דאַרף האָבען אַ מרחץ, װעל איך הײסען מײנע מענשען אויס-בויען אײך אַ מרחץ כּדבעי, אויפ'ן גרויס-שטאָדטישען אופן.

דער רב, אַ איד אַ תּמים, דערהערענדיג אַזעלכע װערטער, גיט ער נאָכאַמאָל אַ קוק אויף ניסן'ען און פרעגט איהם:

— פיהלט איהר זיך, הײסט עס, אַז איהר קאָנט נישט פאַסטען?

— שײך נישט קאָנען? — קרעכצט ניסן. — כ'פיהל, לא-עליכם, אַ חשכות פאַר די אויגען, טאַקע ממש סכנת-נפשות!... און אַ מרחץ, הערט איהר, רבי, װעל איך אײנ'ם שטעדטעל אויסבויען, אַז די גאַנצע סביבה װעט אײך מקנא זײן!...

דער רב איז זיך מיישב, קװענקעלט זיך און בעשליסט:

— פּיקוח-נפש... לב יודע מרת נפשו... מילא — אויב אַזוי, מעגט איהר עפּעס איבערבײסען...

— גיט-זשע מיר, רבי, אַנ'עצה — מאַכט װײטער דער בעל-דבר — װאו בעקום איך דאָ צו עסען? אין שטעדטעל װעט מען דאָך תשעה-באָב אַ אידען נישט געבען קײן עסען. געה דערצעהל יענעם אַ מעשה, אַז כ'בין

א שוואכער מענש און דער רב האט מיר מתיר געמאכט!... אפשר, רבי, וואלט געווען א סברא, שיקען פונדאנען עמיצען עפעס איינקויפען און דא ביי אייך גופא איבערכאפען דאס הארץ?

— מהיכא־תיתי — האט דער רב מספים געווען. ניסן האט געגעבען געלד און מען האט תיכף געבראכט פון מארק עטליכע בייגעל מיט א הע־רינג, מיט א פלעשעל בראנפען. ניסן האט זיך געוואשען און זיך געזעצט צום טיש עסען פונקט אנטקעגען דעם רב...

פלוצים שפרינגט ניסן אויף פון טיש, לויפט־צו צום רב און שרייט־אויס:

— אוי, וועה איז מיר, רבי!... זעהט נאר, ווי איהר קוקט־אויס!... א בר־מינן, רחמנא ליצלן!...

דער רב, אנ'עלטערער מענש, אבגעשוואכט פון תענית, האט זיך טא־קע אויף אנ'אמת דערשראקען.

— רבי! — וויל ניסן פון איהם נישט אבשטעהן: — איהר טארט מעהר נישט פאסטען, „ושמרתם לנפשותיכם" שטעהט... אויב איהר, רבי, וועט נישט עסען, עס איך אויך נישט... נעהמט איהר אויף זיך צוויי נפשות!...

דער רב הויבט זיך אן צו קווענקלען:

— עפעס פיהל איך מיך טאקע זעהר שוואך...

— רבי, — לאזט איהם ניסן נישט אב, — געהט שוין וואשען זיך!... אגב, בין איך גרייט אויך פאר אייך צו געבען א פיינעם פדיון־נפש: כ'וועל שיקען מיינע מענשען, זיי זאלען מאכען א גדר ארום בית־עלמין.

דער רב לאזט זיך אנרעדען, וואשט זיך און זעצט זיך צום טיש.

ניסן רוקט איהם אונטער א גלעזעל נאך א גלעזעל — דער רב ווערט אביסעל בגילופין'דיג, דאס פנים נעהמט זיך איהם רויטלען...

— רבי, — מאכט צו איהם ניסן, — איהר ווייסט דאך, רבי, אז אום תשעה־באב איז געבוירען געווארען משיח, איז טאקע כ'לעבען א יושר־גדול צו געהן א טענצעל.

און אזוי רעדענדיג, נעהמט ער דעם רב, פערוואַרפט א האנד אויף זיין אקסעל און הויבט זיך אן דרעהען מיט איהם ארום טיש, צופאטשענ־דיג מיט די הענד און צוזינגענדיג:

— שושנת יע־ע־קב צהלה ושי־מ־חה!...

ביני לביני איז שוין געווארען פארנאכטליך, דער עולם אין בית־מדרש ווארט אויפ'ן רב — מען וועט זיך דאך אהן דעם רב נישט שטעלען דאווי־נען די תשעה־באב'דיגע מנחה, לייענען „ויחל"... מפטיר... מען ווארט, מען ווארט — און מען קאן זיך נישט דערווארטען. שיקט מען נאך איהם דעם

שמש. דער שמש קומט אַריין — ווערט איהם פינסטער פאַר די אויגען: דער רב האַלט זיך קוים אויף די פיס, זינגט און טאַנצט גאָר מעשה שמחת־תורה!...

איז געוואָרען אַ רעש אין שטעדטעל. אַזאַ מעשה! אַ רב זאָל זיך אָנ׳שכור׳ן אום תשעה־באָב — דאָס פערלויפט זיך דאָך נישט אין דער גאַנצער וועלט!...

ניסן ראָזענטאַל האָט זיך תיכף אָבגעטראָגען...

נאָך תשעה־באָב האָט קהל גערופען אַנ׳אַסיפה און אָבגעזאָגט דעם רב פון רבנות. נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט רבי הלל אַמטשיסלאַווער, וועלכער איז דאַמאָלס געווען רב אין קרעווע: געוואויר ווערענדיג פון דער מעשה, איז ער תיכף אַריינגעפאָהרען אין שטעדטעל און האָט בעפויהלען, מען זאָל דעם רב צוריקנעהמען.

— דער רב אַייערער — האָט ער גע׳טענה׳ט צו די ראשי־הקהל — האָט טאַקע אָבגעטהון אַ שטות. איהר אָבער האָט אָבגעטהון אַ גרעסערען שטות, האַלטענדיג אַזאַ שוטה אַלס רב עטליכע צעהנדליג יאָהר!... איז אויב איהר האָט זיך מיט איהם אַזוי לאַנג געהאַלטען, טאָ האַלט זיך מיט איהם ווייטער!...

(מ. ליפסאָן — „די וועלט דערצעהלט“)